UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

## Title
Kheshbn No. 96- Fall 1980 - Journal

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/89g6z08x

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 96(1)

Publication Date
1980

Copyright Information
Copyright 1980 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

לשנה טובה תכתבו ותחתמו




פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

AUTUMN 1980

96

האַרבסט תשמ״א

אַרויסגעגעבן פון:

- לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור-קלוב און שרייבער-קרייז

מיט דער מיטהילף פון:

- ל.א. קאָונסיל פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד
- אַרבעטער רינג קולטור-צענטער אין ל. א.

### לשנה טובה תכתבו ותחתמו

## דער ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

- איז אַ קאָנסטרוקטיווער כוח אין יידישן לעבן אין אַמעריקע. דעם פאַרבאַנדס אַרבעטער־ציוניסטישער פּראָגראַם שליסט איין:
- אָנטייל אין אַלע אַקטיוויטעטן וואָס שטאַרקן דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און זיכערקייט־פּראָגראַם פון מדינת ישראל;
- שטאַרקן דעם כוח פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל — די הסתדרות העובדים;
- העלפן דעמאָקראַטיזירן יידיש לעבן אין אַמעריקע און זאָרגן פאַר דעם יידישן המשך;
- קעמפן פאַר אַ בעסערער אָרדענונג פון סאָציאַלן יושר און שלום אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

דער פאַרבאַנד איז אַ פראַטוירנאַלע אָרגאַניזאַציע
וואָס זאָרגט פאַר דעם היינט און מאָרגן
מיר לאדן אייך איין אָנצושליסן זיך אין אונדזערע רייען

ל. א. שטאָט־קאָמיטעט פון
ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד

לייביש נאַטאַנסאָן, פרעזידענט • משה כהן, ראַיאָן פּאָרזיצער

**LABOR ZIONIST ALLIANCE**

8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048
Telephone: 655-2842



# HESHBON

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

8339 West Third Street • Los Angeles, California 90048



EDITORIAL BOARD:

M. SHKLAR S. WEISS S. SCHLOSSER

1108 S. Clark Dr., Los Angeles Ca. 90035

ADMINISTRATIVE COMMITTEE:

G. FRYDMAN, *Financial Sec'y* H. BERMAN, *Administrator*

337½ No. Hayworth Ave., Los Angeles, Calif., 90048—Tel. 655-1292

*Members*: S. BUNYAN, MOSHE COHEN, NAT GIEROWITZ, ALEX ROBIN *and* S. ZUCKERMAN



**Subscripton price: $5.00 per year**

# אינהאַלט


חיים גראַדע: דער אויסגעברענטער דאָרן — זייט 3
אברהם גאָלאָמב: וואָס קען דעם יידישן פאָלק דערוואַרטן — 4
עזריאל נאקס: שלום אַש (צו זיין הונדערטסטן געבוירן־יאָר) — 10
לייב וואַסערמאַן: לידער — 12
לילי בערגער: דער בלאַנדזשענדיקער בונטאַר (דערציילונג) — 14
שואל גוטמאַן: אַלעקסאַנדער סאָלזשעניצין — דער קינסטלער און דער נביא — 19
יעקב י. מייטליס: די „משלי שועלים״ פון רבי ברכיה הנקדן
(אויפן ראַנד פון חיים שוואַרצבוימס מייסטער שטודיע) — 25
איש יאיר: הוריות אין האַרבסט (לידער) — 32
יעקב זיפּער: דער פּאָעטישער דרך פון רחל קאָרן — 33
לאָטי פּ. מלאך: דזשעק־יאַנק (דערציילונג) — 35
משה שקליאַר: ווען נישט דער ווינט (פראַגמענט פון א פּאָעמע) — 41
ב. שלעווין: די אַקאַדעמיע אונטערוועגנס (דערציילונג) — 45
מאיר חלץ: לידער — 52
קובאַ פישבין: די ישראל־שטאָט דימונה — 25 יאָר אַלט — 55


## שרייבערס און ביכער


משה שקליאַר: אויפן ראַנד — 60
שמואל איזבאַן: י. ח. בילעצקיס נייע לידער — 65
ס. בוטקעוויטש: „דאָס יידישע געמיט״
(פסיכאָלאָגישע עסייען פון ד״ר יצחק קאַנטער) — 67
זלמן שלאָסער: אין געראַנגל פאַר יידישן קיום:
1. „סאָוועטישע יידישע מלוכהשקייט״ פון חיים סלאָוועס
2. „שפּאַצירן אין דער נאַכט״ פון דוד ספאַרד
3. „אַ וואָלפיש אין יפו״ פון שמואל איזבאַן
אהרן טהאָרן: צו משה נאַדעלמאַנס 80סטן געבוירן־יאָר — 80


## פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין ל. א.


שמואל ווייס: 1. חב״ד זאַמלט דריי מיליאָן אויפצובויען אָפּגעברענטן צענטער — 81
2. נייער פּראָגראַם פאַר משפחות פון געמישטע חתונות
ב. סערדזש: פּראָיעקט „לעבן, נישט טויט, אין וועניס״ — 84
מרים און ד״ר הערשל הערבסט: ייוואָ אויסשטעלונג און פעסטיוואַל — 86
אַלעקס ראַבין: נאָכוואָרט און אויפקלערונג — 88
לזכר עולם — 91
מעלדונגען און באַגריסונגען — 96-92


---

די אַחריות פאַרן אינהאַלט פון די אַרטיקלען טראָגן די שרייבערס אַליין

---

## ה׳תשמ״א 5740

צום נייעם יאָר תשמ״א אונדזערע האַרציקע

# שנה טובה ברכות

צו אַלע אונדזערע לייענער, מיטאַרבעטער און פריינד.

רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג
„חשבון״

---


# חשבון

פעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען

רעדאַקציע קאָלעגיע:
זלמן שלאָסער
משה שקליאַר
שמואל ווייס

פאַרוואַלטונג:
העניך בערמאַן, פאַרוואַלטער
גרשון פרידמאַן, פינ. סעקר.
מיטגלידער:
ז. בונין, נתן גערשאָוויץ,
משה כהן, שלמה צוקערמאַן
און אַלעקס ראָבין

36טער יאָרגאַנג, נומער 96 • האַרבסט 1980 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.


---


**חיים גראַדע** / ניו־יאָרק


## דער אויסגעברענטער דאָרן*)

איך בין דער דיכטער וואָס לעב מיט זכרון
און פיל אויף מיין צונג ווי עס וויאַנעט מיין לשון.
הלוואַי קען איך זאָגן, אַז איך בין דער דאָרן,
וואָס ברענט אין דעם מדבר און ווערט ניט פאַרלאָשן.

ווי לאַנג אין מיין לייב האָט געגליט נאָך דער פיבער
פון זיין נע־ונד אין פאַרטריבענע יאָרן;
ווי לאַנג איך האָב איינגעזאַפּט שטויב פון די גריבער—
האָב איך נאָך געברענט ווי אין מדבר דער דאָרן.

נאָר זינט איך האָב טיף אין מיין האַרצן פאַראַקערט
די חורבה און אַלץ וואָס האָט געטליעט דאָרטן,
האָט אויסגעברענט אויך מיין געזאַנג, ווי דער פלאַקער
אין געטאָ, ווו ס׳בליט איצט אַ גרינישער גאָרטן.

---

*) מיר דרוקן דאָ איבער חיים גראַדעס ליד לכבוד זיין זיבעציקסטן געבוירן־יאָר. מיר ווינטשן אים אַ סך יאָרן פון געזונט און שעפעריש׳קייט.

אברהם גאָלאָמב

# וואָס עס דערוואַרט אונדז

מיר לעבן אין אַ שרעקלעך־ביטערער צייט. דער גאַנצער יאָרהונדערט איז, ווי עס קוקט אויס, פאַר יידן געווען זייער אַ שווערער, אַ שרעקלעך - שלימזלדיקער. דאָס גאַנצע פאָלק — אויפן פור. מען פאָרט, מען לויפט. דאָס גאַנצע לעבן האָט זיך געענדערט. אַ פעריאָד פון עטלעכע הונדערט יאָר שטעטלעך איז געענדיקט. אַ נייער פעריאָד דאַרף זיך ערשט אָנהייבן. און די ענדערונגען זיינען ווייט ניט רואיקע, שטילע. עס איז אַ בלוטיקער קריזיס, וואָס קאָסט דעם יידישן סאָלק אַ סך בלוט און כוחות.

לאָמיר אויסרעכענען די ענדערונגען, וואָס האָבן געקענט דורכגיין אויך אָן בלוטיקע קאַטאַסטראָפעס. די קאַטאַסטראָפעס האָבן צוגעאיילט, פאַרגיכערט דעם איבערגאַנג. ווען ענדערונגען גייען דורך נאָרמאַל, אָן קאַטאַסטראָפעס, קענען זיי דויערן לאַנג, דורות גאַנצע. האָבן די קאַטאַסטראָפעס פאַרגיכערט דעם פראָצעס, זיינען זיי פאָרגעקומען מיט חורבונות. זיינען חרוב געוואָרן די יידישע שטעטלעך, זיינען יידן געוואָרן אַ שטאָטישע באַפעלקערונג, אָבער ניט סתם געוואָרן, נאָר זיך געראַטעוועט אין די שטעט אַריין. לאָמיר פרובירן אויסרעכענען די נאָרמאַלע געשיכטלעכע ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין יידישן לעבן, וואָס האָבן געקענט פאָרקומען אויך אָן קאַטאַסטראָפעס:

א) — עס איז אונטערגעגאַנגען דער

---

דער גויישער גאָרטן מיט פרוכט איז באַלאָדן,
און איך פיל שוין טריקעניש אין מיינע צווייגן,
און וויל איך פאַרוואָרצלען מיין שטאַם אין אַ באָדן,
דערזע איך באַצייטנס דעם העקער פאַרבייגיין.

אָ, זינט עס איז אומטריי מיין היים מיר געוואָרן,
געבליבן איז מיר בלויז איין היימלאַנד אַ טרייע.
איך ווייס, איך וואָלט דאָרטן געברענט ווי דער דאָרן,
נאָר איך וואָלט געברענט מיט דעם שם פון הויה.

האָב איך ניט געוואָלט צווישן לייבלעכע ברידער
אַרומגיין און זינגען אַ טרויעריק-פרעמדער.
עס זאָלן דאָרט שטיף-קינדער זיין מיינע לידער,
יתומים וואָס טראָגן געשאָנקענע העמדער.

האָב איך אויפן אַנדערן זייט ים אויסגעוואָגלט,
אין לאַנד וואָס האָט זאַפטן פאַר אַלע סאָרטביימער.
נאָר איך קען בלויז טרינקען פון אייגענעם לאָגל
און ניט קיין פרעמד וואַסער... האָב איך ניט קיין היים מער.

מיין גוף בענקט נאָך רו, און מיין האַרץ — נאָך די יאָרן
ווען ס'האָט מיר דער ווינט פון די וועגן געדראָשן.
מיין ליד האָט געברענט ווי אין מדבר דער דאָרן,
און האָט מיט זיין פייער באַפרוכפערט מיין לשון.

מזרח־אייראָפּעישער יידישער צענטער; דער צענטער וואָס האָט געלעבט במשך פון הונדערטער יאָרן אין מזרח־אייראָפּע. נאָך גאָר ניט לאַנג צוריק האָבן מיר, ניט אָן שטאָלץ, גערעדט וועגן דריי צענטערן פון יידישער קולטור — ניו־יאָרק, וואַרשע און מאָסקווע. צוויי פון זיי זיינען חרוב געוואָרן מיט די יידישע חורבנות. איינער איז לכתחילה געווען אַ פאַלשער: די יידישע קולטור איז געווען אַ געבראַכטע, ניט קיין אָרגאַניש אויסגעוואַקסענע. זיין קולטור איז געווען אַן אָנגעפּאָרענע, ניט קיין אָנגעוואַקסענע. ניו־יאָרק איז ניט געווען קיין אָרגאַנישער צענטער; ניט געוואַקסן אין אים קיין יידישקייט! ניט אונטערגעגאַנגען אין אים יידישקייט, נאָר קיין מאָל איז זי אין אים ניט געוואַקסן! זי איז געווען אַ געבראַכטע לכתחילה. עס איז געווען אַ צייטווייליקע אַכסניה. קיין איין יידישער שרייבער איז ניט אָנגעוואַקסן אין אַמעריקע — אַלע געקומענע. עס קומען מער ניט און ניטאָ מער פון וואַנען צו קומען. עס גייט שווער די לעצטע טאָג־צייטונג אין אַמעריקע.

ב) — עס האָט זיך געענדיקט די תלמודיש־שטעטלשע תקופה אין דער יידישער געשיכטע. עס קומט אָן אַ נייע תקופה — די אורבאַנישע, די גרויס־שטאָטישע. ניטאָ מער קיין באַזונדערע יידישע שטעטלעך. יידן ווערן אַ גרויס־שטאָטישע באַפעלקערונג און מיר ווייסן נאָך גאָר ניט ווי יידישקייט וועט זיך איינהאַלטן און אַנטוויקלען אין די גרויסע שטעט.

ג) — דער צענטער פון יידישן פאָלק, זיין מאַסיוו, האָט זיך אַריבערגעטראָגן פון מזרח ווייט קיין מערב. ניט דאָס ערשע מאָל טראָגט זיך דער יידישער צענטער אַריבער, אָבער, קיין מאָל ניט מיט אַזוינע בלוטיקע קאַטאַסטראָפעס. ניטאָ אין אַמעריקע קיין פאַרזיכיקע יידישע שטעטלעך. קיין מאָל האָבן יידן ניט געשאַפן קיין מינדערהייטן. זיי זיינען אין די שטעטלעך געווען ניט בלויז אַ מערהייט, נאָר בכלל פאַרזיכיק, אַליין. ערשט אין דעם היינטיקן אורבאַניזם זיינען מיר געוואָרן אַ מינדערהייט, צעשאָטן, צעברעקלט.

ניט איין מאָל האָט זיך דער יידישער צענטער איבערגעטראָגן, אָבער קיין מאָל ניט מיט אַזוינע קאַטאַסטראָפעס ווי איצט.

ד) — היטלערס גזירה. פון המנען אָן איז אַזאַ גזירה ניט געווען. מיר זיינען געוווינט צו גזירות, אָבער אַזאַ איז קיין מאָל ניט געווען: אויסראָטן מייז און יידן — ניט געווען פון המנען אָן. און דאָס דייטשישע פאָלק האָט עס אָנגענומען, געערן געפירט, געטאָן די אַרבעט אין די אויגן פון דער גאַנצער וועלט. און די וועלט האָט געשוויגן. די גאַנצע „גוטע" וועלט האָט געשוויגן, געלאָזט די דייטשן טאָן די אַרבעט — „באַפרייען" די וועלט פון יידן. אפשר איז מען מקנא געווען די דייטשן, אפשר איז מען געווען צופרידן וואָס די „אַרבעט" ווערט געטאָן און „מיר קענען שטיין פון ווייטן." ס'איז אָבער ניטאָ קיין גאַראַנטיע, אַז דער „פּראָיעקט" וועט זיך ניט איבערחזרן ווידער. שווער איז דאָס ערשטע מאָל. ווייטער איז גרינגער... און אַ סך זאָגן: אַ שאָד וואָס היטלער האָט ניט „געענדיקט" וואָס ער האָט אָנגעהויבן. עס פאַרדריסט זיי. און דאָס דייטשישע פאָלק האָט געוואַשן די הענט. אָבער ניין: די אַרבעט האָט געטאָן ניט היטלער, נאָר דאָס דייטשישע פאָלק מיט אַלע פּרטים, ווי די דייטשן זיינען געוווינט.

ניט פאַר יידן האָבן זיך אָנגענומען פעלקער. קיין איין באָמבע איז ניט געוואָרפן געוואָרן אויף די טויט־לאַגערן, וואָס די דייטשן האָבן אויפגעשטעלט פאַר יידן: די „גוטע" וועלט האָט זיי געערן געלאָזט טאָן זייער אַרבעט — אויסראָטן פון דער וועלט „מייז און יידן. באַפרייען די וועלט פון די דאָזיקע פּלאָגן. האָט די גאַנצע וועלט, די „גוטע" פעלקער, געוואַשן צופרידן די הענט וואָס די דייטשן טוען די גאַנצע אַרבעט אויך פאַר זיי. און „מען" איז געווען זייער ניט צופרידן וואָס היטלער האָט ניט „געענדיקט" זיין אַרבעט, ניט באַוויזן צו ענדיקן. די באַציונג פון די פעלקער צו די געבליבענע יידן, די באַציונג פון ענגלאַנד צו די יידן וואָס האָבן זיך געריסן קיין ישראל, די באַציונג פון די פעלקער וואָס האָבן פאַרנומען דאָס יידישע האָב און גוטס ווייזט

אַז די דייטשן מיט זייער באַציונג זיינען ניט געווען קיין אויסנאַם.

ה) — דער אָפּענער פאַרשטאַרקטער אַנטיסעמיטיזם אין דער וועלט בכלל. ביז היינט פלעגט מען זיך שעמען אַ ביסל מיט דעם אַנטיסעמיטיזם. איצט איז די חרפּה אַוועק. כלומרשט איז מען בלויז קעגן ציוניזם, ניט קעגן יידן בלויז. געמיינט האָט מען אַז מיטן אויפקום פון ציוניזם וועט דער אַנטיסעמיטיזם אָפּגעשוואַכט ווערן. איז אַרויס גאָר פאַרקערט: דער ציוניזם האָט ווי געכשרט דעם אַנטיסעמיטיזם. מען זאָגט אַז מען איז קעגן ציוניזם, אָבער למעשה איז מען קעגן יידן בכלל. און עס איז צוגעקומען צום אַנטיסעמיטיזם גאָר אַ נייער כוח — די גאַנצע אַראַבישע וועלט און זיי, די אַראַבער, האָבן נאַפּט, האָבן געלט און זיי זיינען רייך. און די וועלט מיט פעלקער חנפעט זיך צו די אַראַבער — אַ נייער כוח קעגן יידן, און גיי שלאָג זיך מיט דער גאַנצער וועלט, ווען יידן האָבן גאָר נישט מיט וואָס צו געפעלן דער וועלט. טאַנצן אַלע נאַפּט־דאָרשטיקע פעלקער לויט אַראַבישער מוזיק. אַזוי איז די וועלט און פאַרפאַלן!

קיינער קען ניט פאָרויסזאָגן ווי די נייע שינאַת ישראל וועט זיך אויסגיסן פּראַקטיש. ניט אַלע מאָל חזרט זיך איבער די מעשה פון גלית און דוד. וואָס פאַראַ נייעסן דער נייער אַנטיסעמיטיזם וועט ברענגען ווילט זיך ניט פאָרויסזען. דערווייל זעען מיר בלויז די איינזאַמקייט פון דער יידישער מדינה אין דער וועלט מיט דעם איינציקן פריינד — די שטאַטן — וואָס האָבן גאָר זייערע אינטערעסן. און ווער קען וויסן ווי זיי וועלן מיט דער צייט זיין. דערווייל איז די מדינה פּאָרט איינזאַם, אַליין, און דער אַנטיסעמיטיזם איז איצט אָפן און דרייסט. ניט ווי אַמאָל, ווען מען פלעגט זיך נאָך אַביסל שעמען מיט אים. ס׳איז געוואָרן אַ כשרע לעפל אין אַ כשרן טעפּ.ל..

צוויי פאַקטאָרן האָבן געטריבן יידן קיין ארץ ישראל: די יידישע צרות, וואָס האָבן זיך געגאָסן אויף יידן פון די לאַנד בעלי־פאָלק, וואָס מען איז מיט זיי ניט געווען בתים און די עצם אייגנשאַפט פון יידישן צופרידן. די השכלה און דער ציוניזם האָבן שטאַרק געוואָלט פּטור ווערן פון אָט די אייגנשאַפטן... האָט אחד העם געשריבן: „עם כי יחרב, מי יבנהו?“ עס איז געווען אָנגענומען ביי משכילים פון יענער צייט, אַז יידן זיינען אַ חרוב פאָלק. עס איז אָבער געווען אַ פאַלשע באַשולדיקונג, אַ בילבול: אַן אומגעקומען פאָלק שאַפט ניט קיין פאָלק־אידעאַל פון דעם אייגענעם אַמאָל, באַזעצט ניט קיין לאַנד ווי אין אַרגענטינע, בויט ניט אויף קיין קאָלאָניעס ווי אין ארץ ישראל. האָט אַזוי דאָס כלומרשט חרובע פאָלק געשאַפן נייע גרויסע ישובים אין דער נייער וועלט. אָבער דאָ האָט מען געמאַכט אַ שווערן טעות: מען האָט געוואָלט בויען אַ ניי פאָלק לויט אַ פּאַרטיקן פּלאַן, לויט דעם פאַרצייטיקן מוסטער. אָבער די תנ״ך־תקופה האָט מען ניט מחיה־מתים געווען. קיין בועזים און קיין צלפחדים האָט מען ניט אויפגעבראַכט. מען האָט אָבער די איצטיקע בערל און שמערל אויך ניט געשאַפן, דעם היינטיקן יידן ניט געשטאַלטיקט.

נאָר לאָמיר גיין כסדר און באַטראַכטן די ענדערונגען וואָס זיינען פאָרגעקומען אין יידישן לעבן, די ענדערונגען אָן די קאַטאַסטראָפעס — די בלייבנדיקע היסטאָרישע ענדערונגען.

## פון שטעטל אין שטאָט

דאָס אוראַלטע שטעטל איז געווען דורכויס יידיש, פאַרזיכיק און באַזונדער. קיין אַסימילאַציע האָט אין שטעטל ניט געקענט זיין, ניט געווען מיט וועמען זיך צו אַסימילירן. דאָס שטעטל האָט פאַרברידערט יידן. דער שטעטלשער ייד איז געווען פעאיקער זיך צו קאָנצענטרירן, זיך אַריינצוטראַכטן, מער זיין מיט זיך אַליין. כמעט אַלע יידישע שרייבערס שטאַמען אייגנטלעך פון שטעטלעך. די שטאָט האָט דערווייל נאָך ניט אויפגעהאָדעוועט קיין יידישע שרייבערס, קיין דענקערס. און זינט יידן זיינען געוואָרן אַ שטאָטיש פאָלק, איז געוואָרן אויס מיט יידישע שרייבערס. ניטאָ! ניטאָ די פעאיקייט זיך צו פאַרטראַכטן. דער שטאָטישער ייד איז אויבערפלאַכיקער, ווייניקער קאָנצענטרירט, פלאַכער ווי דער

שטעטלשער ייד. דערפֿאַר איז דער שטעטלשער ייד מער צוגעבונדן צו זיין שטעטל, צו זיין אַמאָליקער היים. ער האָט טיפערע און ברייטערע וואָרצלען.

## יידן אין גרויס-פראָדוקציע

די יידישע שטעטלעך פלעגן אין דער אַלטער היים באַזאָרגן דעם ניט-יידישן דאָרף מיט שטאָטישע פראָדוקטן: קעראָסין, צוקער, זאַלץ, הערינג וכדומה. דאָ אין אַמעריקע האָבן די אַמעריקאַנער שטעט ניט געדאַרפט קיין יידישע פאַרמיטלונג. די יידישע קראָם האָט דאָ קיין אָרט ניט געהאַט. זיינען יידן געוואָרן אַרבעטער אין גרויסע פאַבריקן. דאָס ערשטע מאָל אין לאַנגן גלות געדאַרפט אַרבעטן שבת און יום-טוב, צוזאַמען מיט אַלע ניט-יידן. ייד און ניט-ייד גלייכע יחסנים אין פאַבריק און אין שול. אַלע לערנען די זעלבע לאַנד-שפּראַך. ביי די שטעטלשע יידן האָט זיך דאָ די פסיכיק שווער געביטן אָבער פאָרט זיך געביטן. סוף-כל-סוף פאַסט מען זיך צו. און יידן זיינען פון אייביק אָן פעאיק זיך צוצופאַסן. אַז מען קען פון גוט צו שלעכטס זיך צופאַסן, איז דאָך פאַרקערט פון שלעכטס צו גוטס נאָך גרינגער. ביסלעכווייז און גאַנץ פאַמעלעך האָבן יידן זיך צוגעוווינט צו אַמעריקע. ביסלעכווייז האָט זיך אויך געביטן די גאַנצע יידישע פסיכיק. אַמעריקע איז פאַר יידן געווען ווי אָנגעגרייט פון גאָט זיך צו ראַטעווען פון אַלטן רוסלאַנד. דערווייל זיינען די אַלטע שטעטלעך אין דער אַלטער היים אויסגעליידיקט געוואָרן פון יונגע יידן.

די יידישע שטעטלעך אין פוילן זיינען ביסלעכווייז אויסגעגאַנגען מיט אַ נאַטירלעכן טויט. אָבער די פוילישע רעגירונג פון פאַר דער מלחמה האָט אומגעדולדיק זיך ניט געקענט דערוואַרטן און זי האָט מיט אירע מיטלען צוגעיאָגט דעם אונטערגאַנג פון די יידישע שטעטלעך. אירע מיטלען זענען געווען פשוטער רויב דורך אומנאַטירלעך הויכע שטייערן. נאָך אַזוי פיל יאָר-הונדערטער איז סוף-כל-סוף געקומען צו אַ גירוש פון יידן אין קאָמוניסטישן פוילן.

מען דאַרף ניט רעכענען קיין פשוטע אַריפמעטישע צאָלן: זעקס מיליאָן יידן האָבן די דייטשן אומגעבראַכט. ניין. עס איז אומגעבראַכט געוואָרן דער אַקטיווסטער, שעפערישסטער ישוב, וואָס פון אים זיינען געקומען אַלע איניציאַטיוון, אַלע אונטערנעמונגען אין יידישן לעבן. בעת די דאָזיקע מערדערישע אַרבעט פון די דייטשן האָט זיי קיינער ניט געשטערט. מען האָט זיך ניט געקענט איינבעטן ביי די „גוטע" פעלקער כאָטש איין באָמבע זאָל מען וואַרפן אויף די מאָרד-פאַבריקן וואָס די דייטשן האָבן אויפגעשטעלט אומצוברענגען די יידן, אַלע יידן. און דאָס איז פאָרגענומען געוואָרן נאָך כמעט 150 יאָר גלייכבאַרעכטיקונג פון יידן אין דייטשלאַנד, ווען יידן האָבן געמיינט אַז זיי זיינען שוין אויף שטענדיק אויסגעגלייכט אין אַלץ מיט די דייטשן.

יידן האָבן מיטן גאַנצן האַרצן זיך באַמיט אויסצוגלייכן מיט די דייטשן און — נאַ דיר אַזאַ גאָב! אויס מיט אַלע חלומות, מיט אַלע האָפענונגען! אַ סך דייטשישע יידן האָבן ניט געפונען קיין אַנדער אויסוועג ווי זיך אַליין דעם טויט מאַכן. זיינען צווישן די יידן אין פוילן געווען אַ סך וויניקער זעלבסטמאָרדן ווי צווישן די דייטשישע יידן. אַ סך דייטשישע יידן האָבן אַזאַ איינברוך ניט געקענט אַריבערטראָגן. די אוראַלטע פעאיקייט פון יידן זיך אָנצעווייינען פאַר גאָט און ווייטער לעבן—מאַלע וואָס וועלף און גויים קענען אָפטאָן! די פסיכיק איז מער ניט געווען ביי יענע יידן. אַ דור און צוויי האָבן יידן געחלומט: מיר זיינען אויך דייטשן מיט אַלע דייטשן גלייך! און אויס!

## וואָס קען דעם יידישן פאָלק דערוואַרטן?

ווידער איז דאָס יידישע פאָלק געבליבן אַליין. וואָס-זשע קען אים דערוואַרטן? קיין נביא איז איצט ניטאָ, אָבער מען דאַרף ניט זיין קיין נביא פאָרויס צו זען די צוקונפט פון דעם יידישן פאָלק אין דער וועלט. דאָס פאָלק איז געבליבן אַליין. ניטאָ קיין געטרייע פריינד, וואָס זאָלן ניט האָבן קיין אייגענע חשבונות אפילו ווען זיי זיינען פריינד פון ישראל. אַלע האָבן קודם כל אין זינען זיך אַליין,

זייערע אייגענע חשבונות. אַלע האָפענונ־גען זיינען צערונען און ניטאָ מער. אויב זיך באַפרייען, איז מיטן „אייגענעם כוח" מיט גאָטס הילף. אָדער אַליין זיך באַ־פרייען, אָדער אייביקער גלות.

דאָס יידישע פאָלק האָט געקענט באַ־וויזן נסים: דאָס איינציקע פאָלק פון אַלטערטום, וואָס איז געבליבן לעבן, אין צרות, אין ימים בלוט, אַ קליין שפּעלע צווישן וועלף מיט אָפענע מיילער, און דאָס יידישע פאָלק לעבט דאָך! דאָס גופא איז דאָך אַ נס און אַ געטלעכער כוח אין פאָלק. אמת, מיר זיינען נאָר אַ רעשטל, נאָר אַ „שארית ישראל", גאָר ווייניק גע־בליבן! אַ וועלט מיט פעלקער יינגערע, האָבן אָבער געירשנט די אייביקע שינאה. זיי ברענען די „הייליקע" פייערן, זיי ברענען יידן און אפיקורסים אין נאָמען פון גאָט פון רחמנות און מען זינגט דער־ביי אונדזער תהילים. מען איז פרום, מען ראַטעוועט די נשמות פון די זינדיקע גופים. מען טאָר טאַקע ניט ברענען קיין לעבעדיקע מענטשן, אָבער פאַר גאָט איז עס גאָר אַ מיצווה. דאָס טוט מען פאַר גאָט, אָבער דערווייל האָט די אייגענע נשמה אויך הנאה: צו זען ווי עס ברענען זינדיקע גופים פון יידן.

און יעדעס מאָל קומען נייע און פרומע קריסטן און מ'ראַמט אויס דאָס שלעכטס פון דער וועלט! און נאָך די פרומע רצי־חות קומען יידן אין די בתי מדרשים און שלאָגן זיך אין האַרצן: חטאנו צורנו!... אַ וועלט פון צדיקים, מער ניט יידן זינ־דיקן... גייט אַזוי די גאַנצע וועלט, די קריסטלעכע וועלט, לאַנגע טויזנטער יאָרן און דאָס יידישע פאָלק לעבט! בדמייך חיי — אין דיין בלוט לעבסטו.

אין שווערן אַלטן רוסישן גלות האָט יידישקייט געלעבט, געלעבט און געשאַפן אַ ליטעראַטור, געזעלשאַפטלעכקייט, אַ קולטור און אַ וויסנשאַפט; אַ שולוועזן אין צאַרישן רוסלאַנד, פּראַקטיקע לערערס. אין צרות לעבט דאָס פאָלק. ווערן שוואַ־כער די צרות ווערט אָפגעשוואַכט דאָס לעבן. די מענטשהייט אויף דער וועלט ווערט אַלץ מער און מער צונויפגעבונדן, די יידישע צרות ווערן אָפגעשוואַכט, ווי וועלן יידן אויסהאַלטן דעם גרינגן גלות? ביז איצט האָבן יידן באַוויזן אויסצוהאַלטן

אַ שווערערן גלות; וואָס שווערער דער גלות, אַלץ שטאַרקער איז געווען יידיש־קייט. איצט אין אַמעריקע דער גלות אָפּ־געשוואַכט, איז אויך יידישקייט אָפּגע־שוואַכט; איז אויפגעקומען די ביטערע פראַגע: ווי וועט יידישקייט זיך האַלטן?

אין צאַרישן רוסלאַנד האָט דער שווע־רער גלות געהאַלטן דעם יידן צעמענ־טירט פעסט, האָבן זיך יידן געהאַלטן אין די שטעטלעך. וואָס אָבער וועט זיין איצט אין גרינגערן גלות? אין אַמעריקע ווערט יידישקייט שוואַכער און שוואַכער. אין קלענערע ישובים איז די אָפּשוואַכונג נאָך קענטיקער. וואָס־זשע וועט זיין מיטן יידישן פאָלק בכלל? יידישקייט ווערט אָפּ־געשוואַכט, יידישע ליטעראַטור — ניטאָ קיין איין געבאָרענער אין אַמעריקע יידי־שער שרייבער. ניטאָ מער קיין קאָמערצי־עלע יידישע פאַרלאַגן. פון אַלע יידישע צייטונגען איז געבליבן בלויז איינע און די איינע מאַכט אויך ניט קיין גליקן. הלוואי זאָל זי זיך האַלטן. פאַראַן יידישע שולן און צווישן זיי — אויך זייער גוטע און גרויסע. אָבער ניט שולן בויען דאָס לעבן, ניט שולן שמידן אויס דעם גאַנג פון אַ פאָלק. שטייט די דירעקטע פראַגע: וואָס דערוואַרט איצט דעם יידישן פאָלק? די אַלטע ישובים זיינען ניטאָ אָדער זיי האַלטן אין אויסגיין. אין די נייע ישובים איז די יידישקייט זייער שוואַך. טאָ וואָס דערוואַרט אונדז?

עס איז אויפגעקומען מדינת ישראל. הלוואי זאָל זי זיך האַלטן אויף אייביק. איז אויפגעקומען אַזאַ שינאת ישראל, אַן אָפן און דרייסטע שינאה. הלוואי זאָל עס די קליינע מדינה אויסהאַלטן. איין וועג קען זיין פאַרן יידישן פאָלק, ניט בלויז אין ארץ ישראל נאָר אין דער גאַנצער וועלט, אומעטום, אין אַלע יידישע ישו־בים. דער וועג איז דאַכט זיך אַזוי פשוט אַז מען קען עס זאָגן אין איין זאַץ: פּאָלי־טיש צוזאַמען און קולטורעל פאַר זיך, באַזונדער. נאָר גרינג איז צו זאָגן, אָבער שווער איז עס אין לעבן. דאָס איז ביז איצט ניט געווען, און ווער ווייסט צי עס קען ביי יידן ווען עס איז זיין. עס באַמבלט זיך אין מוח אַ כלומרשטע גמרא, וואָס איך ווייס ניט וווּ עס שטייט און צי עס שטייט ערגעץ: „עתידה ארץ ישראל שתת־

פשט בכל הארצות". זאָל זיין אַז עס איז אַזאַ גמרא ניטאָ. מען מעג זי אָבער אַריינ־שטעלן איצט, איבערהויפּט אַז די וועלט גייט צו דעם. עס וועט קומען צו דעם: פאָליטיש צוזאַמען און קולטורעל פאַר זיך, באַזונדער. צוליב די אייגנשאַפטן פון יידישן כאַראַקטער וועט עס פריער זיין ביי אַנדערע פעלקער, נאָך דעם וועט עס אויך זיין ביי יידן. און ביי יידן וועט עס פריער קומען ביי די רעליגיעזע און נאָך דעם וועט עס ווערן אויך ביי ביי וועלטלעכע. אַ לאַנגער און שווערער פראָצעס.

צי קען די מדינה אפשר ווירקן אַז יידן זאָלן אויך אין אַנדערע לענדער, ווו עס איז מעגלעך מאַכן ביי זיך „קליין ארץ ישראלס". פשוט, יידן זאָלן אין אַמעריקע, למשל, צי אין אַנדערע פרייע לענדער, פרובירן לעבן „ארץ ישראלדיק". לאָמיר זאָגן, מאַכן אין ניו־יאָרק אַ שטיקל ארץ ישראל, לעבן און זיך פירן ווי אין ארץ ישראל. דערווייל האָבן מיר ניט געהערט פון עפעס ענלעכעס. דאָס ווייזט אַז יידן זיינען באמת גאָר ניט אַזוי באַגייסטערט פון ארץ ישראלדיקייט. זיי ווילט זיך גאָר ניט מאַכן אין אַ שטיקל ניו־יאָרק אַן ארץ ישראל.

די מדינה איז אַ גוואַלדיקער כוח, אַ גראַנדיעזע ענדערונג אין יידישן לעבן.

אַ סך גוטס קען די מדינה ברענגען. קיין שום ספק ניט! צי קען די מדינה איינ־היטן דעם קיום פון פאָלק? קיין איינס פון די אַמאָליקע מדינה־פעלקער, אפילו די שטאַרקסטע, איז ניט געבליבן לעבן פון פאַרצייטן, אַזוי ווי דאָס יידישע פאָלק האָט זיך איינגעהיט אָן אַ מדינה — פון דעם איז געדרונגען: דער קיום פון יידישן פאָלק איז ניט פאַרזיכערט, ניט פאַר־זאָרגט מיט דער מדינה, ניט קוקנדיק אויף אַלע ברכות וואָס די מדינה ברענגט און וועט ברענגען. קיין גאַראַנטיע פאַרן קיום פון פאָלק איז די מדינה ניט. אין דער וועלט, אין אַלע איצטיקע ישובים איז ניטאָ דער פאַרזיכיקער יידישער שטייגער ווי אַמאָל אין שטעטל. דאָס יידישע פאָלק האָט זיך איינגעהיט אַ דאַנק די שטעטלעך, וואָס זיינען געווען דורכויס יידישע. ניטאָ און עס וועלן נייט זיין מער אַזוינע שטעטלעך.

צי וועט זיך יידישקייט איינהיטן אין די גרויסע שטעט? גרויסע ספקות. קיין פאַרזיכיקע יידישע שטעט מיט אַן אייגע־נעם יידישן שטייגער איז מער ניטאָ. פון זיידעס ביז אייניקלעך איז מער ניטאָ קיין יידישקייט. זאָל דאָס זיין אונזדער צוקונפט? עס ווילט זיך ניט גלייבן.

עס איז שווער צו לעבן איינצייטיק אין צוויי קולטורן.

▼

מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים

בעטן מיר אַלעמען זיך צו ווענדן צו אונדזער פינאַנץ סעקרעטאַר:

G. FRYDMAN

337½ North Hayowrth Ave. Los Angeles, Calif. 90048

Phone: 655-1292

פאַרוואַלטונג „חשבון"

ד"ר עזריאל נאַקס / ניו־יאָרק

# שלום אַש

## (צו זיין הונדערטסטן געבוירניאָר)

שלום אַש'ס ווערק — אַחוץ די לעצטע — שטעלן מיט זיך פאָר, אין זייער גאַנצקייט, אין סך־הכל, אַ בילד פון אונדזער יידיש לעבן הן אין שטח, הן אין צייט. פאַרשטייט זיך, נישט אַש און נישט וועלכער־ס'איז אַנדער פּראָזאַיקער איז ביכולת געווען אונדז צו געבן אַן אַל־אַרומנעמענדיק, פולשטענדיק בילד פון דעם וואָס הייסט יידיש לעבן. מען קען אָבער נישט לייקענען אַז אַש — מער ווי וועלכער־ס'איז אַנדער שרייבער — האָט געשילדערט אויף אַ ברייטער קאַנווע און אין אַלערליי פאַרבן די קאָלעקטיווע דערפאַרונגען און דעם סאַמע קיום פון אונדזער פאָלק אין אַ סך טיילן פון דער וועלט. אַזוי אַרום קען מען באַצייכענען אַש'ס ביכער — זייערע ראָמאַנען, דערציילונגען און דראַמעס — ווי קאַפּיטלען פון איין גרויס ווערק, וואָס האָט געדאַרפט פאַר אונדז אַנטפּלעקן, אויף אַ קינסטלערישן אופן, דעם זין פון אונדזער עקזיסטענץ, די סאַמע קוואַלן פון אונדזער פרייד און צער.

אין דער יוגנט נאָך — ווען ס'איז דערשינען „דאָס שטעטל", אין 1905 — האָט שוין אַש געפונען חן און לייטזעליקייט אין די אויגן פון דעם לייענער. ס'איז געווען ערב־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, און עס האָט זיך געטומלט און גערעשט. אין דער יידישער סביבה האָט זיך דער זייגער אַ רוק געטאָן פאָרויס מיט אַ געוואַלדיקן אימפּעט. ער האָט גערופן און געוועקט צו מעשים און צו האָפענונגען. ס'איז דאָך אָבער פאָרט פאַרבליבן אין האַרצן אַ בענקשאַפט נאָך דער וועלט וואָס איז געווען. און דער ניגון אירער האָט עפּעס ווי געשוועבט אין דער לופט, צאַרט און שטיל. אין אַש'ס „שטעטל" האָט די בענקשאַפט באַקומען אַ לבוש און דער ניגון אַן איינהאַלט. דערביי דאַרף מען געדענקען, אַז אַש האָט זיך שוין מיטן שטעטל געזעגנט, זיך געזעגנט מיט טאַטע־מאַמע, געדריקט די האַנט די איבערגעבליבענע קרובים און פריינד. ער קערט זיך אום ווי אַ גאַסט — בלויז נאָך אַ מאָל אַ קוק צו טאָן, די בענקשאַפט צו פאַרוויגן און דעם ניגון אויסצוזינגען.

מיטן „שטעטל" האָט אַש צוגעטראָפן בשעתו דעם יונגערן דור — אַלנפאַלס אָט יענער מחנה וואָס האָט זיך גייסטיק און אידעיש געריסן פון שטעטל צו דער ווייטער וועלט, וואָס האָט אָפּגעלאַכט פון שטעטל און האָט דאָך געפילט אַ ליבשאַפט צו דעם. אין „שטעטל", „ר' שלמה נגיד", אין די ערשטע חלקים פון „קיין אַמעריקע" און „די מוטער", אין אַ היפּשער צאָל דערציילונגען, האָט אַש אַזוי וואַרעם און איידל געמאָלן דאָס פרומע פּאַטריאַרכאַלישע לעבן וואָס איז געווען אין שטעטל ביזן סוף 19טן יאָרהונדערט.

אַש האָט זיך נישט באַגנוגנט דערמיט און ער איז נישט תמיד געווען דער באַזינגער פון שטעטל. ער האָט זיך נישט געלאָזט באַגרענעצן מיט די דלד־אַמות פון שטעטל. אויך אין די גרעסערע שטעט האָט זיך די לאַגע געביטן — עקאָנאָמיש, קולטורעל — און ס'איז נישט געווען קיין גרינגער ענין פאַרן האָרעפּאַשניק, פאַרן יידישן אַרבעטער אָדער הענדלער אויסצוקעמפן פאַר זיך אַן אָרט, פאַרזיכערן זיך מיט חיונה, פועלן מען זאָל אים באַהאַנדלען מיט איינזעעניש און מיט דרך־ארץ. און אויך די יידישע אינטעליגענץ, באַהעלט מיט באַיוון און זיסן אידעאַליזם, האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיך.

„מאָטקע גנב", „מערי", „דער וועג צו זיך", שפּעטער „פאַרן מבול" (דער עיקר דער וווּנדערלעכער באַנד „וואַרשע") — אין אָט די ראָמאַנען גיט אונדז אַש דעם צווייטן קאַפּיטל פון זיין עפּאָס, פון זיין אַל־יידישן ווערק. נישטאָ דאָ שוין די תמימותדיקע אידיליע פון שטעטל, די שבתדיקע רואיקייט וואָס הילט דאָס שטעטל איין, פאַראַן דאָ אָרעמקייט, נויט, און זינד. פאַראַן דאָ אויך ספקות, אומזיכערקייט און אומרו. ס'איז אָבער אַלץ

אין דער משפחה, צווישן די אייגענע פיר ווענט, און ס׳איז דאָ אידעאַליזם — דער נייער, דער פרישער, וואָס איז אייגנטלעך דער המשך פון דעם אַלט־אייביקן יידישן בטחון. (דאָס איז אויך חל אויף דער טרי־לאָגיע „פאַר׳ן מבול״, ווי „פעטערבורג״, און „מאָסקווע״, מחוץ די אייגענע 4 ווענט זענען אין שאָטן לגבי „וואַרשע״).

אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז שוין אין אַמעריקע געווען אַ היפּשער און וויכטיקער און אפשר אויך אַ שעפערי־שער יידישער ישוב. עס האָט זיך דאָ אויף ניי־ערד געפורעמט אַ צענטער, נאָך אַ ריזיקער און גורלדיקער צענטער אין אונדזער לאַנגער געשיכטע. די שורש־נשמה פון אָט־דעם ישוב איז געווען אין מזרח־אייראָפּע. זיינע באַלדיקע און מאַ־נענדיקע פּראָבלעמען אין שייכות מיט דעם פּראָצעס פון „אַמעריקאַניזאַציע״ זענען געווען דאַאיקע. פאַר אַ סך איז דער פּראָצעס געווען אַ גרינגער. עס זענען אָבער אויך געווען אַזעלכע, פאַר וועמען דאָס איז געווען אַ דערנער־וועג.

„קיין אַמעריקע״, „אַנקל מאָזעס״, „חיים לעדערערס צוריקקומען״ — דאָס איז דער דריטער קאַפּיטל פון אַש׳ס דיאַספּאָרע־עפּאָס. טיילוויז זיין וועלט־בילד פון אונ־דזערע תפוצות. אַש׳ס טאָן, אַש׳ס געמיט, אַש׳ס פאַרבעם זענען געווען אייגנ־אַרטיק. עס איז געווען אַן אונטערשייד צווישן דעם וואָס ער האָט געזען און וואָס עס האָבן געזען די „פּראָלעטאַרישע״ פּאָ־עטן און דערציילער.

אַש איז נישט געווען קיין סאָלדאַט אין דער „אַרבעטער־אַרמיי״. ער האָט נישט געשטורעמט קעגן דער רישעותדיקער „קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג״. ער האָט דערשפּירט די פּאַטעטישקייט — אַ ביסל אויך די טראַגיק — פון דער גאַנצער אי־מיגראַנטן־משפחה — סיי פון דעם „אַנקל״ וואָס האָט כלומרשט דערגרייכט דעם באַרג־שפּיץ פון דערפאָלג, סיי פון די „לאַנדסלייט״ וואָס האָבן געפּראַצעוועט אין סוועט־שאָפּ, סיי פון זייערע קינדער וואָס זענען שוין דאָ געבוירן געוואָרן און האָבן דאָ געוועבט זייערע חלומות פון אייגענעם גליק און פון פרייד און פריי־הייט פאַר אַלעמען. ער האָט דערהערט יאָסעלעס שטיל געוויין ביינאַכט אויף זיין איינזאַמען קישן — און יאָסעלע איז גע־וואָרן דער סימבאָל פון דעם דין־עמפּינד־לעכן יחיד וואָס קען נישט אָטעמען אָן זיין שורש־נשמה, וואָס קען נישט טרינ־קען פון פרעמדע קוואַלן. אַש האָט אויפ־געכאַפּט דעם דיאַלאָג מיט זיך אַליין, דעם חשבון־הנפש פון חיים לעדערער — פון אָט־דעם דערוואַקסענעם יאָסעלע, וואָס איז גרייט געווען צו פאַרגעסן זיין אייגע־נעם קוואַל און צו טרינקען פון אַלערליי אַנדערע קוואַלן, און האָט צום סוף דאָך ווי־עס־איז געזוכט אַ וועג צוריק צו זיך, צו זיין נשמה, צו טויזנט־יעריקע וואָרצ־לען.

דער דריטער קאַפּיטל אַש׳ס, דער קאַ־פּיטל וואָס שילדערט אַמעריקע, איז נישט גאָר געלונגען. און די שולד, אַלנפאַלס די פולע שולד, איז נישט דעם מחברס אַליין. דער ישוב אין אַמעריקע איז געווען יונג און האָט נאָך נישט פאַרמאָגט קיין בולטן פּרצוף־פּנים, קיין שבת און יום־טוב וואָס זאָל באַשטראַלן זיין וואָך. ס׳איז נאָך ביי אים נישט געווען קיין סכום ווערטן און טראַדיציעס וואָס זאָלן אים דינען ווי אַן עמוד האש אין דער נייער מדינה. ס׳איז געווען אַ דור אין איבער־גאַנג און ס׳איז געווען אַ גוואַלד־ריס אין דער ירושה וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך ווי צדה לדרך. און אַש אין קיין מאָל נישט געווען דער גראַטענער קינסטלער פון איבערגאַנג און געראַנגל.

דער עפּאָס, די „מעשה״ פון אונדזער פאָלק ווי אַ וועלט־פאָלק, איז ניט קיין ענין בלויז פון שטח. ס׳איז נישט נייטיק דער־ביי די „פערטע דימענסיע״ — צייט. אונ־דזער היינט איז אַ סוד, איז אומפאַר־שטענדלעך, אָן אונדזער נעכטן. ס׳איז נישט צו באַגרייפן אונדזער נצח אָן דעם קידוש־השם פון אונדזערע זיידעס. מיטן כוח פון דעם קידוש־השם האָט אונדזער פאָלק אַריבערגעשפּאַנט די אייזערנע בריק פון דער געשיכטע אַנטקעגן אַלע אירע „געזעצן״. ס׳איז דעריבער נישט געווען קיין חידוש ווען אין די פינצטערע טעג פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, פון די פּאָגראָמען אין אוקראַינע און אין די שכנהדיקע מקומות האָט אַש זיך פאַר־טראַכט וועגן אונדזער היסטאָרישן עצם און גורל, וועגן דעם עבר אונדזערן ווי

אַ ליכט וואָס באַהאַלט אונדזער הווה. ער האָט דעמאָלט אָנגעשריבן „די כישוף־מאַכערין פון קאַסטיליען“ (נישט קיין שלימותדיק ווערק מחמת דער עלעמענט פון מעלאָדראַמע און ספּעקטאַקל איז דאָמינירנדיק), „קידוש השם“ (וואָס איז אַ הייליק בוך, אַ ספר), „דער „תהילים־ייד“ (פון זיינע פּרעכטיקסטע ביכער — ביזן לעצטן טייל, ווו ס'איז דאָ ווידער מעלאָדראַמע און ווו עס מערקן זיך שוין זיינע שפּעטערדיקע „קריסטלעכע“ איינפלוסן).

אין „קידוש־השם“ האָט אַש דערבליקט ווי אין חזיון דעם אינעווייניקסטן זין און תוך פון אונדזער וווּנדער־געשיכטע. עס ציטערט דאָרטן אויף דער גרונט־מאָטיוו פון אונדזער קיום און פון אונדזער שליחות. אין „קידוש־השם“ זענען דאָ מדרגות פון קידוש־השם: די ערשטע — ווען מענדל און זיין זון שלמהלע טאַנצן דעם בערדן־טאַנץ פאַר די שיכורע פּריצים צוליב אַ שטיקל ערד אויף צו בויען אַ שול און אויף אַ בית־עולם. די צווייטע—ווען דבורהלע רעדט איין דעם פויער יעפּים, וואָס האָט זי ליב און וויל מיט איר חתונה האָבן, אַז ער זאָל אין איר שיסן, ווייל ס'וועט איר גאָרנישט זיין. דער ערשטער קידוש השם איז פאַר כנסת ישראל, פאַר אַן עדה יידן, וואָס דאַרף אַ שול און אַ בית־עולם. דער צווייטער קידוש־השם איז פאַרן אחד, פאַרן בורא עולם, פאַרן גאָט פון ישראל. און די צוויי איז נישט פאַנאַנדערצוטיילן — כנסת־ישראל און דער בורא־עולם וואָס איז אחד — אין דער קידוש־השם געשיכטע פון אונדזער אומה ביז איצט.

אָט די קורצע רשימה שעפּט נישט אויס אַלע אַש'ס ביכער. די כוונה איז דאָ געווען בלויז אָנצווייזן אויף דער שנור וואָס פאַרבינדט זיי אין דעם דיאַספּאָרע־עפּאָס. אַש'ס קאַנווע איז געווען אַ ברייטע און זיין פאַרמעסט—אַ געוואַגטער. זיין דיאַספּאָרע־עפּאָס איז אַ ווערק וואָס איז פאַראַנקערט אין אונדזער ליטעראַטור. אויב זיין דיאַספּאָרע־עפּאָס איז נישט דאָס מייסטער־ווערק וואָס דאַרף באַשיינען אונדזער ליטעראַטור אויף תמיד מיט אַ באַזונדער און אייגנאַרטיק ליכט, איז עס מחמת דעם, וואָס אַש האָט געפעלט — צווישן זיינע געבענטשטע מעלות — די מתנה פון טיפקייט. רחבות — דאָ יאָ; ווייט־ווייטע לאַנדשאַפטן און אָן־סופיקע האָריזאָנטן — ווידעראַמאָל יאָ; טיפקייט, די קדושה פון קדושה, די שטים ממעמקים — אָט די ברכה איז אַש נישט באַשערט געווען.

וועגן אַש'ס „קריסטלעכע“ ביכער איז נישט מעגלעך בחיפּזונדיק זיך דורכצושמועסן — סיידן „אַ פּריאָרי“ פאַרמשפּטן זיי. אפשר ליגט דער הויפּט־חיסרון טאַקע אין דעם, וואָס אַש האָט געפעלט טיפקייט. און אָן טיפקייט, אָן אַ „מעטאַפיזישער“ דערקענטעניש קאָן אַ יידישער מענטש זיך נישט עסקן מיט אַזעלכע טעמעס. ביי זיך אין דער היים, צווישן זיינע שוועסטער און ברידער, איז אַש'ס מעכטיקער טאַלאַנט געווען גענוג. ער האָט נישט אומבאַדינגט געמוזט זיך באַוואָרענען מיט אַ גרויסער און קלאָרער אידעע כדי ער זאָל נישט בלאָנדזשען.

אין דער סביבה גופא, אין דעם שבת און יום־טוב, אין דעם קאָלעקטיוון צער און קידוש השם, אין די אויסגעטאָקטע געשטאַלטן, וואָס זייער שיינקייט איז געווען די שיינקייט פון דורות — אין דעם איז געווען „אימאַנענט“ די גרויסע און לויטערע אידעע, דער שיר־השירים פון פאָלק, וואָס האָט געפלאַטערט פון סאַמע האַרץ פון דער וועלט. מחוץ דער אייגענער סביבה — דער היסטאָרישער, דער גייסטיקער, דער שטייגערישער — האָט ער דאָך געמוזט בלאָנדזשען. ער האָט נישט מיטגענומען מיט זיך אַ לאַמטערנע אין דער האַנט, נאָר אַ פּוסטע פאָרמולע אין מוח — כלומרשט אויף צו דערנעענטערן צוויי אמונות, אין דער אמתן, אויף צו רימען און עקזאַלטירן די גרינדער און באַגרינדער פון דעם קריסטנטום (אָפּטמאָל לגנאי יידנטום). אָן אַ „מעטאַפיזישער“ דערקענטעניש, אָן אַ „רעגולירנדיקער“ אידעע, אָן דער דימענסיע פון טיפקייט איז דאָך נישט מעגלעך געווען. און אַש איז נכשל געוואָרן — פילאָסאָפיש, קינסטלעריש.

וואָסערע צוואַנציק פון זיינע זיבן־און־זיבעציק יאָר האָט אַש געשאָנקען „זיי“. במשך די פאַר צענדליק יאָר האָט ער

ליִיב וואַסערמאַן

# לידער

## 1. דאָס ליד

דאָס ליד
האָט אויפגעשטעלט אַ טויער
און כ'ווייס ניט,
צי ער איז צום טויט,
צי נאָך ווייטער —
נאָר איין וואָרט,
און ס'איז שוין ניט
צום איבערבלייבן דאָ.
חיות
בלייבן דאָ
אפילו נאָכן טויט,
ווייל זיי זיינען אָן ווערטער.

## 2. שטערן

אַז ס'איז ניטאָ קיין שטערן,
קאָן איך נישט
אַרויסענדיקן דעם אָוונט.
איך בין אַליין,
ווי אַרויסגעצויגן
פון אַ שטערן.
פון נאַכטיקע באַלייכטונגען
בליט מיין אויסוואַל.

## 3. אַ געהיימער רום

אַ געהיימער רום
נעמט מיך אַרום
אפילו האַרט פאַרן טויט.
ס'איז די שפּירעוודיקייט,
וואָס איך קאָן אָנצינדן
אין אַן אמת.
אין אַן עכאָ,
פון ליכט
און אַכטונג.

## 4. דער זילב

דער זילב גייט אויס
צוזאַמען מיט דער שקיעה.
ס'אַ פינקטלעכע צוזאַמענטרעפונג,
פון מיין ווינקל
מיט דער גאַנצער וועלט.
אַן אחדות
פון די וועלט-טיילן,
מיט מיינע קליינע ווענט
אין שטוב.

## 5. אַ בלענד

איך זעץ פאָר
דיווירקלעכקייט פון אַ בלענד,
וואָס עפנט
אַלע מאָל מיין טיר.
איינעם בלענד
איז מיין געשטאַלט,
און אפשר אויך מיין היים.
מיין נאָמען
און מיין רחמים.

---

געצונדן פייערן נישט אויף אונדזער מזבח. לאָמיר געדענקען זיינע פינף-און-דרייסיק מזל-ברכהדיקע, שפע-דיקע יאָרן ביי אונדז. לאָמיר אים געדענקען ווי דעם דיכטער פון שטעטל און ווי איינעם וואָס האָט געהאָלפן פאַראייביקן אונדזער קידוש-השם.

לילי בערגער / פּאַריז

# דער בלאָנדזשענדיקער בונטאַר

(דערציילונג)

כ'האָב געעפנט די טיר און געוואָלט זיך צוריקציען. פון איבערראַשונג. נאָך מער פון שרעק. פאַר דער אָפענער טיר איז געשטאַנען אַ יונגער, הויכער בחור מיט אַן אויסטערלישן אויסזען. אַן אמתע סטראַשידלע. די לאַנגע, געקרייזלטע האָר אַזוי צעשויבערט, אַז ס'האָט אויסגעזען ווי אויפן קאָפּ וואָלט געזעסן אַ שוואַרצער צעדרויבלטער קויש. דאָס פּנים אַזוי באַוואַקסן מיט אַ רונדיקער, געדיכטער באָרד, אַז מ'זעט קוים אַרויס דאָס מויל, די נאָז. די שמאָלע רויטע הויזן גלאַנצן פון אויסגעריבנקייט. דער ברייטער קאָלירלאָזער שפּענצער צעקנאָדערט. כ'האָב ביים ערשטן אויגנבליק שיער נישט געעפנט דאָס מויל צו רופן נאָך הילף. דער בחור מיטן צעדרויבלטן קויש אויפן קאָפּ און אין די רויטע הויזן האָט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט מיך איבערגעשראָקן און האָט מיר געשאָנקען אַ פריינדלעכן שמייכל. ער האָט זיך אָבער אויך געוואָלט פאַרזיכערן:

— איר זענט פרוי ד.?

— איך... וואָס דאַרפט איר?

— כ'בין דער זון פון די קאָנברינסקיס, פּאַריז. מיין פאָטער האָט מיר געשיקט אייער אַדרעס.

— דער זון פון די קאָנברינסקיס?! פון...? פון...? וויקטאָר?

— דאָס בין איך.

כ'האָב אים אַריינגעבעטן, אָנגעוויזן אויף אַ שטול. די שרעק איז אָפּגעטראָטן פאַר פאַרוואונדערונג. מיינע אויגן האָבן זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון דעם יונגן בחור, אָנגעטאָן ווי אַ קאָמעדיאַנט, פּונקט ווי ער וואָלט אָט באַלד געדאַרפט אויפטרעטן ערגעץ־ווו אויף אַ מאַרק־עסטראַדע צו באַווייזן קונצן. אָבער אין דמיון האָט אויפגעטויכט דאָס אַמאָליקע ייִנגל, וואָס כ'האָב געקענט ביזן עלטער פון 14 יאָר, אַן אויסגעצערטלט, אויסגעפּיעסטעט קינד, וואָס איז געווען דאָס שיינדל פון טאַטע־מאַמע. איך האָב נישט געוווּסט צי זאָל איך אים דוצן, ווי אַמאָל, צי זאָל איך אים אירצן. ווייל דער אַמאָל איז דאָך שוין אַזוי ווייט. דערצו איז ער אַזאַ אויסטערלישער דערוואַקסענער.

— פון וואַנען נעמט איר זיך דאָ?

— כ'בין שוין מער ווי צוויי יאָר אין פּאַריז.

## 6. תּמיד

מיין וואָרט
ווערט תמיד געוועבט,
ווי פון מיר
און פון נאָך עמעצן.
ווי פון עפּעס אַ זיווג,
ווערן אויסגעפּילט
אַלע זילבן.
ס'איז תמיד
כמעט ביי שקיעה,
ווען דאָס וואָרט
נעמט זיך אין אונדז ביידן
אויסבריען.

## 7. טרוילעך

ס'אַזאַ טרוילעכער
צוזאַמענשטעל פון מיין פּנים,
מיטן אויפפיר,
וואָס קומט פון ערגעץ אָן.
מיט די לינדע,
פאַרביקע פלאַנצן
אויף מיינע שווייגענישן.
מיטן אויסגעענדיקטן אויסזען,
וואָס בלייבט
אונטערן ליד.

— ווו ווױנט איר?

— ווו ס׳לאָזט זיך.

— וואָס טוט איר אין פּאַריז?

— וואָס ס׳לאָזט זיך. איך שפּיל אויך אויף אַ מאַנדאָלינע אויפֿן הויכן מאָנמאַרטער, אין די אָוונטן. און איך מאַך פּאָרטרעטן. אויך אויפֿן מאָנמאַרטער.

אין מײַן דמיון איז ווידער אויפֿגעשוווּמען דער נישט־ווײַטער און אַזוי ווײַטער שוין אַמאָל. וויקטאָר האָט זיך פֿון קינדווײַז אָן געלערנט שפּילן פּאָרטעפּיאַן. פֿון יונגן עלטער האָט ער געצייכנט. צו 12 יאָר האָבן אים די עלטערן אָפּגעגעבן אויף אַ נאָכמיטאָג קורס פֿון מאָלעריי. נישט ווײַל זיי האָבן געהאָפּט ער זאָל ווערן אַ מאָלער. זיי האָבן אויך נישט דערוואַרט דער אייניציקער זון זאָל ווערן אַ מוזיקער. זיי האָבן גיכער שטילערהייט באַגערט ער זאָל דערנאָך גיין אין זייערע דרכים — ווערן אַ באַרימטער דאָקטער מעדיצין, אָדער אַ כעמיקער־וויסנשאַפֿטלער. אָבער ביז דעמאָלט... שפּילן פּאָרטעפּיאַן דאַרף קענען יעדער אינטעליגענטער מענטש. ווײַל דאָס ייִנגל צייכענען און מאָלן, איז אויך גוט. וואָס קאָן דאָס שאַטן אַז אַ געראָטן קינד זאָל אויספּרוּוון זײַנע כּוחות? האָבן דען נישט באַגאַבטע מענטשן זייערע האָביס?

אַז זייער ייִנגל איז באַגאַבט און וועט אויסוואַקסן אויף ווער ווייסט וואָס, האָבן זיי נישט געספּקט. ס׳ווערט זיי מיטן פֿאַרשפּעטיקטן קינד אָפּגעצאָלט פֿאַר אַלע פֿריערדיקע אומגליקן, דער טאַטע, דער מעדיקער, האָט פֿאַרלוירן אין טרעבלינקע דאָס ערשטע ווײַב מיט צוויי קינדער; זי, די מאַמע, דער אינזשיניער־כעמיקער, האָט זיך אַליין אומגעקערט פֿון מאַידאַנעק, געלאָזט דאָרט דעם מאַן מיט צוויי יונגע קינדער. צוויי צעקאַליעטשעטע, אַרויסגעוואָרפֿענע אויפֿן ברעג נאָך אַ בלוטיקן שטורעם האָבן צוזאַמען געהיילט די ווּנדן, צוריק אויפֿגעבויט אַ משפּחהנעסט, אויפֿגעשטעלט אַ וואַרעמע היים. וועגן שטורעם האָבן זיי מער נישט געטראַכט. זיי האָבן געוואָלט אַלץ פֿאַרגעסן. צו־וואָס זיך גריבלען אין פֿריערדיקע אומגליקן? צו־וואָס דינט עס צו דערמאָנען? מ׳פֿאַרביטערט בלויז דאָס לעבן. און דאָס לעבן האָט זיך ווידער צעשײַנט.

מ׳דאַרף נישט לאָזן דערויף קיין שאָטן.

דאָס ייִנגל איז געקומען אויף דער וועלט שפּעטלעך. די מאַמע האָט שוין געהאַט ווײַטלעך אַריבערגעטראָטן די 40 יאָר. די פֿרייד איז געווען אין לשער. זי איז געוואָרן אַלע מאָל גרעסער. אײן קליינקייט אַזאַ געראָטן קינד. אויך אויף אים דאַרף מען נישט לאָזן פֿאַלן קיין ברעקל שאָטן. ער דאַרף וועגן גאָר נישט וויסן. ער לעבט אין אַ נײַער וועלט. די אַלטע וועלט איז פֿאַרשוווּנדן אויף אייביק.

איז אָט זיצט דער 24־יאָריקער וויקטאָר און ס׳זעט אויס ווי ער וואָלט געווען אַ שאָטן פֿון דער פֿאַרשוווּנדענער אַלטער וועלט און אַן אַרויסגעוואָרפֿענער, אַן אויסגעשפּיגענער פֿון די עלטערנס נײַער וועלט.

* * * * *

וויקטאָר זעט אויס ווי ער וואָלט זיך נישט געפֿילט אין זײַן הויט. די קענטיקע שרעק אויף מײַן פּנים, ווען כ׳האָב אים דערזען פֿאַר מײַן טיר, האָט אים, אַ סבֿרה, געמאַכט אומדרייסט. איך שטרענג מיך אָן אים היימישער צו מאַכן, ער זיפֿט אָבער לאַנגזאַם דעם טיי און אַ שווײַגנדיקער קוקט ער זײַטיק. ער דאַנקט שטילערהייט פֿאַר די קיכלעך וואָס כ׳רוק אים אונטער. צי רירט ער זיך נישט צו צו זיי ווײַל ער איז שטאַרק הונגעריק? פֿאַראַן הונגעריקע, וואָס זאָגן אָפּ כּיבוד, ווען זיי ווילן אויסבאַהאַלטן דעם הונגער. אַז ער איז הונגעריק שטויס איך זיך לײַכט אָן. חוץ דעם קאָן מען אין זײַן עלטער שטענדיק עסן. נו, מאַך איך מיך הונגעריק און רעד אים אָן צו עסן מיט מיר צוזאַמען. ביסלעכווײַז ווערט ער היימישער, אָבער ס׳קענטיק אַז ס׳איז אים נישט לײַכט צוצוגיין צו דער זאַך צוליב וועלכער ער שטאַט מיר אָפּ אַ וויזיט. דאַרף מען, הייסט עס, די זאַך אַרומגיין, כּדי די צונג בײַ אים זאָל זיך אויפֿבינדן.

— ווי גייט עס אײַערע עלטערן?

— כ׳ווייס נישט, מסתּמא אַזוי זיך, זיי אַרבעטן.

— ווו זענט איר געווען ביז איר זענט אַהער געקומען?

— אין האָלאַנד, אין אַמסטערדאַם.

— ווי איז אײַך געגאַנגען אין אַמסטערדאַם?

— אַזוי זיך, נישט שלעכט, נאָר ס'איז מיר נמאס געוואָרן צו וווינען אויף אַן אַלטער שיף, מ'איז געווען צופיל צוזאַמען, כ'האָב נישט געקאָנט מאָלן, כאָטש אַ גוטע חברה.

וואָס פאַראַ חברה דאָס איז האָב איך אים שוין נישט געדאַרפט פרעגן. כ'האָב נישט איין מאָל צוגעקוקט זיך אין אַמסטערדאַם צו די „היפּיס", וואָס האָבן גענעסטעט אין אַלטע פּאַסאַזשיר־שיפלעך ביי די ברעגן פון די אַמסטערדאַמער קאַנאַלן. אַהין טרעפן אַריין בלאָנקענדיקע פון אַלע לענדער. ס'איז זייערער אַ מין צענטער. ס'איז באַלד אויך פאַר מיר קלאָר געוואָרן מיין גאַסטס אויסטערלישער הולך. אָבער קראַנטער אויסצומיידן פראַגן וואָס האָבן אַ שייכות דערמיט. האָט מען געשמועסט סתם אַזוי זיך.

נאָך אונטערלענען זיך דאָס האַרץ מיט מיין זאַטן „קאַטער־ער" איז מיין גאַסט אויפגעלייגטער געוואָרן.

כ'זוך עפּעס אַן אַרבעט, אויף עטלעכע שעה אין טאָג, אָדער אויף אַ צוויי טעג אין דער וואָך. ס'קומט מיר אונטער צו דינגען אַ צימער, אַ צימער, אַ קליינע מאָנסאַרדע אויפן זעקסטן שטאָק. כ'וועל קאָנען מאַכן אַן אַטעליע, כ'וועל קאָנען מער מאָלן. מ'דאַרף איינצאָלן פאָרויס פאַר צוויי חדשים, מ'דאַרף עמעצער זאָל גאַראַנטירן אַז כ'וועל צאָלן דירה־געלט.

אויב אַזוי, בין איך שוין אויף אַ וועג מיט אים. איך ווייס שוין אין וואָס ס'גייט. און אַז מ'האָט שוין באַטראַכט צוזאַמען די גאַנצע זאַך ווי אַזוי צו באַקומען עפּעס אַן אַרבעט און ווי אַזוי איינצוצאָלן פאַר דער מאָנסאַדרע, בין איך אויפסניי אויף אַ גוטן וועג. מ'קאָן שוין גיין ווייטער, כאָטש איך פאַרשטיי, אַז מ'דאַרף נאָך אַלץ זיין פאָרזיכטיק. די דאָזיקע יונגע חבֿרה האָט נישט ליב מ'זאָל זיך צופיל אַריינמישן אין זייערע געשעפטן. שטייט מען צופיל צו, איז אַ פאַרשפּילטע זאַך. ביים אויספרעגן דאַרף מען אויך זיין פאָרזיכטיק.

— מיט אייערע עלטערן שרייבט איר זיך אָפט איבער?

— זיי שרייבן אָפט, פאַרוואַרפן מיך מיט בריוו.

— און איר?

— אַז ס'גלוסט זיך מיר אַמאָל, שרייב איך אָן אַ בריוול, נאָר ס'גלוסט זיך נישט שרייבן צו זיי.

— איר זענט דען ברוגז מיט אייערע עלטערן?

— זיי זענען אויף מיר ברוגז, האָבן צו מיר טענות, גאַנצע בערג מיט טענות, האַלטן אין איין געבן מיר עצות.

כ'האָב ריזיקירט און צוגעוואָרפן:

— עצות קומען אַמאָל צונוץ. אַ פאָלקס־ווערטל זאָגט, אַז דער קליגסטער מענטש נייטיקט זיך אַמאָל אין אַן עצה...

— אין אַזעלכע עצות ווי זיי גיבן מיר, נייטיקט מען זיך נישט.

ער האָט צום ערשטן מאָל אַ שמייכל געגעבן. דער שמייכל האָט זיך צעשפּרייט צווישן זיינע ליפּן איז איבערגעגאַנגען אין אַ גרימאַסע:

— זיין ווילן מאַכן פון מיר אַ לייט, האַקן מיר אַ קאָפּ מיט תכלית. כ'זאָל קומען צו זיי קיין ישראל, ס'וועט מיר גאָרנישט פעלן, אַבי כ'זאָל שטודירן.

— אפשר איז דאָס אַ גלייכע זאַך? ווען דען זאָל אַ מענטש שטודירן אויב נישט אין דעם עלטער?

— מיינע עלטערן האָבן שטודירט אין מיין עלטער, זיי זענען געווען אַ לייט, געווען שטענדיק זיכער, אַז אַלץ וואָס זיי טוען איז אַ גלייכע זאַך, ווי איר זאָגט. איז וואָס דערפון אַרויסגעקומען? זיי פלעגן מיר זאָגן, אַז זיי בויען אַ נייע וועלט. אויף דער עלטער האָבן זיי געמוזט אַנטלויפן פון דער נייער וועלט וואָס זיי האָבן אַליין געבויט. איצט זאָגן זיי מיר צו, אַז ס'וועט מיר גאָרנישט פעלן ביי זיי. פריער, אין פוילן, האָט מיר אויך גאָרנישט געפעלט ביי זיי, נאָר פון דעם גאָרנישט פעלן איז גאָרנישט געוואָרן. ס'איז פאַרבליבן אַ פוסטקע. אַלץ איז געווען אָפּנאַרעריי. אומעטום אָפּנאַרעריי. די מענטשן, וואָס ווערן אַ לייט, וואָלטן איינע די אַנדערע געממיתט. מיינע חברים זענען נישט קיין לייט, זוכן נישט קיין תכלית, אָבער זענען גוטע מענטשן, וועלן קיינעמען קיין שלעכטס נישט טאָן; זיי טיילן צווישן זיך אַלץ וואָס זיי האָבן. מען טרעפט אומעטום אַזעלכע, וואָס זענען

אַ לייט און זענען גרייט איינער דעם אַנ־דערן פֿון גאָרגל אַרויסרייסן. איז וואָס טויג זייער לייטישקייט.

ער האָט אַרויסגעוואָרפֿן פֿון זיך די ווערטער אין איין אָטעם. די באַקן אי־בער דער באָרד האָבן זיך פֿאַרצויגן מיט אַ ראָזקייט, ווי ביי אַ מענטשן, וואָס מאַכט אַ גרויסן אָנשטרענג, צווינגט זיך אויף אַרויסצוזאָגן דאָס, וואָס ליגט אים שווער אויפֿן האַרץ. ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און זיך אומגעקערט צו דאָס זיי־ניקע:

— מיינע עלטערן געפֿעלט נישט מיין פּירעכץ. איך געפֿעלט זיכער אויך נישט. קיינעם געפֿעלט נישט ווי איך און מיינע חברים פֿירן זיך. מ׳וויל מיר זאָלן זיין אַנדערש. טאָ זאָלן זיי אַליין פֿריער אַנ־דערש ווערן, זאָלן זיי ווערן בעסערע מענטשן.

כ׳האָב געפֿונען אַן אָרט ווו אַריינצו־שטעקן אַ וואָרט:

— אייערע עלטערן זענען דען נישט קיין גוטע מענטשן?

כ׳זאָג נישט אַז זיי... כ׳רעד בכלל וועגן אַזעלכע וואָס האַלטן זיך פֿאַר לייטישע מענטשן, פֿריידיקן לייטישקייט און אַליין...

— מיר רעדן דאָ וועגן אייערע עלטערן.

— מיינע עלטערן האַלטן, אַז איך דאַרף, איך מוז זיך פֿירן ווי אַלע, קודם כל ווי זיי; זיי האָבן אַמאָל שטודירט, דאַרף איך אויך שטודירן; זיי זענען געפֿאָרן קיין ישראל, דאַרף איך אויך אַהין פֿאָרן, נאָר איך דאַרף, דאַרף און דאַרף!

כ׳האָב ריזיקירט אים צו פּאַראינטרי־גירן:

— אינטערעסירט אייך נישט צו וויסן ווי אַזוי ס׳איז דאָרט? צו זען אַ ניי לאַנד?

— זען האָב איך שוין געזען. געווען דאָרט אַ יאָר. כ׳האָב גאָרנישט פֿאַרשטאַ־נען. אַלץ איז מיר דאָרט פֿרעמד געווען. כ׳האָב זיך דאָרט פֿון אַן אַמאָליקן שול־חבר דערוווּסט, אַז כ׳בין אויפֿסניי קיין ייִד נישט, ווייל איך בין נישט געמלעט.

ביז 1968 בין איך אין פּוילן אויך קיין ייִד נישט געווען. מיינע עלטערן האָבן אַלץ אויסבאַהאַלטן פֿאַר מיר. זיי האָבן מיר קיין מאָל וועגן גאָרנישט דערציילט.

איצט ווילן זיי כ׳זאָל זיין אין ישראל. וואָס ווייס איך פֿון דעם אַלעמען?

אין מיין זכרון האָט מיט אַמאָל אָנגע־קלאַפּט אַ דערינערונג. ס׳איז געווען שוין זייער לאַנג. דער איצטיקער 24 יאָריקער בחור איז אַ קליין ייִנגל געווען, אפֿשר פֿון אַ יאָר 7-8. אַ צופֿאַל האָט מיך בעת די זומער־פֿעריען צונויפֿגעפֿירט מיט דער בעמיקערין קאָברינסקאַ. מיר זענען גע־ווען אין זאַקאָפּאַנע אין אַן אָפּרו־הויז „פֿאַר מוטער און קינד". אונדזערע קינ־דער האָבן זיך צוזאַמען געשפּילט. מיר האָבן צייטנווייז צוזאַמען שפּאַצירט. בעת אַזאַ זעלטענעם שפּאַציר האָט מיין ייִדיש בוך זיך אַרויסגעגליטשט פֿון אונטער מיין אָרעם און אַראָפּגעפֿאַלן אויף דער ערד. פּרוי קאָנברינסקאַ האָט מיט פֿאַרוווּנדער־טע אויגן געקוקט אויף דער ייִדישער שריפֿט.

— אַהער נעמט איר מיט אַזאַ בוך?

— פֿאַרוואָס נישט אַהער? — האָב איך צוריקגעפֿריגט.

— אייער ייִנגל שטעלט אייך נישט קיין פֿראַגן וואָס פֿאַראַ בוך דאָס איז?

— מיין ייִנגל דאַרף נישט שטעלן קיין פֿראַגן, ער ווייסט וואָס פֿאַראַ בוך דאָס איז. איך באַגער אויך ער זאָל דאָס קאָנען לייענען.

זי האָט איצט געקוקט אויף מיר ווי כ׳וואָלט נישט געווען ביים פֿולן זינען, האָט אויך נישט אויסבאַהאַלטן איר עמ־פּערונג:

— צו וואָס אַריינפֿירן אַ קינד אין אַזאַ מיסטעריע? צו וואָס שאַפֿן ביי אים קאָמ־פּלעקסן, פּראָבלעמען?

מיר האָבן זיך לאַנג געשפּאַרט, גע־אַמפּערט. וויקטאָרס מאַמע איז געבליבן אייזן־שטאָל ביי אירס: זי וועט קיין מאָל איר קינד נישט אַריינפֿירן אין דער פּלאָנ־טערניש; ער וועט וואַקסן נאַטירלעך, ווי אַלע קינדער, וועט דערנאָך זיין אַ מענטש אָן קאָמפּלעקסן.

יענע אויפֿגעשווומענע אין זכרון פּאַ־סירונג האָט זיך איצט צונויפֿגעפּלאָנ־טערט מיט וויקטאָרס לעצטע ווערטער. אַ פֿראַגע האָט זיך מיר פֿון זיך אַליין אַראָפּגעגליטשט פֿון צונג:

— צי טראָגט איר אַ בייז האַרץ אויף

אייערע עלטערן וואָס זיי האָבן אייך אַמאָל
נישט געזאָגט דעם אמת?

— אַ ביין האַרץ, צי נישט קיין ביין האַרץ,
נישט אין דעם גייט עס. כ'וויס אָבער
זיי האָבן געטאָן אַן אומרעכט קעגן מיר.
ס'איז מיר פּלוצלינג געפאַלן ווי אַ שטיין
אין קאָפּ. כאָטש מיר איז אַלץ איינס,
אַ ייד, אַ נישט־ייד. איך האָב אָבער מיט
איין מאָל זיך דערזען אַ ייד און נישט
געוווסט וואָס דאָס איז אַזוינס. ס'האָט
מיר נישט געלאָזט שלאָפן. כ'האָב זיך
געפרעגט און נישט געקאָנט געפינען קיין
ענטפער פאַרוואָס מיינע עלטערן האָבן
אויסבאַהאַלטן פאַר מיר. צו וואָס האָט זיי
דאָס געטויגט? כ'האָב זיך דערפילט אָפּ־
גענאַרט פון זיי. נאָך היינט דאַכט זיך
מיר, אַז ווען ס'איז דאָ עפּעס אַ געלעגנ־
הייט, נאַרן זיי מיך אָפּ, אַז זיי ווילן מיך
פאַרנאַרן קיין ישראל, ווילן מאַכן פון מיר
אַ מענטש אַזוי ווי זיי פאַרשטייען דאָס —
אַ דאָקטער אָדער אַ כעמיקער. שפּילן
אויף דער מאַנדאָלינע; מאַכן פאַרטרעטן
אויפן מאַנמאַרטר הייסט ביי זיי פאַרלוי־
רענע צייט. איך לערן זיך גאָרנישט אויס.
פאַר מיר, פאַרקערט, כ'לערן זיך אַ סך
מער ווי כ'וואָלט זיך אויסגעלערנט אויפן
אוניווערסיטעט.

כ'האָב זיך צוגעהערט צו וויקטאָרס
רייד און נישט געוואָלט גלייבן מיינע איי־
גענע אויערן. ס'האָט זיך מיר פון אָנהייב
געדאַכט, אַז ער קען קיין צוויי נישט
ציילן. דאָס באַוואָקסענע פּנים האָט אויס־
געזען שעמעוודיק. די ערשטע ווערטע־
זענען אים קוים דורכגעגאַנגען דורכן
האַלדז. איצט דאַרף מען אים נישט ציען
פאַרן צונג. ער רעדט מיט פּאַסיע, מיט
איבערצייגונג, זשעסטיקולירט נערוועז
מיט די הענט. ס''איז קענטיק, אַז ס'האָט
זיך ביי אים אָנגעקליבן אַ סך אויפן האַרץ
און ער האָט אַ באַדערפעניש זיך אַראָפּ־
צורעדן.

— מייך מוטער באַוויינט מיך אין די
בריוו. זי האָט מיך געפרעגט אין איינעם
פון אירע בריוו צי ס'איז אמת וואָס זי
האָט געהערט, אַז כ'בין געוואָרן אַ היפּי.
זי האָט מיך דאָס געפרעגט מיט אַזאַ
שרעק, ווי איך וואָלט געוואָרן אַ פאַר־
ברעכער. קעגן וועמען בונטעווע איך
זיך? פרעגט זי מיך. אַז זי האָט זיך אַמאָל
געבונטעוועט קעגן אַלץ און אַלעמען איז
רעכט געווען. איך טאָר זיך אויף מיין
אופן נישט בונטעווען.

— איר האָט געענטפערט אייער מוטער
אויף איר בריוו?

— נישט געענטפערט. מיר פאַרשטיי־
ען זיך נישט, פונקט ווי מיר וואָלטן נישט
גערעדט אויף דער זעלבער שפּראַך. זי
האָט דערוואַרט כ'זאָל ווערן אַ גרויסער
מענטש און איך בין געוואָרן אַ וואָס?
אַז איך חבר זיך מיט היפּיס, בין איך
מסתמא אויך אַ היפּי. מען קלעפּט גלייך
צו אַן עטיקעט. אויב איך פאַרטראַג נישט
מ'זאָל מיך צווינגען זיך צו פירן ווי אַנ־
דערע, אויב איך וויל זיין פריי און פירן
זיך אַזוי ווי מיר געפעלט, בין איך מס־
תמא אַ היפּי. מיינע עלטערן האָבן אַלע
אַמאָל געהאַנדלט אַזוי ווי ס'איז געווען
אָנגענומען, אַזוי ווי מ'האָט זיי געהייסן.
אין פוילן האָבן זיי מיטן אייגענעם שכל
קיין טריט נישט געמאַכט. אַלץ האָט גע־
דאַרפט זיין ווי ס'איז געווען אָנגעוויזן,
לויט אַ מאָדעל. מ'האָט נישט אָפּגעווייכט
פון מאָדעל. זינט איך געדענק, איז אַזוי
געווען. ביי זיי האָט עס געהייסן אַ נייע
וועלט. וואָס ס'איז געוואָרן פון דעם ווייסט
איר. זייער נייע וועלט איז זיך צעפאַלן
ווי אַ קאַרטן־שטיבל. איצט קלאַמערן זיי
זיך אין אַנדערע מאָדעלן. זוכן תכלית
פאַר מיר. כ'האָב פיינט זייער תכלית,
דעם איצטיקן פונקט ווי דעם פריערדיקן.

כ'האָב אים געלאָזט רעדן. די צונג
האָט זיך אַזוי אויפגעבונדן, אַז איך האָב
פאַרשפּאָרט צו שטעלן פראַגן. כ'האָב
אויך ליבערשט געוואָלט סזאָל זיין אַ
מאָנאָלאָג, ווי אַ דיאַלאָג. אויך אים איז
דאָס אַפּנים ליבערשט געווען.

וויקטאָר איז געוואָרן אַן אָפטער אַריינ־
גייער צו מיר. יעדעס מאָל האָט ער מיט־
געבראַכט עפּעס אַ צייכענונג, אַ בילדל,
געמאָלן אויף טעקטור. אַלץ פון זעלבן
זשאַנער, פון אַ קאַריקאַטוראַלן כאַראַק־
טער. אַ מאַן, אַ פרוי, צי אַ קינד — אַלץ
איז געווען אין קאַריקאַטור און אָנגעזאַפּט
מיט אומעט. און פאַרט זינט ער האָט זיך
איינגעקוואַרטירט אין דער מאַנסאַדרע
אויפן 6טן שטאָק האָט זיין הולך שטופּנ־

ווייז זיך געענדערט. די ווילד־צעשויבערטע האָר אויפן קאָפּ זענען אַלע מאָל מער געוואָרן געלאָסענער. די באָרד איז געוואָרן יינגער, קירצער. דער בחור איז צומאָל געוואָרן זויבערער.

* * * * *

ס'איז געווען נאָך אַ שטיקל צייט ווי וויקטאָר האָט זיך נישט געוויזן. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר און אַריין נישט ווי געווײנלעך. ער האָט זיך באַגריסט מיט אַ ברייטן שמייכל. כ'האָב דערקענט, אַז ער קומט מיט עפּעס נייעס. ער האָט מיר טאַקע גלייך מודיע געווען, אַז ער האָט מיר „עפּעס צו ווייזן". ער האָט נישט געלאָזט לאַנג וואַרטן אויפן „עפּעס" און פון אַן אָנגעפּראַפּטער טעטשקע אַרויסגעצויגן אַ היפּשע צייכענונג: אַן אַלטער ייד מיט אַ קאַפּל אויפן קאָפּ, מיט אַ לאַנגער, מאַיעסטעטישער באָרד, אַ פאַרזונקענער אין מחשבות. דער הדרת פּנים אַ מילדס, אויגן גוטע, קלוגע. די גאַנצע געשטאַלט באַהויכט מיט רוחניות. דער פּאָרטרעט איז נישט ענלעך געווען צו קיין שום פון זיינע פריערדיקע אַרבעטן.

— דאָס איז אייער צייכענונג? — האָב איך זיך געוווּנדערט.

— מיינע.

— ווער איז דער ייד?

— מיין זיידע.

— אייער זיידע? איר האָט אים דאָך נישט געקענט. האָט איר געצייכנט פון אַ פאָטאָגראַפיע?

—ניין, מיינע עלטערן האָבן עפּעס מיטגעשיקט פאַר מיר מיט אַ קרוב. האָבן מיר זיך צונויפגערעדט. דער קרוב איז אויך געווען אין געטאָ. האָט ער מיר דערציילט וועגן מיין מאַמעס טאַטן, וואָס פאַר אַן איידעלער מענטש ס'איז געווען. די דייטשן האָבן אים געשאָסן אין געטאָ. דער קרוב האָט אים פאַר מיר געשילדערט ווי אַזוי ער האָט אויסגעזען, ווי אַזוי ער פלעגט זיך פירן, האָב איך לויט דעם ווי כ'האָב זיך אים פאָרגעשטעלט געצייכנט מיין זיידן. געפעלט אייך די צייכענונג?

— זייער.

— כ'וועל מאַכן פון מיין זיידן אַ גרויסן פּאָרטרעט.

## ביכער אַנגעקומען אין רעדאַקציע

☐ „שטילע וועגן" פון ה. ערליך — אַ בוך לידער אַרויסגעגעבן דורך דעם פאַרלאַג „קאַיאָר", יאָהאַנעסבורג, דרום אַפריקע, 1979.

☐ יוסף עפּשטיין (קאָלאָנעל זשיל) פון משה זאַלצמאַן — דער העראָישער יידישער פרייהייטס קעמפער — מאָנאָגראַפיע, פּאַריז 1980.

☐ שבחי ר' וועלוול (ספר ווילי שאָר) — אַ בוך באַגריסונגען און אָפּשאַצונגען פון דעם אייגנאַרטיקן פאָלקסמענטש וועלוול שאָר, וואָס האָט צעטיילט זיין פאַרמעגן פאַר יידישער קולטור אינסטיטוציעס און יידישע שרייבערס. דאָס בוך איז רעדאַקטירט פון משה יונגמאַן און צבי אייזנמאַן; די הילע געצייכנט פון רעיה וואַסערמאַן־סיני, ישראל.

☐ אויך טייל ביכער וואָס זיינען רעצענזירט אין איצטיקן נומער „חשבון".

☐ עס דרוקט זיך אַ ביי בוך פון חיים לייב פוקס: „הונדערט יאָר יידישע און העברעישע פרעסע און ליטעראַטור אין קאַנאַדע."

Greetings for the New Year

*from*

***Westland Printing Co.***

1234 West Seventh Street

Los Angeles, Ca. 90017

Tel. MA 8-4216

שאול גוטמאַן / ניו־יאָרק

# אַלעקסאַנדער סאָלזשעניצין — דער קינסטלער און דער נביא

## I

עס קענען זיין חילוקי־דעות וועגן דעם צי אַלעקסאַנדער סאָלזשעניצין איז דער גרעסטער רוסישער פּראָזע־קינסטלער, אָדער נישט; אָבער ווי איר זאָלט נישט טראַכטן וועגן זיין קינסטלערישן טאַלאַנט מוזט איר אַלץ איינס באַוווּנדערן זיין אויסערגעוויינלעכן מוט, כאַראַקטער, און זיין אַלזייטיקע ווירטואָזיטעט. אויב איר האָט בלויז געלייענט זיין „ערשטן קרייז" און „גולאַג אַרכיפּעלאַג", און דערצו געדענקט איר אויך די אויסטערלישע באַדינגונגען אונטער וועלכע די ווערק זיינען געשאַפן געוואָרן, מוזט איר אנערקענען אַז דאָ שטייט פאַר אייך אַן אומגעוויינטלעך־שאַפערישע פּערזענלעכקייט פון מאָראַלישער גרויסקייט און נביאישן פּאַטאָס. אָבער מיינט דאָס אַז ווייל ער איז גרויס ווי אַ קינסטלער און מענטש, איז ער אויך אַ גרויסער פּאָליטישער דענקער? מיינט דאָס אַז מיר דאַרפן אָננעמען זיינע מיינונגען וועגן דער מערב־ציוויליזאַציע, און וועגן דער וועלט־פּאָליטיק? לאוו דווקא. גרויסקייט אויף איין געביט מיינט נישט אויך גרויסקייט אויף אַן אַנדער געביט, און דער כלל איז אויך חל אויף ד ע ם רוסישן קינסטלער.

זינט סאָלזשעניצין איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון רוסלאַנד, און ער האָט זיך באַזעצט אין אַמעריקע, איז ער אויך פּראָדוקטיוו ווי אַן עסייאיסט און פּובליציסט וואָס הערט נישט אויף צו קריטיקירן דעם מערב און צו רופן צו אַ קרייץ־צוג קעגן רוסלאַנד. און דערביי אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז אַלץ מער דער קאָנסערוואַטיווער רוסישער סלאַוואָפיל מיט אַ גלאָריפיקאַציע פון אַלץ וואָס איז רוסיש, אַז ממש ער זעט נישט קיין פלעק אפילו אויפן צאַרישן דעספּאָטיזם. אין דער אַמעריקאַנער פּרעסע און פּעריאָדיק זיינען לעצטנס דערשינען אַ ריי אַרטיקלען פון פאַראַנטוואָרטלעכע פּובליציסטן וואָס ווייזן אָן אויף אַ געוואַלדיקן אויפשטייג אין סאָוועטן־רוסלאַנד פון אַ גרויס־רוסישן שאָוויניסטישן נאַציאָנאַליזם, מיט אַ שנאה צו אַנדערע סאָוועטישע נאַציאָנאַליטעטן, צוזאַמען מיט אַ ווידערגעבורט פון אַנטיסעמיטיזם אויף אַלע פאַזן פון דער רעגירונג, צווישן אַרבעטער, און אפילו אויך אין לאַגערן פון די אַרעסטאַנטן.

אַזוי, למשל, דערציילט אונדז דער רוסישער שרייבער אַנדרעי סיניאַווסקי, וועלכער איז געווען פאַרשיקט אין תּפיסות און לאַגערן פון 1966 ביז 1972, פאַר דרוקן זיינע ווערק אין מערב אונטערן פּסעוודאָנים אַבראַם טערץ, אַז אין פאַרלויף פון זיינע זעקס יאָר אין די לאַגערן האָבן געוויסע אַרעסטאַנטן אים געגעבן אַן אולטימאַטום, אַז ער מוז איבעררייסן זיין פריינדשאַפט מיט די יידישע אַרעסטאַנטן, און אויב נישט...

„אַנטיסעמיטיזם אין טאָג־טעגלעכן לעבן האָט אַלע מאָל עקזיסטירט אין רוסלאַנד, אָבער ס'איז ניי און שאָקירנדיק עס צו געפינען אויך צווישן געבילדעטע מענטשן. אין די רייען פון די דיסידענטן ווערן געבאָרן נייע ליידנשאַפטן, אומטאָלעראַנץ, און אַ וויזיע פון רוסלאַנד ווי אַ טעאָקראַטישע מלוכה. אַזעלכע סענטימענטן זיינען באַאומרואיקנדיק אפילו ווען אַ סאָלזשעניצין רעדט." און סיניאַווסקי זעצט פאָר, אַז אין סאָלזשעניצינס טעאָקראַטישער מלוכה איז נישטאָ קיין אָרט פאַר ליבעראַלן, ווייל פאַר אים איז די פאַר־רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד ווי אַ כמעט אידעאַלע מלוכה, העכער ווי די מערב־דעמאָקראַטיעס; אַז ער (סאָלזשעניצין) באַטראַכט רוסלאַנדס ירידה ווי אַ רעזולטאַט פון שלעכטע דרויסנדיקע כּוחות: מאַרקסיזם איז געקומען פון מערב; לענין איז געקומען פון דער שווייץ; אַ טייל פון

דער באָלשעוויסטישער פירערשאַפט איז געווען יידיש; די לעטישע רעגימענטן האָבן געהאָלפן אין דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע. (1)

דריקט טאַקע סאָלזשעניצין אויס אַזעלכע עקסטרעם־קאָנסערוואַטיווע סענטימענטן? ס'איז כדאי צו הערן וואָס ער אַליין זאָגט. אין דעם זאַמלבוך „פון אונטער דער ברוכוואַרג" טרעט סאָלזשעניצין אַרויס מיט אַ שאַרפער קריטיק קעגן דעם באַרימטן רוסישן וויסנשאַפטלער און ליבעראַל, אַנדרעי סאַכאַראָוו, פאַר יענעמס טאַדלען דעם רוסישן נאַציאָנאַליזם. גלייכצייטיק באַקעמפט דער קינסטלער אויך דעם פאַרלאַמענטאַריזם און דעם פאַרטיי־סיסטעם פון מערב־אייראָפע. דאָס איז לויט אים אַ געץ וואָס דערדריקט זיינע מיטגלידער, ווייל — פסקנט סאָלזשעניצין — אַ געזעלשאַפט ווו פּאָליטישע פאַרטייען זיינען אַקטיוו קען קיין מאָל נישט שטייגן מאָראַליש. ער זעצט פאָר זיין באַשולדיקונגס־אַקט און ער פרעגט: „צי קען אויסערלעכע פרייהייט זיין דער באַוווסטזיניקער ציל פון מענטשן? אָדער איז עס בלויז אַ ראַם אין וועלכער אַנדערע העכערע צילן קענען רעאַליזירט ווערן? אויסערלעכע פרייהייט איז ווינטשנסווערט, אָבער ס'איז בלויז אַ מיטל צו אַ ציל. מיר קענען פעסט באַשטימען אונדזער אינערלעכע פרייהייט אפילו אין אויסערלעכע באַדינגונגען פון אומפרייהייט. אין אַ נישט־פרייער סביבה פאַרלירן מיר נישט די מעגלעכקייט צו פּראָגרעסירן צו מאָראַלישע צילן". (2)

אויבנאויפיק קלינגט זיין קריטיק זייער נאַאיוו, ווי איינער זאָל פרעגן צי קען מען דען לעבן בלויז מיט לופט אַליין, אָן ברויט? אַוודאי ווייסט יעדער אַז פּאָליטישע פרייהייט איז בלויז אַ ראַם פאַר מענטשלעכער עקזיסטענץ, און זי איז נישט דער זין און אינהאַלט פון יחידס לעבן; אָבער אָן איר, פונקט ווי אָן לופט, איז דאָך פאַר אַ שטאָלצן, ווירדיקן מענטש אוממעגלעך צו אָטעמען. אין אַ געזעלשאַפט פון פּאָליטישער פרייהייט קען מען רעאַליזירן „אַנדערע, העכערע צילן."

ווען איר טראַכט זיך אַריין אין זיין צוגאַנג זעט איר פאַר זיך אַ מיסטיקער, וואָס איז דער עיקר פאַראינטערעסירט צו ראַטעווען די נשמה, נישט דעם גוף. אַ ביסל שפּעטער דערערדט ער זיך טאַקע צו דעם אָפן: „אין שייכות צו די אמתע צילן פון מענטשן אויף דער ערד איז די מלוכה־פאָרם פון צווייט־קלאַסיקער באַדייטונג. ווייל יעזוס האָט געזאָגט: „גיב צעזאַרן וואָס איז צעזאַרס, נישט ווייל יעדער צעזאַר פאַרדינט עס, נאָר ווייל צעזאַרס אינטערעס איז נישט פון די וויכטיקסטע זאַכן אין אונדזער לעבן. (זייט 20־22).

אויב אַזוי, מעגן מיר דאָך אים פרעגן: טאָ וואָס גייט אייך אין לעבן צי ס'איז אַ צאַרישער דעספּאָטיזם, אָדער אַ קאָמוניסטישער — אפילו ווען דער לעצטער איז שווערער ווי דער ערשטער? און ווו איז דער זכות פון דער פאַר־רעוואָלוציאָנערער רוסישער אויטאָקראַטיע?! ווייל, דערקלערט אונדז סאָלזשעניצין, די אויטאָריטאַרישע מלוכה (ס'הייסט, די צאַרישע, ש.ג.) האָט פאַרמאָגט סטאַבילקייט, קאָנטינואיטעט, און אימוניטעט פון פּאָליטישע אויפטרייסלונגען. צווייטנס, איז, הגם יענע רעגירונג איז געווען באַזירט אויף געוואַלד, און אויף אַרביטראַרע באַשלוסן, האָבן די אַמאָליקע אויטאָקראַטן זיך געפילט פאַראַנטוואָרטלעך צו גאָט און צו זייער געוויסן.

יעדער וואָס איז באַקאַנט מיט דער רוסישער געשיכטע מוז דאָך שטוינען ווען ער גיט אַ טראַכט וועגן „געוויסן" פון איוואַן גראָזני, פּיאָטער דער גרויסער, די ראָמאַנאָווס מיט זייערע תליות, קאַטאָרגעס, און פּאָגראָמען אויף יידן! זיי האָבן זיך געפילט פאַראַנטוואָרטלעך צו זייער געוויסן?! האָבן זיי דען פאַרמאָגט אַ געוויסן?

## II

אין זיין נייעסטער אַטאַקע אויפן מערב פּרוּווט סאָלזשעניצין באַווייזן אַז די אַמעריקאַנער געלערנטע, זשורנאַליסטן, און דיפּלאָמאַטן, פאַרשפּרייטן אַ פאַלשע טעאָריע וועגן רוסלאַנד, דהיינו: אַז ס'איז דאָ אַן אומצערייסבאַרע פאַרבינדונג צווישן קאָמוניזם און רוסלאַנד; אַז די קראַנקהייט פון קאָמוניזם האָט אַטאַקירט

רוסלאַנד, ווייל איר נאַציאָנאַלער אָרגאַ־ניזם איז גרייט געווען זיך אָנצושטעקן מיט דער מחלה. די דאָזיקע טעאָריע איז פאַלש, טענהט ער. די אַלע געלערנטע, האַלט ער, נעמען אָפּט איבער, ניט וויסנ־דיק, די ראָם פון דער סאָוועטישער היס־טאָריאָגראַפיע. און נישט באַוווסטזיניק אַקצעפּטירן זיי דעם צוגאַנג. די מעטאָ־דאָלאָגיע פון דער סאָוועטישער וויסנ־שאַפט. ווי אַ בייִשפּיל גיט ער אָן דעם פאַקט, אַז ביז דער לעצטער צייט איז די עקזיסטענץ פון גולאַג־אַרכיפּעלאַג נישט געוואָרן אָנערקענט פון דער מערבדיקער וויסנשאַפט. (3).

ס'איז אַ פאַלשער, איין־דימענסיאָנעלער צוגאַנג, באַטאָנט דער רוסישער קינסט־לער, צו וועלן דערקלערן דעם קאָמוניזם אין רוסלאַנד, און שפּעטער אין אַנדערע לענדער, נישט ווי אַ נייעם פענאָמען אין דער געשיכטע, נאָר גלייך ווי די סיבה וואָלט געלעגן אין רוסישן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. עס איז אַ ראַסיסטישער קוק, פּראָטעסטירט ער, צוצושרייבן דעם קאָ־מוניזם צו דער רוסישער שקלאַפישער מענטאַליטעט. . באַזונדער שאַרף, טרעט ער אַרויס קעגן דעם אַמעריקאַנער היס־טאָריקער ריטשאַרד פּייפּס פאַר זיין בוך: „רוסלאַנד אונטערן אַלטן רעזשים", ווו דער היסטאָריקער באַגרינדעט דעם טע־זיס אַז די געשיכטע פון רוסלאַנד האָט געהאַט איין ציל: צו שאַפן אַ פּאָליציי־שטאַט. אַלע געלערנטע מיט אָט דער טענדענץ רעדוצירן די רוסישע געשיכטע צו צוויי נעמען: איוואַן גראָזני און פּיאָ־טער דער גרויסער, און דערמיט ווילן זיי באַווייזן אַז קאָמוניזם איז מעגלעך בלויז אין לענדער מיט אַ „מאָראַליש־דעפּעק־טיווער" געשיכטע, אַזוי וואַרפט סאָלזשע־ניצין פאַר דעם אַמעריקאַנער היסטאָרי־קער. לויט דעם טעזיס, הייסט עס, אַז אין אַלע געמיינהייטן פון קאָמוניזם איז שול־דיק דער רוסישער נאַציאָנאַלער כאַראַק־טער און אירע אויטאָקראַטישע טראַדי־ציעס. אין דער אמתן, טענהט דער רוסי־שער שרייבער, האָט רוסלאַנד פאַר 1914 געהאַט אַ דעצענטראַליזירטע ווירטשאַפט. זי האָט געהאַט פּראָגרעסירט אויפן פעלד פון אַרבעטער־געזעצגעבונג און דער עקאָנאָמישער ווילזיין פון פּויערטום איז געווען בעסער ווי ביים סאָוועטישן רע־זשים. די אינטעליגענץ איז נישט געווען באַגרענעצט אין אירע טעטיקייטן; מ'האָט טאָלערירט רעליגיעזע און פילאָסאָפישע אידייען פון אַלע ריכטונגען.

אָבער אפילו ווען דאָס אַלץ איז אמת, איז עס בלויז אַ טייל פון בילד, נישט דאָס גאַנצע בילד פון דער צאַרישער רוסלאַנד מיט אירע אויטאָקראַטישע צאַרן, שוואַרץ־מאַהניקעס, און פּאָגראָמען אויף יידן, וועגן וועלכע דער רוסישער שרייבער האַלט נישט פאַר נייטיק צו דערמאָנען. אָבער, לאָמיר צוריקגיין צו זיין קריטיק פון די מערב־היסטאָריקערס פאַר זייער אינטערפּרעטאַציע פון רוסישן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער.

אַוודאי איז דער ענין: נאַציאָנאַלער כאַ־ראַקטער, נאָך אַלץ נישט קיין וויסנשאַפט; סאָציאַל־פּסיכאָלאָגן און סאָציאָלאָגן זיי־נען מחולק וועגן באַשטענדיקייט פון נאַ־ציאָנאַלן כאַראַקטער. ס'איז אַ קאָמפּלי־צירטער פענאָמען מיט פאַרשידענע גייס־טיקע שטרעמונגען און אַספּיראַציעס. אָבער נישט געקוקט אויף דער פאַרשידנ־קייט פון קלאַסן און יחידים אין יעדן פאָלק, איז פאַראַן, ווייניקסטנס במשך יאָרהונדערטער, אַ געוויסע באַשטימטע דויערנדיקייט אין נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. מען טאָר דעריבער נישט פאַרמאַכן די אויגן אאויף געוויסע צענטראַלע פאַקטן אין דער רוסישער געשיכטע: אַ לאַנד וואָס האָט זינט דעם פאַלן פון דער ביזאַנ־טישער אימפּעריע — די צווייטע רוים — (אין 1453) — אונדז אָפּט געלאָזט וויסן אַז זי איז די דריטע רוים, וואָס רעפּרע־זענטירט דאָס אמתע קריסטנטום; אַ לאַנד וואָס האָט נישט דורכגעמאַכט די רענע־סאַנס און די אויפקלערונג, נאָר בלויז געהאַט אַן „אויפגעקלערטע אויטאָקראַ־טיע" פון יעקאַטערינאַ דער צווייטער.

פּראָפ' פּייפּס, אָפּשלאָגנדיק די טענות פון סאָלזשעניצין און אַנדערע רוסישע קאָנסערוואַטיוון, האַלט אַז ס'איז ממש אַן אַבסורד צו וועלן פאַרלייקענען אַז ס'איז פאַראַן אַ קאָנטינויִטעט אין דער אויפפירונג מצד דער סאָוועטישער רע־גירונג און דער רוסישער היסטאָרישער דערפאַרונג. מען מוז אָנערקענען, דער־קלערט ער, אַז ס'איז דאָ אַ פונדאַמענטאַ־

לער אונטערשיד אין דער פּסיכאָלאָגיע און אַספּיראַציעס פון דער וועלטס פאַרשידענע פעלקער, בעת ביי יעדן פאָלק באַזונדער גייט אָן אַ המשך פון דור צו דור; ווייל נאָך אַלעמען קענען נישט די זעלביקע מענטשן, וואָס פאַרנעמען די זעלביקע טעריטאָריעס, וואָס רעדן די זעלביקע שפּראַך, און האָבן איבערגענומען די זעלביקע טויזנט־יעריקע געשיכטע, אָט די דאָזיקע מענטשן, פאַר זיי איז אוממעגלעך זיי זאָלן האָבן אַנטוויקלט צוויי באַזונדערע פּאָליטישע סיסטעמען, וואָס האָבן נישט קיין בשותפותדיקע שטריכן. דער געדאַנק אַז אַ פאָלק פון איבער הונדערט מיליאָן מענטשן קאָן ווערן איבערגעמאַכט און געצוווּנגען במשך צענדליקער יאָרן, צוליב דער השפּעה פון געוויסע רשעותדיקע אידייען — ווי עס מיינט סאָלזשעניצין און אַנדערע רוסישע קאָנסערוואַטיוון — קומט אים אויס פאַנטאַסטיש. (4).

ווייל, ווי דערקלערט מען, וואָס דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט", געשריבן אין דייטש, האָט אין דייטשלאַנד געהאַט אַ קנאַפּע ווירקונג? „דאס קאַפּיטאַל", געשריבן אין ענגלאַנד, האָט דאָרטן קיין רושם און קיין השפּעה נישט געהאַט? פאַרוואָס דווקא איז די אינדוסטריעל־צוריקגעשטאַנענע רוסלאַנד איינגענומען געוואָרן פון דער מאַרקסיסטישער תורה?

זיין ענטפער איז אַז אידייען פאַראורזאַכן נישט קיין גרויסע שינויים; זיי ווירקן בלויז דאָרטן ווו דער קלימאַט און דער באָדן איז פאַר זיי גראָד גינסטיק. אפילו דער מאַרקסיזם גופא האָט אַן אַנדער פּנים ביי די מערב־אייראָפּעישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. און אפילו אין מזרח אייראָפּע, ווו דער קאָמוניזם איז אַרויפגעצוווּנגען געוואָרן פון דער סאָוועטישער אַרמיי, איז ער מילדער און מענטשלעכער ווי אין רוסלאַנד. דאָס פירט דעם אַמעריקאַנער היסטאָריקער צו דער מסקנה, אַז די פאַקטישע פאָרם וואָס דער קאָמוניזם נעמט אָן ביי אַ רעגירונג וואָס איז אויף אים באַזירט, איז אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק פון די היימישע פּאָליטישע טראַדיציעס, וועלכע זיינען אין אייראָפּע ליבעראַלער ווי אין רוסלאַנד, מיט אירע אויטאָריטאַרע היסטאָרישע טראַדיציעס.

מיר וואָלטן געקענט באַקרעפטיקן דעם טעזיס פון אַמעריקאַנער היסטאָריקערס מיט סאָלזשעניצינען גופא: זיין סלאַוואָפילישע אידעאָלאָגיע און מענטאַליטעט איז דאָך אַ המשך פון דער פאַר־רעוואָלוציאָנערער רוסישער ראָמאַנטיק. ווייל נאָך אַלע ליידן און טראַנספאָרמאַציעס וואָס זיין פאָלק האָט דורכגעמאַכט במשך דעם היינטיקן יאָרהונדערט, צי אין נאָמען פון „געטלעכן רעכט" פון די צאַרן, אָדער אין נאָמען פון דער „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט", חזרט ער אַלץ איבער, מיט גאָר קליינע אונטערשידן, דעם זעלביקן ראָמאַנטישן פּזמון פון די אַמאָליקע סלאַוואָפילן, צווישן וועלכע עס זיינען געווען פאַרשידענע ניואַנסן בנוגע זייער קעגנערשאַפט צום מערב, אָבער אַלע זיינען געווען פאַראייניקט אין זייער אידעאַליזירן רוסלאַנד.

אין אַ בריוו פון זשענעווע, אין 1868, שרייבט דאָסטאָיעווסקי, אַז „בעת אייראָפּע האָט אַנטוויקלט איר צעפּוילטע ציוויליזאַציע האָבן מיר זיך געשטאַלטעט אין אַ גרויס פאָלק; מיר האָבן געצאַמט אַזיע אויף אייביק, מיר האָבן דורכגעמאַכט אומענדלעכע ליידן; מיר האָבן נישט פאַרלאָרן די רוסישע אידעע וועלכע וועט באַגייען די וועלט, נאָר מיר האָבן זי געשטאַרקט. סוף־כל־סוף האָבן מיר אויסגעהאַלטן פון די דייטשן, און דאָך באָך אַלעמען איז דאָך אונדזער פאָלק אומפאַרגלייכלעך העכער, נאָבעלער, ערלעכער, נאַאיווער, פעאיקער, פול מיט אַן אַנדער אידעע, די העכסטע קריסטלעכע אידעע וואָס ווערט אפילו נישט פאַרשטאַנען פון אייראָפּע, מיט איר שטאַרבנדיקן קאַטאָליציזם און איר נאַרישן סתירהדיקן לוטעראַניזם" (5).

אויך סאָלזשעניצין גלויבט אַז רוסלאַנד וועט מיט איר פּראַוואָסלאַווער קולטור אָפּראַטעווען די מענטשהייט פון די פאַרפירערישע אידעען פון דער רענעסאַנס און אויפקלערונג, וועלכע האָט אונדז אויסגעדרייט מיט דער פלייצע צום גייסט און מיר האָבן אָנגענומען אַלץ וואָס איז מאַטעריאַליסטיש, און מיר האָבן זיך באַפרייט פון דער מאָראַלישער ירושה פון

די קריסטלעכע יאָרהונדערטער... דורך אינטענסיווע ליידן האָט אונדזער לאַנד דערגרייכט אַזאַ אינטענסיווע גייסטיקע אַנטוויקלונג, אַז דער מערב, אין זיין איצטישן צושטאַנד פון גייסטיקער אויסשעפונג, קוקט נישט אויס אָנציענדיק. במשך די לעצטע זעכציק יאָר זיינען מיר דורכגעגאַנגען אַ גייסטיקע אַנטוויקלונג וואָס איז אַ סך מער פאָרגעשריטן ווי די מערבדיקע דערפאַרונג.“

און בעת דער רוסישער קינסטלער זאָגט אונדז אַז ער האָט נישט קיין אַנטגילטיקע מיינונג וועגן דער רעגירונגספאָרם פון רוסלאַנד אין דער צוקונפט, לאָזט ער גלייכצייטיק נישט דורך די געלעגנהייט צו אַטאַקירן די ענגלישע לייבאָר רעגירונג, די דייטשע ווייִמאַר רעפובליק און די היינטיקע מערב־דעמאָקראַטיעס. דער אמת, פסקנט ער דאָגמאַטיש, קען נישט באַשלאָסן ווערן דורך שטימען, ווייל די מערהייט האָט נישט קיין טיפערן אַריינבליק אין אמת. גלייך ווי דאָ וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן „אייביקע“ פילאָסאָפישע פראַגן, און נישט וועגן ערדישע, סאָציאַל־פּאָליטישע ענינים וואָס זיינען שטאַרק נוגע דעם פאָלק. מיינט דאָס אַז די „אַלצוויסנדיקע“ אויטאָקראַטן האָבן אַ טיפערן אַריינבליק אין די אמתע באַדערפענישן און נויטן פון פאָלק, ווי דאָס פאָלק גופא ? !

סאָלזשעניצין לאָזט אונדז אויך וויסן אַז ער איז נישט פאַר אַ טעאָקראַטישן רעזשים; ער וויל בלויז אַז די רעליגיע זאָל בייטראָגן צום גייסטיקן לעבן פון פאָלק „אַזוי ווי עס איז אין ישראל — און קיינער פאַרדאַמט עס נישט.“ ווי ס׳ווייזט אויס איז אים נישט באַקאַנט אַז וויט נישט אַלע יידן אין מדינת ישראל און אין די תפוצות זיינען צופרידן מיטן קאָנטראָל און מאָנאָפאָל וואָס דער אָרטאָדאָקסישער ראַבינאַט האָט איבער רעליגיעזע ענינים אין ישראל... (6).

III

אין איין פרט, און פאַר אונדז יידן זייער אַ וויכטיקער, פאָלגט דער רוסישער קינסטלער נישט נאָך דאָסטאָיעווסקין: אין שינאה צו יידן. דער לעצטער, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט ווי אַ טיפער אַריינדרינגער אין אַלע אָפגרונטן פון דער מענטשלעכער נשמה, האָט זיך אויך, ווי באַקאַנט, „אויסגעצייכנט“ מיט זיין ווילדן אַנטיסעמיטיזם. אין דעם פרט איז דער היינטצייטיקער רוסישער קינסטלער אַן אַנדערש. אמת, מיר האָבן נישט געפונען ביי אים ביז איצט קיין וואָרט פון סימפאַטיע צום יידישן פאָלק מיט זיינע זעקס מיליאָן קרבנות, אָבער אויך ניט קיין וואָרט פון שינאה.

ער זעט נישט קיין שום געפאַר אין איצטיקן אויפשטייג פון נאַציאָנאַליזם אין רוסלאַנד. ער מיינט אַז דאָס איז אַ סימן אַז דער קאָמוניזם האָט נישט געקענט אויסראָטן די איינגעבאָרענע נאַציאָנאַלע סענטימענטן; אָבער ער זעט יאָ אַ סכנה אין פאַקט וואָס די סאָוועטישע רעגירונג וויל אויסנוצן פאַר אירע אימפעריאַליסטישע אַמביציעס דעם רוסישן נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין. פונקט אַזוי, ווייזט ער אָן, נוצט די סאָוועט־רעגירונג אויס די יידישע עמיגראַציע פון רוסלאַנד פונאַנדערצו בלאָזן די פלאַמען פון אַנטיסעמיטיזם. („איר זעט? זיי זיינען די איינציקע וואָס קענען אַנטלויפן פון דעם גיהנום, און דער מערב שיקט סחורה דערפאַר“); אָבער, שטרייכט ער אונטער, דאָס מיינט נישט אַז יידן האָבן נישט קיין רעכט צו פאָרן וווהין זיי ווילן. אין שייכות דערמיט, ווייזט ער אָן, אַז דאָס טראַנסמיטירן באַריכטן פון יידישע אימיגראַנטן פון רוסלאַנד, ווי גליקלעך זיי זיינען אין אַמעריקע, העלפט מיט צו פאַרשפרייטן אַנטיסעמיטיזם אין רוסלאַנד, ווייל מען ווייסט דאָרטן אַז נאָר יידן האָבן אַ רעכט צו עמיגרירן.

סאָלזשעניצין איז מודה אַז ער איז נישט קיין פאָליטישער דענקער, נאָר אַ קינסטלער; אָבער ער פאַרגעסט זיך אָן דעם און רעדט צייטנווייז ווי אַ נביא וואָס באַזיצט דעם געטלעכן אמת, און ער ווייסט בעסער ווי די מערב־פאָליטיקער און געלערנטע וואָס עס איז גוט פאַר דער מענטשהייט. די צרה איז וואָס לעבן אין אַ געזעלשאַפט געפירט פון קנאים און ראָמאַנטיקער פון עבר, ווי דער רוסישער

ד"ר יעקב י. מייטליס / לאָנדאָן

# די „משלי שועלים" פון רב ברכיה הנקדן

## (אויפן ראַנד פון חיים שוואַרצבוימס מייסטער שטודיע)

די אינטערעסאַנטע און וויכטיקע זאַמלונג פון משלים פון דעם שפּאַניש־יידישן דיכטער, רב ברכיה הנקדן, דער פּונקטאַטאָר, האָט שוין פון לאַנג געוואַרט אויף אַן אַרומנעמיקער, וויסנשאַפטלעכער אויספאָרשונג, וואָס זאָל זי אַוועקשטעלן אויף איר געהעריקן אָרט אין יידישן און אינטערנאַציאָנאַלן פאָלקלאָר. ווי אַ שטייגער די אַלטע מסורה און סאַגאַ, די פאָלקס־מעשה און לעגענדע, שפּילט אויך דער משל אַ באַדייטיקע ראָלע אין דער ליטעראַרישער יצירה פון יעדן פאָלק. דער פּיל מיניקער משל און זיין מעטאַפאָרישער, אָפט אַלעגאָרישער געשטאַלט, מיט זיין בנעימותדיק־שפּילעוודיקן טאָן, וויל נישט בלויז אונטערהאַלטן און בנחת־רוחדיק אַמוזירן, נייערט ס'רוב קומט ער מיט זיין לאַקאָנישן נמשל אונדז צו לאָזן הערן אַ שיינעם מוסר־השכל פון אמת און יושרדיקייט, ווי זיך נוהג צו זיין אין לעבן, אָן פאַרשייטקייט און עוולות.

געוויינלעך רעדט דער משל בלשון ניסתר, פון דער וועלט פון חיות, עופות און געוויקסן, סימבאָליש און מיט אַ רמז איז ער אין דער אמתן אויסן צו געבן אַן אָנצוהערעניש דעם מענטש גופא. ווי אין אַנדערע ליטעראַרישע זשאַנערס, זענען אויך דאָ געוויסע אויסנעמען, אָבער בדרך כלל איז די כוונה פונעם משל מדריך צו זיין דעם מענטש, אים לערנען אויף אַ באַטעמטן, אפילו אַ לייכט־אַמוזאַנטן אופן ווי אָנצוגיין אין לעבן און זיך צו דערווייטערן פון שקר און שלעכטע מעשים. האָט טאַקע דער משל מיט זיין פאָלקישער פשטות און קוואַליקער פרישקייט, אַ לאַנגע געשיכטע אינעם תחום פון דער מענטשלעכער יצירה.

ווי אַ פּאָפּולערער מעדיום פון אַ לערע פאַרן פאָלק, איז דער משל געווען תחילת־דיק אַן אַנאָנימע שאַפונג, אָן אַ טאַטע־מאַמע, איבערגעגעבן און דערציילט פון מויל צו מויל און שפּעטער צוגעשריבן צו אַ באַקאַנטן פּראָמינענטן דערציילער, זיך אויף אַזאַ אופן אויפגעהיט ווי אַן אוי־

---

קינסטלער, וועט זיין געפערלעך פאַר אַלע וואָס טיילן נישט זיין וויזיע, און זיינע אידעען.

ווי איינער וואָס האָט שטאַרק געליטן און וואָס איז פאַרליבט אין זיין פאָלק און קולטור, איז ער גרייט אויף אַלע קרבנות פאַר זיינע איבערצייגונגען; אָבער גלייכצייטיק וועט ער זיך אויך נישט אָפּשטעלן מקריב צו זיין זיינע מיטמענטשן פאַר זיינע אידעען, און דאָס איז געפערלעך, און אויף דעם האָט ער אויך נישט קיין רעכט: ער האָט בלויז אַ רעכט אויף זיין אייגן לעבן. ער ווייסט נישט פון טאָלעראַנץ פאַר פאַרשיידענע אידעען; פון הכנעה פאַר די אולטימע אמתן, און די געפאַר וואָס ליגן אין איבערגעבן די מאַכט צו פאַנאַטיקער וואָס זיינען דער עיקר באַזאָרגט וועגן י ע נ ע מ ס נשמה און נישט וועגן גוף. פון לאַנגער, ביטערער דערפאַרונג האָבן מיר געלערנט, אַז „רעטער פון נשמות" זיינען גרייט מוותר צו זיין אויף דעם גוף... און דערפאַר טאָר מען זיי ניט אָנגעטרויען די מאַכט.

### נאָטיצן

1) "*New York Review of Books*": Nov. 22, 1979.
2) A. Solzhenitzyn: *From Under the Rubble*, 1976.
3) "*Foreign Affairs*" Quarterly, Spring, 1980.
4) "*Encounter*,' April, 1980.
5) Hans Kohn: *Prophets and Peoples*; p. 199.
6) "*Jewish Frontier*", May, 1980.

טענטישע משלים־זאַמלונג פון מחבר, און זיך דערנאָך קונה־שם געווען אין דער וועלט־ליטעראַטור. דאָס קענען מיר אַ שטייגער אָפּלערנען פון די אינדישע און כינעזישע שריפטן, פון די אַלט־מצרישע און מעספּאָטאַמישע געפינסן, פון די גריכן און רוימער, פּערסיער און אַראַבער. אַזוי איז דאָס אויך אין דעם פּרט געווען ביי יידן מיט זייער קדמונישער משלים־ירושה אין תנ"ך, און שפּעטער אין דעם ליכטיקן אוצר פון אגדה און משל אין תלמוד און מדרש. אויך אין דער קריסטלעכער און איסלאַמישער ליטעראַטור פון מיטל־אַלטער און דער נייער צייט, איז דער משל געווען זייער פּאָפּולער, און אין דעם כלל גייען אויך אַריין יידן מיט זייער באַנייטער, קינסטלערישער משלים־שאַפונג, וואָס איז געוואָרן אַ שם־דבר אין דעם רשות־הרבים פון דער וועלט.

ווילן מיר ווי געהעריק אָפּשאַצן די אויסגעצייכנטע, וויסנשאַפטלעכע אַרבעט מיט איר תוכיק־אַרומנעמענדיקן פּירוש צו דער אינטערעסאַנטער און זעלטענער זאַמלונג פון די „משלי שועלים", די פוקס־פאַבלען, פון ר' ברכיה הנקדן, דעם דיכטער און העברעישן פּונקטאַטאָר, וואָס עס לייגט אונדז איצט פאָר דער אָנגעזע־ענער פאָלקלאָריסט און מלומד, חיים שוואַרצבוים, איז כדאי צו דערמאָנען לכל הפּחות עטלעכע נעמען פון באַקאַנטע יידישע פאָרשערס, וואָס זענען תחילתדיק געווען פאַרנומען מיט דער פּערזענלעכ־קייט פון דיכטער און זיין ווערק. אַזוי, אַ שטייגער, דער גרויסער ביבליאָגראַף און ליטעראַטור־פאָרשער משה שטיינ־שניידער, דער ענגליש־יידישער פאָלק־לאָריסט דזשאָזעף דזשייקאָבס און דער באַדייטיקער ידען אין הלכות פאָלקלאָר, בערנאַרד העלער. וועגן דער פּערזענ־לעכקייט פון ר' ברכיהן האָבן מיר נישט קיין שום פאַרלאָזלעכע און דאָקומענטאַ־רישע ידיעות, און ווי אונדזער מחבר שוואַרצבוים דריקט זיך אויס, איז „זיין לעבן איינגעהילט אין אַ נעפּלדיקער מיסטעריע." פאַראַן אַ סברה, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין פראַנקרייך, אפשר גאָר אין דער פּראָוואַנס, וואָס איז אַמאָל געווען אַ באַקאַנטער און גרויסער צענ־טער פון תורה און חכמה. דזשאָזעף דזשייקאָבס איז אפילו נוטה צו דער דעה, אַז ברכיה איז געבוירן און געלעבט אין ענגלאַנד. אויך די דאַטע איז כלל נישט קלאָר, אָבער ווי עס ווייזט אויס, האָט דער דיכטער געלעבט בערך אין מיטן פון 13טן יאָרהונדערט.

בדרך כלל באַשטייט די זאַמלונג פון די „משלי שועלים" פון 107 משלים, וואָס דער דערמאָנטער פאָרשער בערנאַרד העלער אין בודאַפּעשט האָט מיט יאָרן צוריק באַריכות באַשריבן און קורץ קאָ־מענטירט אין זיין אַרומנעמיקער אַרבעט אין דייטש: „דאָס אַראַבישע און העברעי־שע מערכן" (פערטער באַנד, 1930, אין די „אָנמערקונגען צו דען קינדער־ און הויז־מערכן דער ברידער גרים"). ווי העלער ווייזט אַגב־אורחא אָן, איז די אָריגינאַל־צאָל פון די משלים געווען 113, און עס קומען נאָך צו צוויי ווייטער־דיקע משלים אין אַ כתב־יד פון רבנים־סעמינאַר אין בודאַפּעשט. האָבן מיר אויף אַזאַ אופן פון ברכיהן אַ קיילעכדיקע צאָל פון 115 משלים, מיט זייער באַקאַנטער טעמאַטיק פון דער וועלט פון חיות און עופות, זייער קלוגשאַפט און דורכגע־טריבנקייט, וואָס איז אויסן, ווי אָפט ביי מענטשן, די אייגענע טובה.

רעדן מיר וועגן ברכיהס מקורים, אַזוי קענען מיר זאָגן, אַחוץ עטלעכע משלים וואָס ער האָט איבערגענומען פון דער אגדה, פאַרמאָגט זיין זאַמלונג אַ שפּאָר ביסל השפּעות פון מאָטיוון און וואַריאַנטן פון דער אַרומיקער קולטור, וואָס וועט נאָך אויסקומען ווייטער צו דערמאָנען. לאָמיר דאָ בלויז דרך־אגב דערמאָנען, אַז מיר פאַרמאָגן אין תלמוד אַ שלל פון משלים און שפּריכווערטער מיט בולטע עלעמענטן און יידישלעך צוגעפּאַסטע וואַריאַנטן פון דער אַרומיקער העלעניס־טישער ליטעראַטור, וואָס האָט רחבותדיק געפּלייצט איבער נאָענטן מיזרח אין יע־נער צייט. אַזוי למשל הערן מיר פון פּיל־צאָליקע משלים פון חיות, עופות און גע־וויקסן, וואָס עס האָט אַ שטייגער קאָמ־פּילירט דער באַרימטער רבי יוחנן בן

זכאי, רבי מאיר, בר־קפּרא און אַ ריי אַנדערע תנאים און באַהויכטע וואָרט־זאָגערס אין יענע דורות.

אין זיין איצטיקן גוט־פֿאַרגרייטן ווערק האָט אונדז חיים שוואַרצבוים ווידער אַמאָל געוויזן דעם אייגנטלעכן דרך און אויסגעפּרוּווטע שיטה אויף דעם געביט פֿון אַ וויסנשאַפֿטלעך־קאָמפּאַראַטיווער פֿאָרשונג פֿון יידישן פֿאָלקלאָר, ווי אין אַנדערע ליטעראַרישע זשאַנערס, האָט אויך דער פּיקחותדיק־עלעגאַנטער משל אויפֿצעווייזן אַ שפּאָר ביסל קענטיקע השפּעות פֿון דער אַרומיקער קולטור. עס איז אומעטום, און ביי אַלע פֿעלקער איז אָנגעגאַנגען אַ כסדרדיקער פּראָצעס פֿון „געבן און נעמען", פֿון אַ לייען כּל המינים מאָטיוון און דערצייל־עלעמענטן פֿון דער פֿרעמד, און אָפּצאָלן מיט פּראָצענטער און דעטאַלן פֿון דער אייגענער פֿאָלקישער שאַפֿונג. יידן זענען אין דעם פּרט נישט קיין יוצא מן הכלל. עס איז תמיד פֿאַראַן געווען אַ נאָענטע שייכיתדיקייט, אַ קאָרעלאַציע צווישן זיי און דער וועלט פֿון אַרום. מען האָט בריווחדיק אויסגעבאָרגט פֿון דער פֿרעמד נישט בלויז מאָטיוון און ליטעראַרישע קאָמפּאָנענטן, נייערט אויך סוזשעטן און דערצייל־שטאָפֿן וואָס יידן האָבן אויף זייער אופֿן אינטעגרירט און מאָדיפֿיצירט, אויסגעפּיינט און פֿאַראייגנט, און די נייע פֿאָרם צוגעפּאַסט צו דעם געשמאַק און גייסט פֿון כּלל פֿאָלק. אַזוי איז דאָס צוגעגאַנגען אין דער אַלטער אגדה, און אַזוי אויך אין די דורות־שפּעטערדיקע שאַפֿונגען.

פֿונקט אַזוי ווי אַ האַפּטיקע משלים־ליטעראַטור האָט יאָדערדיק און פּיקאַנט געבליט אין מיטלאַלטער און אין דער נייער צייט אין דער קריסטלעכער און איסלאַמישער וועלט, אַזוי האָבן אויך יידישע משל־זאָגערס און דערציילערס מזל־ברכהדיק ממשיך געווען דעם גילדענעם פֿאָדעם פֿון דעם קינסטלעריש־סובלימען משל אין דער רענעסאַנס־תּקופֿה פֿון ספֿרד און דערנאָך אין מיזרח־אייראָפּע, דער עיקר מיטן אויפֿקום פֿון פֿאָלקיש צעפּייערטן חסידות און אין דעם פּעריאָד פֿון דער מיליטאַנטישער השכלה, אַריינגערעכנט אין קאָן די היימיש־צעוואָרעמטע מגדים ביז מיר קומען צו דער שאַפֿעריש־צעבליטער העברעישער און יידישער ליטעראַטור פֿון די לעצטע דורות.

זאָל נאָך אין שייכות דערמיט דערלויבט זיין דעם שרייבער פֿון די שורות צו דערמאָנען, אַז אין דער לעצטער תקופֿה פֿון דעם קולטור־נאַציאָנאַלן רענעסאַנס ביי יידן, איז דערוואַכט אַ זעלטענער אינטערעס און אַ פֿאַרשטאַרקטע אַריינגעטאָנקייט אין דער רייכער און תמציתדיקער פֿאָלקס־שאַפֿונג, סיי בכתב און סיי בעל־פּה, וואָס האָט שורשדיק געקוואַליקט מיט זיין שטייגערישקייט אין לעבן פֿון פֿאָלק איז מיזרח־אייראָפּע און אַ ריי מיזרח־עדות. ערנסטע און געניטע פֿאָרשערס פֿון יידישן פֿאָלקלאָר האָבן זיך גענומען אַראָפּנידערן אין דער טיפֿעניש פֿון דער פֿאָלקיש־ליכטיקער יצירה, מיט איר חכמה און תורות, נאַראַטיווע שטאָפֿן און משלים, שטייגער און מינהגים, וואָס האָבן געכישופֿט מיט טויזנט חנען, אי דעם אַריינגעטאָנעם פֿאָרשער און אי דעם באַהויכטן קינסטלער. מיט גרויס לייבשאַפֿט און באַהאַוונטקייט איז מען צוגעטראָטן צו בישטערן און אָפּזוכן אַלטע פֿאַרשטויבטע און פֿאַרגעלטע כתב־יידן און ספֿרימלעך פֿון אַמאָליקע טעג, זיי זיפֿן, פֿאָרשן און לערנען פּשט, כדי זיך צו דערגרונטעווען צום סאַמע מקור, און דעם אויפֿגעהיטן אוצר אַרויסציען פֿון זיין דורותדיקער פֿאַרהוילנקייט אויף דער ליכטיקער שיין פֿון טאָג. באַגלייך מיט אָט דער פֿאָרש־אַרבעט האָבן זיך די ראשונים פֿון דער פֿאָלקלאָר פֿאָרשונג פֿאַרמאָסטן צו קלייבן און פֿאַרשרייבן אַלץ וואָס האָט נאָך געלעבט און שטראָמיק געפּלייצט אין דער בעל־פּה טראַדיציע פֿון פֿאָלק זינט דורות.

עס איז לעת־עתה געווען אַ רייכע, קוואַליקע קולטור־ירושה, וואָס מ׳האָט געוואָלט אָפּהיטן אַז עס זאָל נישט פֿאַרלוירן גיין, איידער עס איז געקומען די מוראדיקע שקיעה פֿון דער מיזרח־אייראָפּעישער יידישקייט. אָט־די איינזאַמלונג ווערט נאָך איצט ווייטער געטאָן מיט פֿלייס און נאמנות אין מדינת ישראל, און צוביסלעך, לויט די קנאַפּע ידיעות וואָס

דערגייען אַהערצו, אין אַ ריי אַנדערע ישובים פון דער יידישער צעשפּרייטקייט איבער דער גאָרער וועלט. אָבער ווי וויכטיק דאָס פאַר זיך אַליין זאָל נישט זיין, איז פאָרט נאָך געבליבן אַ סך אויפצוטאָן אויף דעם געביט פון אַ פּינקטלעכער ליטעראַריש - פאָלקלאָריסטישער פאָרשונג.

מיט אַ ריינער ליִנגוויסטיק אַליין אָדער גאָר שיינע און פּשטלדיקע סברות, קען מען שוין ביי היינטיקן טאָג נישט אויסקומען. מאָדערנע פאָרשערס פון פאָלקלאָר, מיט זייער אייגנדיקן נוסח און אידיאָמאַטישן לשון, מוזן ממשיך זיין דעם דרך און אַרבעט פון די ראשונים. דאָס איינע הענגט אָפּ פון דעם אַנדערן. מען מוז בעל־כרחי און מיט גרויס באַהאַוונטקייט אַריינדרינגען אין דעם פאַרבליבענעם, נאָך נישט אויסגעפאָרשטן אוצר פון פאָלקישן קולטור־פאַרמעג, סיי בכתב און סיי אין דרוק, און דאָס איז אויך נוגע די העברעישע און רבנישע ליטעראַטור, אָפּזוכן און קלייבן, פאָרשן און אינטערפּרעטירן אַלצדינג וואָס איז נאָך צעוואָרפן אין פּריוואַטע און אַנדערע ביבליאָטעקארכיוון, און דאָס רעשטל פון נאַציאָנאַל־קולטורעלע ווערטיקייטן אינעם פאָלקישן פאַרמעג דערפירן צו אַ וויסנשאַפטלעכע שלימות. ווייסן מיר אַלע, אַז אָן דער כוללדיקער ירושה פון נעכטן, קען גאָר נישט געמאָלט זיין אַ המשכדיקע שאַפערישקייט פאַרן היינט און מאָרגן.

אָט אַזאַ תוכיקע און אַרומנעמיקע פאָרש־אַרבעט אין תחום פון קאָמפּאַראַטיוון פאָלקלאָר, לייגט אונדז איצט פאָר דער אָנגעזעענער פאָלקלאָריסט און מלומד, חיים שוואַרצבוים, אין זיין וויסנשאַפטלעכן פּירוש צו די „משלי שועלים" (פוקס פאַבלען) פון שפּאַניש־יידישן דיכטער ברכיה הנקדן, דער העברעישער פונקטאַטאָר.*) שוואַרצבוים איז נישט קיין פנים חדשות אין דער קאָמפּאַראַטיווער פאָלקלאָר־פאָרשונג. אויף דעם זאָגן בפירוש עדות זיינע פילצאָליקע שריפטן און ווערק, וואָס ער האָט ביז איצט אַרויסגעגעבן הן אין ענגליש און הן אין העברעיש. צום באַדויערן איז אָבער דער דאָזיקער צניעותדיקער און אַריינגעטאָנענער מלומד געבליבן כמעט אומבאַקאַנט אין דער יידישער וועלט. ווייסט דער שרייבער פון די שורות, וואָס גייט נאָך דעם חשובן מחבר אַ לאַנגע צייט, נישט פון קיין קאָמפּעטענטע און אָביעקטיווע באַטראַכטונגען, אָדער אפילו פון אַ באַוואָרנטער אָפּשאַצונג פון זיינע וויסנשאַפטלעכע ווערק מצד אונדזערע פאַרלאָזלעכע מומחים און פאָלקלאָריסטן. האָט מען אים צי ביודעים אָדער שלא ביודעים פאַרקוקט, הגם אָט דער חשובער פאָרשער איז שוין פון לאַנגע יאָרן אַ תושב אין תל־אביב, דערצו אַ פיינער און מבינותדיקער אָפּשאַצער פון וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן און מיט אַ בכבודיקן פּלאַץ אין דער רעדאַקציע פון דעם פאָלקלאָר־זשורנאַל „ידע־עם" אין מדינת ישראל.

האָבן מיר אפשר דאָ צו טאָן מיט אַ קאַפּעטשקע קנאת־סופרים, ווי עס טרעפט זיך אין לעבן? גאָר ווייניקע בעלנים, ממש יחידי־סגולה, ווייסן עפּעס צו זאָגן פון זיינע איינגעטראַכטע און וואָגיקע אויפטוען, מיט זייער בקיאות אין ווייסן אין דער רייכער יידישער ווי אויך אין דער אַראַבישער ליטעראַטור פון אַמאָל און היינט. אַ מזל איז בלויז, וואָס דווקא די השובסטע אויטאָריטעטן אויפן געביט פון אינטערנאַציאָנאַלן פאָלקלאָר ביי די אומות העולם, האָבן יאָ דערשאַצט און געהעריק אַנערקענט שוואַרצבוימס וויכטיקן צושטייער צו דער פאָלקלאָר־פאָרשונג. אין דער היינטיקער קולטור־מערכה ביי אונדז יידן איז דאָס, זעט אויס, גרייטלעך געוואָרן אַ גרויסע זעלטנקייט.

שוואַרצבוימס איצטיק וויסנשאַפטלעך ווערק, פאַרגרייט מיט אַ סך נאמנות און באַהאַוונטקייט, האָט באמת פאַרדינט ביט בלויז אַ לויב מיט אַ סומאַרישער אָפּשאַצונג, נייערט אַ ברייטערע, אַקאַדעמישפּינקטלעכע און אין אַ ריי פּרטים אַרומ־

*) *The Mishle Shualim (Fox Fables) of Rabbi Berachiah ha-Nakdan — by Haim Schwartzbaum, Institute for Jewish and Arab Forklore Research, Tel Aviv* 1979.

נעמיקע אָפּהאַנדלונג, וואָס דערפֿאַר איז דאָ נישט דאָס אָרט. לאָמיר זיך דעריבער באַנוגענען קודם־כּל מיט עטלעכע קורצע שטריכן מיט זײַן אַרײַנפֿיר און ברייט־פֿאַרנעמיקן אויפֿבוי פֿון ווערק און דעם מחברס צוגאַנג צו דעם פּראָבלעם פֿון משל בכלל, זײַנע פֿאַרשיידענע טיפּן און אָנווענדונג אין דער וועלט־ליטעראַטור. דערנאָך וועלן מיר זיך קורץ אָפּשטעלן אויף די באַטראַכטונגען און מסקנות לגבי ר׳ ברכיהס משלים־זאַמלונג, צו וואָס דער סאָלידער פֿאָרשער שוואַרצבוים איז געקומען.

חיים שוואַרצבוימס דרך פֿון פֿאָרשונג איז אַ באַריכותדיקער, אַ קלאָרער און אַ סיסטעמאַטישער, און אין אַלע פּרטים אַ גוט־באַקלערטער. לויט דער באַקאַנטער סכעמע פֿון די משלים־טיפּן, טיילט ער אויס אויף זײַן אופֿן יעדן משל צוגעפּאַסט צו זײַן אָנווענדונג און מאַניפּולאַציע אין אַן אַדעקוואַטן, לאָגישן סדר. פֿאַרמאָגן מיר אין דעם סדר: סאַטירישע משלים און אַזוינע מיט אַ פּאָליטישן אָדער גאָר דיפּלאָמאַטישן מיין. קומען נאָך צו רעטאָרישע און אָראַטאָרישע פֿאַבלען, און אין דעם כּלל טעאָדיצעישע משלים, וואָס זענען אויסן מליץ יושר צו זײַן אויף גאָטס משפּט. צום סוף פֿון דער רשימה שטייט נאָך דער מעדיטאַטיווער משל, ווי אַן עקסעגעטישער מעדיום פֿון אויסטײַטש אַ פּסוק אין תנ״ך, אַ שטייגער אין מדרש, עקזעמפּליפֿיצירן זײַן מיין, כּדי צו שטאַרקן דאָס פֿאַרצאָגטע האַרץ פֿונעם פּשוטן ייִד.

פֿון דאַנען גייט דער מחבר אַריבער צו דער עצם טעמע פֿון זײַן ברייט־פֿאַרגרייטן פּירוש צו די „משלי שועלים״ און רעדט אַרום מיט באַגרינדעטע ראיות און ציטאַטן פֿון פֿאַרשיידענע מקורים, די השפּעות וואָס האָבן באַשיימפּערלעך סאַווירקט די מונטערע און סטיליסטיש־עלעגאַנטע יצירה פֿון ר׳ ברכיהן. אויפֿן סמך פֿון זײַן טעקסט־קריטישן אַנאַליז, קומט שוואַרצבוים צו דער מסקנה, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ שפּאָר ביסל מאָטיוון, נוסחאות און וואַריאַנטן, וואָס זייער שורש ליגט אין דער רחבותדיקער שאַפֿונג פֿון פֿאָלק אין אַמאָליקע דורות. פֿילצאָליקע, געגנטישע און פּאָפּולערע טראַדיציעס האָבן כּסדר געשטראָמט און געקוואַליקט אין לעבן פֿון ייִדישן פֿאָלק, וואָס זענען מיט דער צײַט געוואָרן איבערגענומען און פֿאַראייגנסט אין דער העברעאישער ליטעראַטור פֿון מיטלאַלטער. אַזוי איז דאָס אויך געווען מיט ר׳ ברכיהס פֿאַבל־זאַמלונג. ער האָט אַ רײַ ליטעראַרישע און בעל־פּה שטאָפֿן קינסטלעריש באַאַרבעט, געפֿורעמט און אינטעגרירט אין זײַן באַטעמטן ווערק. פּאָסטולירט שוואַרצבוים מיט זײַן דאָזיקער מסקנה אַ וואָגיקן חידוש, וואָס וואַרפֿט אַ נײַ ליכט אויף די פֿאַרשיידענע אַספּעקטן און ניואַנסן פֿון משל אין דער שפּעדיק־פּלייציקער שאַפֿערישקייט פֿון ייִדישן פֿאָלק.

גייט אונדזער מחבר נאָך אַ שריט ווײַטער און זאָגט, אַז שוין אַליין דער טיטל פֿון זײַן ווערק „משלי שועלים״ דערמאָנט אונדז דעם דיאַלעקטישן עפּיטעט וואָס איז אָפֿט שכיח אין תלמוד און מדרש מיט דעם באַהאַרצטן משל, אָדער אַ שטייגער דער אײַנגעשטעלטער טערמין „משל למה הדבר דומה״, מיט זײַן נמשל און פֿאַרגלײַך פֿאַר די טאָג־טעגלעכע געשעענישן אין לעבן פֿון מענטש. ציט זיך, על כּן, אַ לאַנגע, גראַדע ליניע פֿון אַמאָליקע דורות יז צום מסוגלדיקן משל־זאָגער ר׳ ברכיה אין דעם מיטלאַלטערלעכן, מערב־אייראָפּעישן קולטור־קרייז. דערצו איז שוואַרצבוים מוסיף אַ ווײַטערדיקע, חריפֿותדיקע הנחה, אַז בעצם קערן זיך אָן ר׳ ברכיהס „משלי שועלים״ צו דעם טיפּ פֿון בעל־לעטערס״, פֿון דער שיינער, וועלטישער ליטעראַטור, זוו די נאַראַציע אין איר סובסטאַנץ איז נישט סובאָרדינירט צו דעם קאָנקרעטן אימפּולס פֿון פֿאַבוליסט, ווי אַ שטייגער עס איז געווען דער אײַנגעשטעלטער נוסח פֿון דערציילער, וואָס איז אויסן געווען צו מאָראַליזירן און באַגלײַך מדריך זײַן דעם לייענער צו גיין בדרך הישר. אדרבא, לאָזט אונדז שוואַרצבוים בפֿירוש הערן, אַז דער דיכטער ברכיה איז מהותדיק געווען פֿרײַ פֿון אַזאַ אַסאָציאַטיווער טעמאַטיק און אַ מוסר־דיקער טענדענץ.

מיט זיינע שיין־פאַרגרייטע און קינסט־לעריש־געגראַמטע משלים האָט ער גע־וואָלט דעם עולם אונטערהאַלטן און אַמו־זירן, און טאַקע אויסגענומען סיי ביי דעם אינטעליגענטן און סיי ביי דעם פּשוטן לייענער. שוין אַליין צוליב אָט דעם פעסטגעשטעלטן פאַקט, איז דער מחבר נוטה צו דער דעה, אַז די „משלי שועלים״ פון ר׳ ברכיהן זענען פון אַ באַזונדער חשיבות פאַר דער העברעישער ליטע־ראַטור אין מיטלאַלטער — אגב אַ הנחה מיט וואָס מען וואָלט אפשר געקענט מחולק זיין.

מיט רעכט באַטאָנט שוואַרצבוים דעם באַקאַנטן כלל פון קולטור־קאָרעלאַציעס און קאָגנזיטיקע השפּעות ווי מיר געפי־נען זיי אין דער וועלט־ליטעראַטור. פונקט אַזוי ווי די גייסטרייכע משל־זאַגער ביי די אומות העולם האָבן איינער פון אַנ־דערן אַנטליען כל המינים מאָטיוון און וואַריאַנטן וואָס האָבן סטיכיש געשטראָמט אין דעם רחבותדיקן קולטור־אַרום, און דאָס אַלץ אַריינגענומען און איינגעגלי־דערט אין זייערע חיבורים, אַזוי האָט אויך אין אַ גרויסער מאָל המצאהדיק גע־טאָן דער דיכטער פון די „משלי שועלים״. זאָגט ער טאַקע אין זיין הקדמה בפירוש, אַז די משלים זענען ווייט פאַרשפּרייט, פליסן פון אַלעמענס ליפּן, און מחברים אין אַלע לשונות האָבן זיי קונציק אַריינ־געטאָן אין זייערע ביכער. ער אָבער, ברכיה, האָט מיט זיין זאַמלונג באַוויזן צו שאַפן אַ קענטיקע יתירות. ער האָט די צאָל משלים ניכרדיק פאַרמערט, זיי תוכיק פאַרגרעסערט און זיינע בסחאות פאַר־וועבט מיט ענלעכע און גלייכווערטיקע מאָטיוון און עלעמענטן. אין זיין ווערק האָט ער אַריינגעטראָגן באַטייטיקע שי־נוים און הוספות; די שטאָפן, ווי אויס־געבאָרגט זיינען נישט געווען, האָט ער פון דאָס ניי באַאַרבעט און אייגנדיק אויס־געפורעמט אין געגראַמטע פערזן און פּאַ־עמעס. זענען, על כן, ווי ער באַטאָנט, זיינע ווערסיעס אין דער אמתן איבער־געשטאַלטיקט און מאָדיפיצירט, מיט אייגנדיקע הוספות און כאַראַקטעריסטי־שע ניואַנסן.

ווי דערמאָנט, האָבן שוין עוסק געווען מיט דער פאָרשונג פון די „משלי שועלים״ אַ ריי עלטערע און היינטיקע באַוווסטע מלומדים, אָבער ווי שוואַרצבוים ווייזט אויף האָט מען פאָרט נאָך פאַרקוקט אַ צאָל פּאַראַלעלע מקורים פון אַנדערע זאַמלונגען אין ר׳ ברכיהס ווערק. שטעלט זיך דעריבער אונדזער מחבר אָפּ קודם כל אויף אַזאַ וויכטיקער לאַטיינישער קאָ־לעקציע פון משלים פון אַוויאַנוסן אינעם ע־שטן יאָרהונדערט פון דער היינטיקער צייט, און די השפּעה וואָס זי האָט געהאַט אויף ברכיהס „משלי שועלים״. אויפן סמך פון טעקסט־ און מאָטיוו־פאַרגלייכן, קומט שוואַרצבוים צו דער מסקנה, אַז נישט ווייניקער ווי 31 משלים פון ר׳ ברכיהן האָבן אויפצעווייזן בפירושע פּאַ־ראַלעלן אין אַוויאַנוסעס זאַמלונג. שוין דאָס אַליין איז אַ בולטע ראיה פון דער ראָלע וואָס השפּעות פון דער פרעמד האָבן געשפּילט אויף אַ רעלעוואַנטן אופן אין דעם יידישן און באַגלייך אינטערנאַ־ציאָנאַלן פאָלקלאָר.

פון דאַנען גייט שוואַרצבוים אַריבער אַרומצורעדן מיט זיין קאַפּאַבלער אָפּגע־היטקייט אַ ריי ליטעראַרישע אַנאַלאָגיעס און פּאַראַלעלע ווערסיעס אין פאַרשיידע־נע מיטלאַלטערלעכע זאַמלונגען, וואָס האָבן אַ נאָענטע שייכות מיט די „משלי שועלים״. דערמאָנט ער אין דעם צוזאַ־מענהאַנג די לאַטיינישע טראַדיציעס פון עזאָפּס משלים, וואָס זענען געוואָרן איינ־קאָרפּאָרירט מיט דעריוואַציעס אין דער שם־דבר־דיקער קאָלעקציע פון פעדרוס. ער שטעלט זיך אויך אָפּ אויף דער הש־פּעה פון ראָמולוסעס זאַמלונג און די פון דער דיכטערין מאַרי דע פראַנס אינעם 12טן יאָרהונדערט, און אין דעם כלל די מיטלאַרלטערלעכע חיות־עפּיק, וואָס האָבן אָפּנים אַרויפגעלייגט זייער חותם אויף ר׳ ברכיהס יצירה.

זענען דאָס קענטיקע, וויסנשאַפטלעך־אויסגעהאַלטענע חידושים פון אונדזער מחבר אין זיין אַריינפּיר צו דעם מהות פון משל און זיינע מקורים. קומט דער־נאָך אַ קאָמפּאָטענטער און באַריכותדיקער

פירוש צו יעדן משל פון ברכיהס זאַמלונג, מיט אַ פאַרנעמיקן און פּרטימדיקן קאָמ־פּאַראַטיוון קאָמענטאַר פון מאָטיוון און וואַריאַנטן, אַ מין שײנער תוספת צו רש"י'ס פירוש, וואָס האַלט גאַנצע, ענג־געדרוקטע 567 זײַטן. און ווי אַ סיום פון ווערק, איז דער מחבר נאָך מוסיף אַ בולדיקע רשימה פון קאָמפּאַראַטיווע טיפּן און קלאַסיפיצירטע מאָטיוון פון משל, וואָס איז פון אַ גרויסן באַטײַט פאַר יעדן פאָלקלאָר־פאָרשער. דער אינדעקס פון בוך אַליין באַשטייט פון 58 זײַטן און דערצו אַ ביבליאָגראַפיע פון 9 עמודים.

אײדער מיר פאַרענדיקן די איצטיקע אָפּשאַצונג פון שוואַרצבוימס וואָגיקער אַרבעט, לאָמיר נאָך דערמאָנען, אַז עס האָט זיך אויפגעהייט אַן אַלט־יידישע ווערסיע פון אַ משלים־זאַמלונג, וואָס גייט נאָך געטריי די „משלי שועלים" פון ר' ברכיהן. די אָריגינעלע אויסגאַבע, דאָס „קו־בוך" פון אברהם בן מתתיהו, גע־דרוקט אין וועראָנאַ, 1594, איז נישט מער בנימצא. אָבער הונדערט יאָר שפּע־טער האָט זי משה וואַלאַך אַרויסגעגעבן אונטערן טיטל „ספר משלים", פראַנק־פורט־אַם־מײַן, 1697. האָבן מיר דאָ אַ ווייטערדיקע ראיה ווי פאַרשפּרייט און פּאָפּולער עס זענען געווען ביי יידן ר' ברכיהס משלים.

שוואַרצבוימס גוט־פאַרטראַכטע און אויסגעפּירטע פאָרש־אַרבעט איז אַ באַ־טײַטיקער צושטייער פאַר דער יידישער און אינטערנאַציאָנאַלער פאָלקלאָר־פאָר־שונג. זײַן ערודיציע מיט איר טעקסט־קריטישן און פאָלקלאָריסטיש־קאָמפּאַראַ־טיוון אַפּאַראַט, מאַכט אַ רושם און מיר קענען דערפון עפּעס אָפּלערנען. אָבער ווי עס טרעפט זיך אַמאָל ביי אַזאַ אַרומ־נעמיקער און יסודותדיקער אַרבעט, איז זי נישט תמיד פריי פון איבערחזרונגען, אָפט אפילו אַ שיינע, ענטוזיאַסטישע מליצה על דרך הדרש. אַזוינע זאַכן לאָזן זיך נישט תמיד פאַרמיידן, אפילו ביי אַ געניטן און אַחריותדיקן געלערנטן. קען אפילו אַ קלוגע און באַטעמטע כלה, ווי דאָס פאָלקסווערטל זאָגט, האָבן אַ „חסרון וואָס די כלה איז צו שיין" דאָס פאַר־מינערט כלל נישט דעם גרויסן ווערט פון שוואַרצבוימס סאָלידער, תוכיקער און תמציתדיקער פאָרשונג, מיט איר וואָג און גרייס. דעם מחבר פון דער אויסגע־צייכנטער שטודיע אַרום די „משלי שוע־לים פון ר' ברכיה הנקדן קומט אַן אמתער יישר־כוח!

לאָנדאָן, סיון, תש"ם.

# לשנה טובה תכתבו ותחתמו

צו אַלע אונדזערע פריינד,

צו אַלע פאַרבליבענע מיטגלידער פון אונדזער משפחה,

צו עם ישראל בארץ ישראל

ולכל דורשי שלום בכל העולם כולו —

אונדזערע האַרציקסטע גליקווונטשן.

אריה און בעלאַ פאָזי

איש יאיר / מאָנטרעאָל

# הוריות אין האַרבסט

שיין ביסטו, פלאַמיקער האַרבסט,
אין זוניקער שעה פון מיין שקיעה.
אַ שאָד וואָס מיין אָטעם איז קורץ,
שטשערביק צעשערבלט מיין האַרץ,
און שאַרף ווי אַ חלף — מיין ראיה.

עס טוט צו ווי דיין יום־טוב קלייד,
דער לאַשטש וואָס טוט אָפּנאַרן,
דער קראַנקער בוים וואָס נייגט די קרוין
צום צוויג וואָס טוט אָפּדאַרן.

עס פייפט די באַן פאַרבענקט פון ווייט
פאַרגייט זיך אין יללה
אויף פראַכט־וואַגאָנען ליידיקע,
געבליאַקעוועטער גדולה...

געלאַשטשעט, כ׳האָב אַ מעסטל גרינס
געמיינט — פאַרנאַכט — ס׳איז מיין.
געבליבן איז פאַרטרוקנט גראָז
אויף קבר־שטיין פון פיין.

בענקט דער יעשיען נאָך מיין וויאָסנע —
טריפט די נאַכט אַ טרער.
גראָז־באַברעמטע קריניצע
שפיגלט — קליאָן — פאַרקלערט...

טרעטער־שטיין, אין גראָז־געגרעם,
וואָס טוסטו מיר דערציילן:
אַ שטעגל ציט צו נעכטנס היים
די וונדן צו פאַרהיילן?

טרעטער־שטיין, אין שקיעה־ראָז,
טוסט דאָך נאָר פאַרפירן
צו גליווער־האַרץ און בעלמע־אויג,
צו פרענטעס אויף די טירן...

שיין ביסטו, פלאַמיקער האַרבסט,
אין זוניקער שעה פון מיין שקיעה.
אַ שאָד, וואָס דו שיינסט נאָר פאַר זיך,
און דערזעסט ניט דעם לויג אויף מיין וויע...

## בענקשאַפט

געטריפט האָט די נאַכט,
איבער זילבער פון דאַך,
טרערן — קרישטאָלענע שטערן.

גענאָגט האָט גיטאַר
דעם האָניק פון צער —
די בענקשאַפט פון וועלט אָן אַ האַר.

אין־סופיקע ריי
פון אָן־דנאָיקן ווי —
חשכות, געשפיגלט אין חושך.

פאַרגליווערט געפיל,
איבער אייזיקער שטיל,
פרישען פאַרלאָשענע זונען.

ביים תהומיקן ברעג,
הויערט מענטש מיט זיין שרעק —
די ניכטער פאַרצוקט האָט די טרייסט.

נאָגט ווידער גיטאַר
דעם האָניק פון צער —
די בענקשאַפט פון וועלט נאָך איר האַר.

יעקב זיפּער / מאָנטרעאָל

# דער פּאָעטישער דרך פון רחל קאָרן

יעדעס מאָל ווען איך וויל זיך פאַרטיפן אין רחל קאָרנס שאַפן מיטן ציל צו פאַרסד־הכלען עס דורך אַ מין אויגנבליקלעכן אַריינפּלי אינעם געדיכט פאַרצווייגטן וואַלד־לאַבירינט פון איר וואָרט אויסדרוק, פּרוּוו איך זיך מאַכן סימנים וואָס זאָלן מיר העלפן בשלום אַריין — און אַרויספירן פון דאָרט דאָס קלאָרע אָפענע וואָס ליכטיקט איבער אַלע אירע פאַרהוילענע ווענלעד און סטעזשקעס וואָס זיינען גאַנץ אָפט שטאַרק פאַרטונקלט פון אַ מיסטישן פּחד פאַר דעם וואָס דאַרף זיך ערשט אַנטפּלעקן.

עס ווילט זיך מיר אויך זייער שטאַרק צו דערגרונטעווען זיך און דערשפּירן אַן אָנהייב־באַשייד פון דעם סוד פון איר כסדרדיקן באַנייען זיך און איר אויסדרוק און דאָך נישט אָפּווייכן פון דעם וואָס איז דער עיקר מאָטיוו פון איר קינסטלערישן דרך.

פון איר סאַמע אָנהייב אָן דאָמינירט אין איר ליד און פּראָזע דאָס מיסטישע געפיל, אַנדערע רופן עס דאָס אַטאַוויסטישע שפּירן פון אַנען דאָס נאָך פאַרהוילענע, וואָס דריקט זיך צוערשט אויס אין אַ מין פאַנטאַסמאַגאָניע וועלכע דער תהילים־פּאָעט באַצייכנט מיט דעם וווּנדערלעכן געמיט־צושטאַנד פון „וגילו ברעדה", אַ ציטערדיקע פרייד אָדער אַ פרייען זיך מיט אַ ציטער. ס'איז אויך גלייכצייטיק אַן אינטימע בענקשאַפט פון דערוואַרטן וועלכע איז געמישט מיט אַ פאַרצאַפּלטער שרעק פאַר דעם וואָס איז אָנגעבריט. אין סך־הכל: באַשערטקייט...

דער באַגלייט־מאָטיוו צו דעם דאָזיקן שפּירן, איז ביי רחלען אַן איינגעגלויבטקייט אינעם כוח פון וואָרט, אַן איינגעשפּאַרטע פאַרטרויטקייט אין וואָרט אויסדרוק, וואָס כאָטש עס קומט און אַנטפּלעקט זיך צו איר „פון יענער זייט וואָר" און בלויז „אין דער שאַרף פון אַ רגע", טליעט אָבער אין דעם „דער פלאַמיקער אָפּשיין פון דער בענקשאַפט, אַנונג, דערוואַרטונג און דערוויל נאָך פאַרהוילענע באַשערטקייט.

שוין אין דער ערשטער פאַזע פון איר דערשיינען אין דער יידישער ליטעראַטור מיט די ביכער „דאָרף", „ערד", האַמערט זי אויס געשטאַלטן וואָס זיינען אַזוי פאַר־וואָרצלט אין זייער ערד און זיינען איינס מיט איר, אַז ס'איז נישט מעגלעך אָפּצוטיילן דאָס רעאַלע אַקערלאַנד פון דעם איבערנאַטירלעך־אירעאַלן וואָס הויערט איבער זיי און אין זיי מיט אַ מין בראשית־דיקער צעברויזטער פאַרגליווערטקייט: די ברוטאַלע גשמיותדיקייט זייערע, איז אַזוי צו זאָגן באַהאָפטן מיט דער מיסטיש טיפער נשמהדיקייט זייערע פונקט ווי דאָס חלבנע ליכט מיטן ציטערדיקן פלאַם — קענסט עס נישט צעשיידן.

באַגלייך מיט דעם פלאַמט און צאַפּלט דאַן אין איר גאָרטן דער „רויטער מאָן". פון אויבן אויף אַ קינד פון דער צייט מיט אירע סאָציאַלע אויפברויזן. טיפער גענומען אָבער, איז עס אַ פלאַם און אַ צאַפּל קעגן ווינט און שלאַקס־רעגן, געדיכטער וואָלקן און אַן אָפן געפּראַלטער הימל מיט אַ פאַרשטעלטער זון פול מיט אַנגסט פון בליצן און דונער פון „פאַרן רעגן" און שטורעם. (זע איר ליד מיטן זעלבן נאָמען). אַ מין אַפּאָקאַליפּטיש זען פול מיט פּחד מישט זיך מיט אַ האָפן אויף אַן אָנוווּנק פון אַ רעגנבויגן.

„די שיינע בת מלכה", ווי זי רופט זיך אין איינע פון אירע שפּעטערדיקע לידער, איז דאַן נאָך נישט די „טרויערדיקע נעווּנדניצע) נאָר טאַנצט גאָר נאָך אַרום אַ זאָרגלאָזע אויף די היימישע באַזוניקטע לאָנקעס; גינגאָלדענער טוי אויף די לאָקן און פריידיקע דערוואַרטונג אין האַרץ. פּלוצים אָבער האַקט זיך איבער דער טאַנץ. זי בלייבט שטיין פאַרצאַפּלט פון דעם טרויעריק פאַרהוילענעם בר־הון פּונעם באַנק אין די נאָענטע זומפּן און פון דעם פול סודותדיקן פאַרויסזאָגן פון דער קוקאַווקע ווער ווייסט וואָס.

בלויז אויף אַ קורצע ווײַלע געלינגט איר צו פֿאַרטרײַבן דעם גרויל פֿאַר דער פֿאַרבאָרגענער וואָר. זי זוכט צו דערבליקן דעם באַשייד אינעם טונקעלן וואַסער־פֿלאַך פֿון ברונעם געשפּאָלטן פֿון שפּיזלדיקע זון־שטראַלן. אויך די שוועל פֿון דער היים איז דאָך אַזוי נאָענט נאָך אין די מאַמע וואָרט דאָך דאָרט אויף איר.

ערשט יאָרן שפּעטער האָט זי באַנומען אַז דער גערונצלטער וואַסער־פֿלאַך פֿון ברונעם האָט ווי אַ צעפּלאַצטער שפּיגל געצייכנט גרויליק קרומלעך דעם שאָטן פֿון דער חרובער היים וואָס איז שוין געווען אָנגעגרייט פֿאַר איר צו טראָגן מיט זיך אין דער נע־ונעדיקער היימלאָזיקייט אַרײַן. וויפֿל זי וועט נישט זוכן אויפֿצושטעלן צוריק די היים דורכן „דופּק פֿון וואָרט“ וואָס זי האָט זיך אים אָנפֿאַרטרויט ער זאָל אויסשעפּן ביזן דנאָ די „נישט אויסגעוויינטע טרערן“, וועט זי אַלץ שפּירן, אַז אפֿילו דאָס „גענאָד פֿון וואָרט“ צו וועלכן זי איז זוכה, צאַפּלט בלויז „אויפֿן שאַרף פֿון דער רגע“ און נאָר דורך כסדרדיקן שלײַפֿן עס און אָפּשיילן עס פֿון אַלע שאָלעכצן, וועט עס מיט דער גאָרער פּשטות אַריבערשלײַכן זיך פֿון „יענער זײַט ליד“ צום באַנעמען מיט סטאָישער רו כמעט צו די „פֿאַרביטענע וואָר“ צו וועלכער די „באַשערטקייט“ האַלט זי אין איין פֿירן.

זי באַנעמט איצט, אַז אי דער בראשית־דיקער פּחד און אַנגסט פֿון די יונגע טעג און אי דער באַשייד דורך אַש און גרויל וואָס איז געווען אָנגעגרייט פֿאַר איר אין איר גשווער־געפּרווטן דור איז עפּעס „אַ שאָטן־שפּיל אין באַהעלטערלעך“ ווי זי רופֿט עס אין אייניקע פֿון אירע לידער; די „פֿאַרוויאַנעטע טרוימען“ און די „שפּע פֿון טרויער“ וואָס הויערט אויפֿן ראַנד פֿון דער „אויסגעשעפּטער רו“ זײַנען בלויז איין נאָטע פֿונעם ניגון פֿון „דער פֿאַרטרערטער צײַט“ וואָס חשוונט — אַ וואָרט איבערוואַנדלונג פֿון האַרבסטיק אומעטיקן חודש מר־חשוון — מיטן אייגענעם יחידישן חשבון הנפש וואָס פֿירט זי ווידער צו באַנײַען דאָס אייגענע וואָרט מיט אַ מיסטיש אינערלעכער רו באַהויכט מיט דער פֿאַרהוילענער שליחות וואָס אַ בלעטל פֿון אַ בוים און אַ גרעזל אין וואַלד פֿירט דורך יאָר אײַן יאָר אויס.

ווי „די קראָקוסן“ פֿון איר ליד מיט צ̈ט דעם באָמען, טוט זי אַרויסשפּאָרן דעם גרויען קאָפּ פֿון אונטערן אַש און צעוווּנדיקטן גליווער אַרויסצואַנען די באַשערטע אָנגעברייטקייט וואָס אַנטפּלעקט און דעקט זיך אויף נאָר צו אַזעלכע גרויסע מייסטערס פֿון וואָרט און געפֿיל ווי זי איז אין די רגעס פֿון גענאָד, זאָל עס זײַן מיט איר נאָך אויף לאַנגע יאָר.

* * * * *

נאָך־באַמערקונג: — אַלע אויסדרוקן און ווערטער־פֿאַרבינדונגען וואָס זײַנען באַצייכנט מיט ציטיר־צייכנס — זײַנען אָדער נעמען פֿון רחלס זאַמלונגען לידער אָדער איר וואָרט־שאַפֿן.

## וועגן רעצענזיעס

שרײַבערס און פֿאַרלעגערס וואָס וואָלטן געוואָלט אַז זייערע ביכער זאָלן רעצענזירט ווערן אין „חשבון“, דאַרפֿן אַרײַנשיקן זייערע ביכער צו דער רעדאַקציע פֿון „חשבון“.

## צו אונדזערע לייענערס:

מיר בעטן אײַך אײַנצוצאָלן דעם חוב פֿאַר אײַער יערלעכן אַבאָנימענט פֿאַרן „**חשבון**“. אונדזער זשורנאַל שטיצט זיך דורכויס אויף אונדזערע לייענערס. אַבאָנימענט: $5.00 אַ יאָר.

**די פֿאַרוואַלטונג**

## לאָטי פּ. מלאך

# דזשעק־יאַנק*)

ווען יאַנק האָט דערהערט דעם „קליק״ (קנאַק) אויפֿן טעלעפֿאָן אויף יענער זייט ליניע — דאָס הייסט אויף יענער זייט וועלט — איז ער געבליבן זיצן מיטן טרייבל אין דער האַנט אין גאַנצן אַ צעחושטער. ער האָט זיך ניט געגלייבט, אַז דאָס איז טאַקע געשען, אַז זי האָבן טאַקע אָפּגעבראָכן. אַ קלעמעניש האָט זיך אַ דריי געטאָן פֿון האַרצן אין בויך אַריין. נישט געקוקט אויף דעם וואָס ער האָט זיך אַ לאַנגע צייט אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק אָפּצוברעכן די באַציונגען, די קאָרעספּאָנדענץ מיט איר. אָבער ער זאָל עס טאַקע אויספֿירן?... און זי האָט אים נאָך צוגעהאָלפֿן דערצו.

— ווי דו פֿאַרשטייסט, יאַנק, דו ביסט אַ פֿרייער מענטש, איך אָבער האָב אַ גרויסע משפּחה — שוועסטערלעך און ברידערלעך — און אַ מדינה צו פֿאַרזאָרגן. צאתך לשלום, יאַנק — האָט זי מיט אַן אַנטשלאָסענער שטימע געזאָגט און צוגעגעבן עטוואָס שטילער, כ׳וועל בענקען נאָך דיר.

— זי פֿאַרזאָרגט עס די מדינה — האָט ער מיט איראָניע געטראַכט. — פֿרעגט זי נאָר, וואָס זי טוט: — איך בין אין קאָמוניקאַציע גדוד — האָט זי איין מאָל געזאָגט אַזוי זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, ווי עס וואָלט זיך דערביי קיין שום פֿראַגעס ניט געשטעלט. — ווו אין קאָמוניקאַציע, וועלער קאָמוניקאַציע — ראַדיאָ, טעלעפֿאָן, טעלעגראַף? אָט וועט זי דיר באַלד דערציילן. דאַכט זיך זי האָט אים אַזוי ליב געהאַט, נאָר אַרויסצוקריגן אַ וואָרט פֿון איר, וואָס שייך איר מיליטערישן דינסט איז געווען ווי פֿון אַ שטיין, שטום! דאָס ערשטע מאָל אַז ער האָט געהערט פֿון איר אַז זי האָט שוועסטערלעך און ברידערלעך.

פּלוצלינג האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער האַלט נאָך אַלץ דאָס טעלעפֿאָן־טרייבל אין האַנט און האָט אויפֿגעהאַנגען, אַרויסגעגאַנגען פֿון שטוב. ער האָט דערפֿילט ווי דער „קליק״ האָט געעפֿנט אַ שפּאַלט אין זיין האַרץ און אַ גרויסע בענקשאַפֿט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אים; נישט דווקא נאָך איר אַליין, נאָר נאָך פּיוולען, נאָך זיינע גוטע חברים, נאָכן נגב, נאָך... ישראל. אים האָט זיך אויסגעוויזן אַז זי האַלט דאָס אַלץ אין איר האַנט און מיט איין „קליק״ פֿונעם טעלעפֿאָן — אָפּגעשניטן.

ער האָט אַזוי געבלאָנדזשעט אין זיינע רעיונות ביז ער איז אָנגעקומען אויף די בערגלעך, וואָס פֿירן פֿון באַיל הייטס צו סיטי טערעס. דאָרטן פֿלעגט ער זיך קליינערהייט שפּילן מיט אַנדערע קינדער, מיט פּיוולען... יעדער טראָט איז אים דאָ געווען היימיש, יעדעס ביימעלע און גרעזעלע — אייגן. נאָר וואָס זאָל ער היינט דאָ טאָן מיט זיך, אַז זיין האַרץ ציט אַהין, צו יענער פֿרעמד ווו ער האָט איבערגעלאָזט... דאַכט זיך, זיך אַליין.

אָך, ווען זי גייט איצט ביי זיין זייט, ווי זיי פֿלעגן גיין אַמאָל מיטן זאַמדיקן סטעפּ צום כביש (שאָסיי). — זי האָט עס עפּעס געהאַט דרכים אין זיך — האָט ער אינטענסיוו געטראַכט. אַמאָל, ווען זיי פֿלעגן זיך צעקריגן — און דאָס פֿלעגט טרעפֿן זייער אָפֿט — פֿלעגן זיי גיין שפּאַצירן גאַנצע שעהען און נישט אויסריידן אַ וואָרט איינער צום אַנדערן. זי פֿלעגט זיך אַזוי אַמאָל אַ רייב טאָן אָן זיין אָרבל און זיך גלייך צוריקכאַפּן. איין מאָל, ווען זיי זיינען צוגעקומען צו אַ ראַוו האָט ער זי שטומערהייט אויפֿגעהויבן און זי אַריבערגעשטעלט אויף דער אַנדערער זייט

*) סוף פֿון דער דערציילונג: „איבערגעלעבט דעם תלמיד״ — געדרוקט אין „חשבון״ נומער 94, האַרבסט 1979.

און זיך געלאָזט גיין ווייטער. דעמאָלט איז זי שטיין געבליבן און האָט זיך צע־וויינט און גרויסע טרערן זיינען גערינען איבער איר אָנגעהויכט פּנימל. און דאָס אַלץ האָט געקאָנט פּאַסירן בעת זי איז געגאַנגען אויסגעסטרויעט אין איר אָפּי־צירסקן מונדיר.

איין מאָל האָט ער געפּרוווט און נאָך אַמאָל אָנגעקלונגען. נישט וועגן עפּעס, גלאַט אַזוי געוואָר צו ווערן וואָס עס טוט זיך דאָרטן.

דאָס הויזגעזינט זאָלבע צען זיינען גע־לעגן אויסגעלייגט אויף מאַטראַצן, צו צוויי קינדער אויף אַ מאַטראַץ — יינגלעך באַזונדער, מיידלעך באַזונדער — אין דער גאַנצער לענג פון אַ ליידיקער וואַנט און געשמאַק געשלאָפן. נאָר טאַטע־מאַמע האָבן געהאַט טאַפּטשאַנעס צוגענאָגלט צו דער וואַנט אין אַ קליין חדרל באַזונדער. זי אַליין, די אָפּיצירשע, איז געשלאָפן אין איר קאַבינעטל, וואָס איז געווען צוגעבויט צום הייזל — פיר איילן די גרויס — דאָרטן איז געווען דער טעלעפאָן. ס'איז געווען אין מיטן נאַכט. מיט איין שפּרונג איז זי שוין געווען ביים טעלעפאָן און ווען זי האָט דערהערט זיין קול „נוחה" איז זי געפאַלן חלשות. דאָס טרייבל איז גע־בליבן הענגען און האָט געהאַלטן אין איין רופן: „האַלאָ, האַלאָ." זי האָט געהערט, ווי אין חלום, נאָר נישט געקאָנט ענט־פערן, „יאַנק, יאַנק", נאָר קיין קול איז נישט אַרויסגעקומען.

* * *

דזשעק — האָט ער זיך דערמאָנט זיין פריערדיקן נאָמען, „יו אַר אַ לוזער" (דו ביזט אַ פאַרלירער). פאַרפאַלן, אָפּגע־בראָכן איז אָפּגעבראָכן. מען כאַפּט נישט צוריק. — און אפשר איז בעסער אַזוי — האָט ער זיך גענומען אויסריידן. ער האָט עפּעס דערפילט ווי אַ לאַסט גליטשט זיך אַראָפּ פון זיינע אַקסלען.

דער אמת איז, אַז זי איז געווען צופיל פאַר אים, אַ צו שטאַרקער טעמפּעראַ־מענט. זי האָט אים אַ סך געגעבן: פרייד, געזעלשאַפט און... אָבער באַרויבט אים פון זיין געמיטלעכקייט צו וועלכער ער האָט געהאַט אַזאַ שטאַרקע נייגונג. מען

קאָן זאָגן, אַז ער איז טאַקע געווען אַביסע־לע פלעגמאַטיש. נאָר זיין פאַמעלעכדי־קייט האָט געהאַט אַ זין, ס'איז ניט געווען קיין פוילקייט. דאָרט ווו מען האָט באַ־דאַרפט איז ער געווען אי פלינק, אי פאָר־זיכטיק און אַזוי אַרום האָט ער זיך דער־האַלטן ביים לעבן דורך די געפערלעכסטע שלאַכטן. נישט אַזוי פּיוול; יענער האָט זיך אויסגעשטעלט ממש ווי אַ צילברעט... אָבער אַזוי אין לעבן איז אים די געשפּאַנ־קייט געווען מער ווי ער האָט געקענט פאַרטראָגן. ער האָט זיך געגייטיקט אין אַביסל רו, מער צייט אויף צו טראַכטן.

איצט האָבן זיך פאַר אים אָנגעהויבן ליידיקע, איינזאַמע טעג און וואָכן. ער האָט שוין געהאַט רו איבערן קאָפּ. ביס־לעכווייז האָט ער זיך אָנגעהויבן אַריינ־גליטשן צוריק אין דער שטימונג, מיט וועלכער ער איז אַהיים־געקומען פון אָקי־נאַוואַ. אַ שווערע שטימונג. ער האָט ווי־דער אָנגעהויבן אַריינצוגיין אין די „יו־עס־אָ" (אַזעלכע קאָמיוניטי צענטערס פאַר די וואָס געפינען זיך אין מיליטער־דינסט). אָבער ווען מען האָט ער דאָרט געטראָפן? נישט זיינס גלייכן, נאָר ניינצן־צוואַנציק־יאָריקע צוציקעס, וועלכע מיי־נען אַז מיליטער דינסט איז גאָלע גלאָריע.

ער האָט זיך אַזוי אַרומגעדרייט שלינג און שלאַנג גאַנצע וואָכן און חדשים און נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט זיך; דערווייל געלעבט אויף אַרבעטסלאָזע טשעקס (אָנעמפּלאָימענט) אָן וועלכן עס איז אויסקוק אויף תכלית.

איין מאָל, ס'איז געווען אין אַ מיטן מיטוואָך, שטייט ער אַזוי אויף אַ בריקל צווישן פלאַיאַ דעל רעי און ווענים. דאָרטן זיינען פאַראַן עטלעכע אַזעלכע בריקלעך איבער אַ קאַנאַל, וואָס פליסט אַרויס פון ים און ווערט פאַרזונקען אין גרין באַ־וואַקסענע זומפּן. די בריקלעך זיינען פּרי־מיטיווע, שיינע, אויסגעראונדיקט איבערן קאַנאַל, ווי אַ האַלבע לבנה. שטייט ער אַזוי אָנגעשפּאַרט אויף אַ פּאַרענטש און קוקט אַריין אין מוטנעם וואַסער אונטערן בריקל. ווי קומט ער אַהער? פרעגט אים בת־קול. אין ווענים איז רעשיק און ער האָט געוואָלט זיין אַליין. אַליין בענקט זיך

עפּעס געשמאַקער... „אַ ווונדער צי גייט זי נאָך אין איר מונדיר?" דאָס אָפּיצערסקע מונדיר, אויף וועלכן זי איז אַזוי שטאָלץ און ער האָט אַזוי פיינט געהאַט; אָט דער מונדיר איז אין אַ גרויסער מאָס גורם געווען, אַז ער זאָל אָפּברעכן מיט איר. ער האָט פון דעסטוועגן געבענקט, אַי ווי שטאַרק ער האָט געבענקט. און אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז נישט אַזוי נאָך איר, ווי נאָך דער סביבה, נאָך זיינע עטלעכע געציילטע חברים, מיט וועלכע ער איז אַזוי נאָענט געוואָרן קריכנדיק אין די גרויע נעכט אויף אויסשפּיר. די געטריישאַפט וואָס זיי האָבן אַרויסגעוויזן איינער צום אַנדערן איז געווען אין לשער. דזשעק האָט זיך דאָרט גוט אַריינגעפּאַסט.

ווי ער שטייט אַזוי פאַרזונקען אין זיינע רעיונות שפּרינגט פּלוצלינג אַרויף אויפן בריקל אַ סאָלדאַט: „גאַקי! דו?"

— סאַרדזשענט וויגאַקי „איף יו פּליז."

— אַנטשולדיק — האָט דזשעק זיך אויסגעשטרעקט און סאַלוטירט. — כ'האָב פאַרזען דיין דריטן שטרייף... (אַ סאַרדזשענט האָט דריי פּאַסיקלעך אויפן אַרבל) אוןביידע האָבן זיך האַרציק אַרומגענומען און צעלאַכט.

— „גאַש", ביזט נאָך אין דינסט, ס'איז דאָך שוין דריי יאָר נאָך דער מלחמה? יענער האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ כדי צו באַהאַלטן אַ ווייטיקלעכן שמייכל. — ווי דו זעסט.

— וואָס־זשע, ביסט נאָך ניט באַפרייט געוואָרן?

— באַפרייט, מיט אַ העכערן ראַנק (דיסטשאַרדזשד וויט פּראָמאָשן). און האָט אַ וויז געטאָן זיין אַרבל.

— נאָר?

— נישט געהאַט וווּהין צו גיין.

— וואָס הייסט?

— זי האָט מיך אויסגעביטן...

שטייען זיי, שטייען צוויי יונגע לייט, איינער אַ ייד, איינער אַ גוי, אמתע גוטע פריינד, וועמען דער פּחד אויפן שלאַכטפעלד האָט צונויפגעוואָרפן אין אַ לעבעדיקער גרוב ערגעץ־ווו אויף אַן אינדזל אין וויטן מזרח און דערציילן זיך אויס וואָס איינעם איז געלעגן אויפן האַרצן.

„גאָקי", זיין פולער נאָמען איז געווען דזשאָרדזש וויגאָקי, אַ מיטלוווּקסיקער, אַ דאַרער, מיט אַ גרינלעכער הויט אויפן פּנים און צוויי אָנגעגאָסענע אויגן און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אָט־אָט וועט ער זיך צעוויינען; והראיה, ער האָט טאַקע אַוועקגעבויגן דעם קאָפּ און זיך געווישט דאָס פּנים. און דזשעק, אַ הויכער, אַ שווערלעכער, מיט אַ ליכטיקן פּנים, ברוינלעכע האָר מיט אַ גאָלדענעם אָפּשיין, וואָס זאָגט עדות, אַז ער איז קליינערהייט געווען בלאָנד. דעם האָט עפּעס שטאַרק געקוועטשט, ער האָט געוואָלט עפּעס, נאָר נישט געוווּסט גענוי וואָס און נישט געוווּסט וווּהין זיך צו ווענדן נאָך דעם געגאַרטן „עפּעס". און „גאַקי", ער האָט שוין אַלץ אויפגעגעבן. די אַרמיי איז געוואָרן זיין היים. און דאָס איז שוין אויך ניט געווען קיין זיכערע היים, וואָרעם ער איז שוין 35 יאָר אַלט און מען קאָן אים עווענטועל „באַפרייען" קעגן זיין ווילן. ביידע האָבן געהאַט אַ מיניִמאַלע בילדונג: דזשעק קנאַפּע דריי יאָר קאָלעדזש און גאַקי מער ניט ווי היי־סקול (מיטלשול). — דער סאַמע דורכשניט פונעם יונגן דור אַמעריקאַנער מענטשן סוף פערציקער יאָרן. נאָר משמעות, אַז דער דורכשניטלעכער מענטש האָט אויך אַ נשמה...

פון דעסטוועגן זיינען פונעם בריקל אַראָפּגעגאַנגען שוין גאָר אַנדערע צוויי מענטשן. אַ „באַדי" ביי אַ סאָלדאַט איז ווי אַ צווייטע נשמה...

זיי האָבן זיך צוגעזאָגט צו טרעפן; זיינען צוזאַמען געגאַנגען אין „יו־עס־אָ" זוכן פאַרוויילונג, ווידער אָנגעהויבן לייענען די מיליטערישע צייטונג „סטאַרס ענד סטרייפּס" און האָבן געקייכט פון געלעכטער פון ביל מאָלדינס קאָמישע קאַרטונס.

צו זיך אַהיים האָט דזשעק זיין פריינד נישט פאַרבעטן. פאַרוואָס? ער ווייסט אַליין נישט פאַרוואָס. אַ יידישלעכע שטוב, עס וואַלגערן זיך אַרום יידישע צייטונגען, די סאָפע איז אָפּגעליזעוועט, דער טעפּיך אָפּגעריבן, דאָס גאַניקל צעפאָרן, דער טיש, די בענקלעך; עסן עסט מען אין קיך, אַלע מאָל געגעסן אין קיך. — ס'איז עפּעס נישט.

אין דער דאָזיקער הייזקע, ווו דזשעק איז אויפגעוואַקסן, האָט אַלע מאָל גע־

קוואַלן מיט פרייד, מיט קינדעריש געלעכטער, מיט לויפן אַריין און אַרויס, לאָזן די טיר אָפן און אַריינלאָזן פליגן. היינט? די מאַמע איז פאַרטרויערט. דער טאַטע — פאַרזאָרגט. כאָטש ער האָט שוין אַ שטענדיקן דזשאַב, ליגט ער אָפּ גאַנצע אָוונטן אין דער יוניאָן. און שוירלי? זי ליגט אויסגעשטרעקט אין דער גאַנצער לענג אויף דער סאָפע, טוט די היים־אַרבעט און שפּיגלט זיך אין שפּיגל, און ביי דער זייט די ראַדיאָ שפּילט אויף די העכסטע אָקטאַוועס. אָ, איר וואָלט שוין גאָר געפעלן ווען דזשעק ברענגט אַהיים איינעם פון זיינע חברים. אָבער טאַקע צוליב איר האָט דזשעק אים, גאָקין, נישט געוואָלט איינלאַדן. אַ גוי... יענער איז זיך געווען אַזוי פיל באַוווּסט אַלס אַ גוי — ער האָט זיך נאָך אין זיין לעבן נישט איבערגעצלמט — ווי דזשעק אַלס אַ ייד. ער איז געווען דער דריטער דור אַמעריקאַנער געבוירענער פון יוגאָסלאַווישן אָפּשטאַם. זיי האָט פאַרבונדן די מלחמה דערפאַרונגען, די פאַסיפישע אינדזלען, די געפאַר, די הריגות. און היינט? די איינזאַמקייט, די וועטעראַן אַדמיניסטראַציע, דער רעהאַביליטאַציע צענטער, דאָס זוכן און נישט געפינען וואָס.

מערקווירדיק, דזשעקס יידישקייט איז געווען זייער אַ בלאַסע. דערקעגן אַלס ישראלי האָט ער זיך געפילט מער אָנגערעגט; אַ סימן: ווער האָט אים געשטויסן זיך צו פאַרשרייבן בסוד סודות אין דער הגנה? ווען נישט פייוול וואָלט די מאַמע אפילו נישט געוווּסט ווהין ער פאָרט. אין דער יידישער שול איז ער נישט געגאַנגען. ער ווייסט אַזוי פיל וועגן יידישקייט, וויפיל פייוול מיט שוירלין פלעגן אַהיים־ברענגען פון דער שול: אַ ביכל, אַ ליד, אַ מעשהלע. אָ יאָ, טאַטע־מאַמע האָבן גערעדט צווישן זיך (נישט צו די קינדער) יידיש; רעדן נאָך היינט אויך יידיש. קליינערהייט האָט ער אויך געקענט ריידן יידיש. אָבער „גאָש" ס'איז שוין דאָ אפשר הונדערט יאָר אין דעם...

אין גאַס זיינען די צוויי „באַדיס" תמיד געגאַנגען צוזאַמען. לויטן אויסזען איז גאָקי געווען דער ייד און דזשעק — אַ פאָלנער אַנגלאָ־סאַקס. יענער האָט געקראָגן זייער אָפּט אורלויב, האָט ער געהאַט אַ סך צייט. זיינען די צוויי אַרומגעגאַנגען ווו די וועלט האָט אַן עק. אָבער מען איז געווען צוזאַמען, שוין נישט איינער אַליין. און דאָרט ווו צוויי סאָלדאַטן גייען טשעפּעט זיך צו אַ דריטער, אַ פערטער, אַ...

די מאַמע האָט זיך צוגעקוקט און געשוויגן. — דו ווייסט? — האָט זי ביינאַכט גערעדט צום טאַטן! — פון ישראל קומען נישט אָן מער קיין בריוו. שוין אַ צייט ווי עס קומען ניט אָן קיין בריוו. און קיין טעלעפאָן רוף אויך נישט. — ווער ווייסט וואָס דער יונג האָט דאָרטן אָפּגעטאָן — האָט דער פאָטער געזיפצט. — ער איז דאָך שוין געווען צוויי מאָל אין ישראל. — מיר איז דאָס מיידל דווקא געפעלן. — האָט די מאַמע געזאָגט מיט גרויס בענקשאַפט. — זי קוקט אויס פונקט ווי פייוול, אַביסל אַ שוואַרצלעכע...

— זי איז ניט קיין שוואַרצע — האָט דער פאָטער געזאָגט מיט אַביסל ריגזה — זי האָט אַ ברוינלעכע הויט...

* * * * *

דזשעק האָט אָנגעהויבן קוקן אויף זיך ווי אויף אַ „מיספיט", אַ טויגעניכשט, אַ שלימזל. אַלע זיינע חברים האָבן זיך שוין דורך דער צייט געהאַט איינגעאָרדנט; ווער עס האָט אויסגעשטודירט, ווער עס האָט חתונה געהאַט, אפילו די פאַרקריפּלטע האָבן זיך שוין אויך געהאַט ווי ניט איז צו עפּעס דערשלאָגן. טייל איז געבליבן אַרבעטן אין די שפּיטעלער, אַנדערע האָבן געקראָגן רעגירונגס־שטעלעס, אין די שולן, אויף שפּיל־פּלעצער. און ער? צו אַלץ דאַרף מען האָבן בילדונג, כאָטש אַ קאַלעדזש אַטעסטאַט. און אים, אים האָט זיך פאַרגלוסט די הגנה, האָט ער אַלץ איבערגעלאָזט און געפאָרן. קיין חרטה האָט ער פון דעסטוועגן ניט געהאַט.

אים מיט פייוולען האָט מען צעטיילט. פייוולען איבערגעשיקט צום פּלמ"ח און ער איז געבליבן אין צה"ל. ער האָט זיך אָבער געמיט שטענדיק צו זיין אַרום פייוולען. ווי עס זאָל ניט אויסקומען וועט ער זיין „קליינעם" ברודער פאַרהיטן... דער גורל אָבער האָט אים ניט פאַרהיט...

דזשעק געדענקט ביים געזעגענען זיך, די מלחמה איז נאָך אָנגעגאַנגען, האָט אים עוזר, אַ חבר מיט וועמען ער איז געשטאַ־

נען צוזאַמען אויף דער וואַך, געפרעגט; נישט געמאָנט, נישט געבעטן, נאָר פשוט געפרעגט: „וועסט צוריקקומען?“ יאַנק איז צעטומלט געוואָרן: — כ׳ווייס נישט.

— אָ, איך מיין נישט צוריק אויפן שלאַכטפעלד; האָסט שוין דיין חלק געגעבן און איבערגעלאָזט אויך — האָט עוזר אַראָפגעלאָזט די אויגן צו דער ערד.

— מיר האָפן דאָך אויף אַ שלום. עפּעס האָט בן־גוריון געהאַלטן גאָר אַ האָפערדיקע רעדע אויף דער ראַדיאָ. ס׳מוז דאָך עפּעס זיין דערביי. מיר קעמפן נישט נאָר לשם שמים, נאָר לשם הארץ, דער עיקר לשם הארץ. ס׳וועט זיין דאָ אַ לעבן, יאַנק. דו וואָלסט געווען אַ גוטער חלוץ.

יאַנק האָט געצויגן מיט די אַקסלען:

— וואָס ווייס איך אין איצטיקן מאָמענט? איך ווייס אפילו נישט ווי אַזוי איך וועל עפענען די טיר אין דער היים און אָנזאָגן דער מאַמען די בשורה...

איצט האָט ער געטראַכט דערפון. און ווען ער האָט נית מורא פאַר טאַטע־מאַמע, נאָך מער פאַר דער מאַמען, הייבט ער זיך אויף און פאָרט צוריק קיין ישראל. אָ, ער וואָלט זייער געוואָלט נאָך אַמאָל זען ישראל. עפּעס איז דאָרט אַן אַנדער לעבן. מ׳האָט גאָרנישט און מ׳איז אויפגעלייגט. נאָר ווי קאָן ער? האָט ער זיך צוריקגעכאַפּט. נוחה, ווי אַזוי קאָן ער זי באַגעגענען? און ווי אַזוי וועט ער זי אויסמיידן? — נוחה, נוחהלע — האָט ער געטראַכט. דאָס איז אַזאַ מנוחה, ווי דער סמבטיון. ס׳איז פון דעסטוועגן געווען גוט צו זיין מיט איר — האָט ער געשמייכלט, נישט געווען אַזאַ צייט אין ישראל ער זאָל זיך פילן פאַרלוירן.

* * * * *

ווי פונעם הימל אַראָפּ איז אָנגעקומען אַ בריוו פונעם ישראל קאָנסול אין לאָס אַנדזשעלעס: אַזוי און אַזוי, די ממשלה פאַרבעט, אויף אירע הוצאות, די גאַנצע משפחה קיין ישראל אויף אַ וויזיט (ביקור); אַז ער האָט פאַר זיי צוגעגרייט אַ וויזע און וועט מאַכן פאַר זיי רעזערוואַציעס אויפן ערשטן בעסטן עראָפּלאַן (קיין אל־על איז נאָך דעמאָלט נישט געווען). דערביי האָט דער בריוו אויסגעדריקט אַ סך מיטגעפיל צו די עלטערן, שבחים פאַר זייערע ביידע זין, סיי דעם לעבן־געבליבענעם יעקב, סיי דעם יונגן פּיוול, וועלכער האָט אָפּגעגעבן זיין לעבן על קידוש המדינה.

— קומט — האָט די מאַמע אויסגעשריגן מיט צער און מיט צאָרן. — לאָמיר פאָרן אויף קבר אָבות צו פּיוולען! — און אויף אירע שוואַרצע, גלאַנציקע האָר האָט אָפּגעשיינט אַ זילבערנער נעפּל.

איצט האָט דזשעק בפירוש נישט געוואָלט פאָרן. ער האָט געהאַט גענוג הרגזה אין זיין לעבן. ער קאָן נית מער. אין הינטערבאַוווסטזיין איז געווען נוחה. — זי האָט שוין לאַנג געמוזט חתונה האָבן — האָט ער הויך אַ טראַכט געטאָן. — ניין, איך קאָן נית!

— וו־אָ־אָ־־ס? מיר וועלן פאָרן אָן דיר? — האָט די מאַמע געפרעגט. — ווי פאַלט דיר איין אַזאַ מין זאַך? ער איז דער העלד און מיר וועלן פאָרן... און ווען דזשעק האָט זיך שטאַרק געקווענקלט, געשטעלט זיך קעגן, האָט זיך די מאַמע צעוויינט. — ביזט דאָך געבליבן ביי אונדז אַ בן־יחיד, איין־איינציקער, ווי קאָנען מיר דיך איבערלאָזן און ווי קאָנען מיר פאָרן אַליין? — די מאַמע האָט זיך אויך געהאַ איר אויסרעכענונג; איר דאַרף מען קיין פינגער אין מויל נישט אַריינלייגן.

— שוירלי איז שוין אַ גרויס מיידל, זי וועט אויף אייך אַכטונג געבן. מאַמע, גלייב מיר, אַז איך קאָן נית.

— קאָנסט נית, דאַרף מען נית. וואָס מוזן מיר עס אַזוי בייטיק פאָרן קיין ישראל? וועמען וועלן מיר דאָרט באַגעגענען, פּיווקען (פּיוולען)?

— מאַמע, ס׳איז דאָך אַ פּחיתות הכבוד זיך אָפּצוזאָגן פון אַזאַ איינלאַדונג, ובפרט אַז עס דאַרף אייך גאָרנית קאָסטן. מען וועט אייך דאָרט אויפנעמען מיט גרויס כבוד.

— מוחל. איך האָב שוין מיין כבוד...

— „מאָם“ — האָט שוירלי אויסגעשריגן אַ וויינענדיקע — איך וויל פאָרן. איך האָב זיך שוין געקויפט דריי קליידלעך, ס׳געווען אַ סייל (אויספאַרקויף). איך דאַרף בלויז קויפן נאָך אַ פּאָר שיך און אַ קאָסטיום פאַר דער רייזע. „מאָם“, איך וויל פאָרן. דו קאָנסט זיצן אין דער היים!

— האָט זי בייז געקוקט אויף דזשעקן.

דער שטילער טאַטע (אין וועמען דזשעק

איז געראָטן), ווען מען האָט געדאַרפט האָט ער געקראָגן לשון: — ש־ש־שאַט, קריגט איך נישט. אָדער מיר וועלן אַלע פאָרן, אָדער קיינער נישט.

* * * * *

צו דעם צערעמאָניאַלן קבלת־פנים, וואָס מען האָט צוגעטיילט דער משפחה (און נאָך אַזעלכע משפחות) איז געקומען דאָס אָפיצירל אויך. זי איז געקומען אין דינסט פון דער ממשלה. איצט האָט שוין יאַנק פאַרשטאַנען וואָס פאַר אַ „קאָמוניקאַציע" איר איז צוגעטיילט געוואָרן. — האָט זי דאָך באַלד געקאָנט זאָגן. דאָס איז אַזאַ גרויסער סוד? ביי אונדז אין אַמעריקע רופט מען עס „פּובליק ריליישאַנס". — זי האָט זיך געהיט צו שטיין אויף זיין זייט און געפירט די מאַמע אונטערן אָרעם. ער האָט ניט פאַרפעלט דאָס צו באַמערקן. צום סוף פון דער צערעמאָניע האָט די מאַמע, ווי אויף צו להכעיס, געבעטן נוחהן און זי געגלעט מיט אירע שוואַרצע וואַרעמע אויגן, זי זאָל צוקומען צו זיי אין האָטעל אַריין. — מיר זיינען דאָ פרעמדע מענטשן, מיר קאָנען ניט דאָס לשון און וויסן ניט ווו אַ טיר צו עפענען. די מאַמע האָט איר אויך זייער שטאַרק באַדאַנקט וואָס זי איז מיט זיי מיטגעגאַנגען. — ווען איר פירט מיך ניט ביי דער האַנט וואָלט איך אפשר אומגעפאַלן; כ'האָב זיך גאָרניט געריכט אויף אַזאַ פאַראַד...

— אָ, גברת, דאָס איז מיין פליכט, איך טו עס בת־שו־אות חן — האָט זי קוים פאַרענדיקט די לעצטע ווערטער. דערמאָנענדיק זיך וואָס פאַר אַ „פאַראַד" דאָס איז געווען.

— און מחוץ אייער פליכט וואָלט איר ניט געקומען אונדז זען?

— אָ, יאָ, געוויס, געוויס וואָלט איך געקומען. איר געדענקט, איך בין דאָך איין מאָל געווען ביי אייך אין הויז. — און האָט זיי אַריינגעזעצט אין אַ טעקסי.

— שוירלי, מאָרגן גייסטו מיט מיר, אויב דו האָסט ניט קיין אַנדערע באַשטעלונג. צו אים, צו דזשעקן, קיין וואָרט ניט, גלייך ער וואָלט גאָרנישט געווען דערביי. ער האָט פון דעסטוועגן אַ זאָג געטאָן אונטער דער נאָז: „זאָלסט זיך אָפּטאָן אַ קליידל." זי האָט ניט געהערט.

— נו, האָסטו דאָס געדאַרפט? האָט זיך די מאַמע געוואָנדן צו דזשעקן.

— וואָס האָב איך באַדאַרפט?

— מען ווייסט שוין וואָס...

אַזוי איז שוין באַשערט אונדזער יידיש פאָלק בכלל און דער יידישער מדינה בפרט. נאָך די באַשיידענע חוקת המנהגים, פראָטאָקאָל, הייסט עס, אויף אָפיציעלער שפראַך, האָט מען געפראַוועט עצבות און שמחה צוזאַמען. אין דער פרי איז מען געגאַנגען אויף קבר לבנים צו פיוולען און אין אָוונט האָט מען מיט ברען, ווי אַלע וויטאָגן צו פאַרטרייבן, געטאַנצט אויף דער חתונה ביי דזשעקן מיט מנוחהן. זי האָט איצט ניט „געברענט קיין וועלט", ווי דזשעקן פלעגט זיך אויסדוכטן. זי איז געווען בלייך ווי אַ שאָטן, איינגעהילט, בפירוש איינגעהילט, נישט אָנגעטאָן, אין גאַנצן אין וויסן און האָט אויסגעזען ווי אַ שניי־בלימעלע, מיטן בראָנדזענעם פנימל, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פונעם וויסן איינהיל...

* * * * *

יאַנק, דאָ האָט אים קיינער ניט גערופן דזשעק, איז אַריין אין קיבוץ, ווי אַ פיש אין וואַסער. ער איז ווי געבוירן געוואָרן פאַרן קיבוץ. דורך זיינע הענט זיינען אַדורכגעגאַנגען פאַרשיידענע אַרבעטן. ער האָט זיך דערמאָנט אַז אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי האָט ער, אַמאָל אין אַ נויט, געהאָלפן פאַרריכטן אַ טראָק, אַ דזשיפ, אַ טאַנק, אפילו אַ העליקאָפטער. דאָס ביסל דערפאַרונג איז אים דאָ שטאַרק צונוץ געקומען. דאָ האָט ער פאַרריכט וואָס ס'איז אים געקומען אין די הענט אַריין: פון אַ טאָפ ביז אַ טראַקטאָר. היינט איז ער פאַרגעצויגן (פּראָמאָטעד). ער טרייבט אַ דיזעל טראָק פון קיבוץ צום פאָרט און צוריק, אַז ס'גייט אַזש אַ רויך. און דאָס איז דער זעלבער דזשעק, דער „מיספיט", דער טויגענישט, דער שלימזל..." און מנוחהן? מנוחה האָט געבליט, ווי די שענסטע רויז אין גאָרטן.

נאָר, ס'איז דעם יונגן פאָרפאָלק נאָך אויסגעקומען נישט איין מאָל אַריינצוקריכן אין זייערע מונדירן און איבערלאָזן דעם קיבוץ. וואָרעם, די מדינה האָט געפאָדערט מער ווי איין מאָל אויסגעלייזט צו ווערן.

**משה שקליאַר**

# ווען נישט דער ווינט...

(פראַגמענט פון אַ פּאָעמע)

אַדאָם שאַפּיר ביי זיין שרייבטיש איז געזעסן
און געפילט אויף זיך דעם ברי פון הייסן ווינט.
ווען נישט דער ווינט וואָלט ער אפשר פאַרגעסן
ווו ר'איז געווען אַמאָל און ווו ער איז אַצינד.
די באַכט איז צוגעפאַלן שנעל און אומגעריכט,
אין דרויסן איז געוואָרן לינדער דער כאַמסין,
נאָר שאַפּיר האָט נאָך אַלץ נישט אָנגעצונדן ס'ליכט
און געקוקט אַ שטאַרער אויף דער שרייבמאַשין.
געשטאַנען איז זי שטום און ווי פאַרטרויערט,
שוין לאַנג ווי ער באַרירט נישט די קלאַווישן,
און געווען איז זי אַמאָל פאַר אים ווי רוי־ערד,
וואָס האָט זיך אונטער האַנט זיינער געקרישלט
און אויפגעגאַן מיט זאַפטיקע און פרישע לידער,
ווי אין דעם וויטן צפון־לאַנד די לאַנען.
איצט זיצט ער, פונעם לאַנגן וואַנדער־וועג אַ מידער,
און טראַכט — צי האָט מען אים דאָרטן פאַרשטאַנען?
זיין פויליש ליד געווען אין תוך איז יידיש,
נאָר טיף געוואָרצלט האָט עס ווי אַן אַלטער בוים
אין ערד און לאַנד, ווו זינט קדמונים ליד איז
געווען דער פונק, וואָס האָט געצונדן פרייהייט־טרוים.
נאָר איצט איז טרוימען דאָרט אַ שטער געוואָרן
און אים האָט מען אַרויסגעפליקט פון באָדן,
ווי אַן אַלטן בוים באַרינגלטן מיט יאָרן
ער זאָל דעם וואַלד נישט ברענגען מער קיין שאָדן — — — —

איז וואָס אַז ער געהערט האָט צו די קרוינען
פונעם וואַלד דעם גרויסן און דעם גאַנצן?
געוווסט האָבן די העקער נישט צו שוינען
נישט בלויז דעם וואַלד, נאָר אויך די צאַרטסטע פלאַנצן.
האָט מען דאָרט זיין פויליש־יידיש ליד פאַרבאָטן,
ווייל ער געוואַגט האָט זען ווייטער, טיפער,
און אויף זיין ווערדע און זיין שטאָלץ געטראָטן —
געמיינט זיי האָבן — ער איז בלויז אַ ציפער
און לייכט מען קאָן אים אויסשטרייכן, פאַרמעקן.
נאָר ער איז שטאַרק געווען, ווי זיינע לידער,

האָט ער געגומען אין דער האַנט דעם וואַנדער־שטעקן
און אַוועק דעם לאַנגן וועג פון זיינע ברידער.

זיצט ער איצטער, אַדאָם שאַפּיר, ביי זיין שרייבטיש,
איינעם לאַנד פאַר וועמענס ז י י ן ער האָט געליטן.
ס'איז נאַכט און היים. אין דרויסן רוישט נאָך אַלץ דער כביש
און זכרונות רוישן אויף אים אין די בליטן.
ער דערמאָנט דעם וועג פון די סיבירער שנייען
ביז די ברעגן פון דער אָקע, ווו געקליבן
אין די וועלדער האָבן זיך די ערשטע רייען
פון דער פּוילישער אַרמיי, און ער געשריבן
האָט דאָרט לידער פאַר די וואַנדערער־סאָלדאַטן,
געקומענע פון לאַגערן, קאָלכאָזן,
גרייטע ביזן טויט זיך שלאָגן קעגן נאַצי,
וואָס האָט די היים געצוווּנגען צו פאַרלאָזן
און זייער ערד אין חורבות דאָרט פאַרביטן.
אינצווישן יענע וואַנדערער־סאָלדאַטן
צום ערשטן מאָל באַגעגנט האָט ער שמידן,
און עפּעס אַזאַ קראַפט אין זיך ט'געהאַט ער,
וואָס האָט באַצויבערט און צו זיך געצויגן.
זענען ביידע שוין אויף אייביק פריינד געבליבן,
כאָטש געווען אַביסל שמעון איז צעפלויגן,
און אַדאָם לידער לירישע ט'געשריבן.
מיט זיין ליד אויף ליפּן זענען אָפט מאָל שפּעטער
די זעלנער פּוילישע אין שלאַכט געגאַנגען,
און בעת אָפּרו צווישן רויש פון גרינע בלעטער
פלעגן אָפּהילכן אין ווייט זיינע געזאַנגען.

ער געדענקט — ווען געווען איז ער פאַרווונדעט
און שמעון האָט פון שלאַכטפעלד אים פאַרנומען,
האָבן דעמאָלט זיך געמאָלדן זעלנער הונדערט
צו געבן בלוט אים און געבראַכט אים בלומען.
נאָר ווו זענען געווען די קאָמבאַטאַנטן,
ווען צוזאַמען מיט זיין ליד האָט ער געבלוטיקט?
צי האָט עמיצער פון זיי דערלאַנגט אַ האַנט אים,
צי האָט עמיץ דעמאָלט אים געטרייסט, דערמוטיקט?
גלייך זיי וואָלטן פונעם האָריזאָנט פאַרשוווּנדן
און געלאָזן דאָרט אין פעלד אַליין דעם זינגער,
און אויף צו באַשיצן, היילן זיינע וווּנדן,
האָט קיינער, קיינער נישט גערירט קיין פינגער.

בלויז שמעון שמיד — נאָך אַלץ אין אָפיציר־מונדיר,
געקומען דעמאָלט איז אַ טרייסט־וואָרט ברענגען —
צוגעשלאָסן האָט ער הינטער זיך די טיר
און די פענצטער האָט געהייסן ער פאַרהענגען...
ווי אַמאָל זיי זענען ביי אַ פלעשל ספּירט
געזעסן, דורכגערעדט אַ האַלבע נאַכט זיך—
פון יענע רייד ער האָט זיך גרינגער נישט דערשפּירט,
נאָר שמעונען געוואָרן ז'שווערער, דאַכט זיך.

געווען איז שמעון דעמאָלט נאָך אַ „ריינער",
נאָר געפילט האָט ער שוין, אַז די יאָגד דערגרייכט אים,
ווי ער וואָלט גיין אויף וואַקלדיקע שטיינער
און ס'הענגט אַריבער אים אַ פראַגע־צייכן...
און שטאָט טרייסטן האָט ער גאָר געקלאָגט זיך, שמעון,
גלייך ער וואָלט אַהער געקומען זוכן רעטונג:
—יאָ, ער ווייסט, ער ווייסט גענוי ווער ס'ציט די דרימען
אין טעאַטער דעם פון מאַריאָנעטן.
און ער ווייסט אויך, אַז עס גרייט זיך אַ ספּעקטאַקל,
ווו דער הויפּט־אַקטיאָר דאַרף ער זיין, שמעון שמיד —
פּלוצעם האָבן זיי אַנטדעקט, אַז אין סך־הכּל
איז קאָוואַלסקי שימאָן — אַ מאַסקירטער זשיד...
און ער בעט אַן עצה ביי שאַפירן,
כאָטש ער ווייסט, אַז אַדאַם איז אַליין אויף צרות —
זאָל ער ווייטער קלאַפּן אין פאַרמאַכטע טירן,
אָדער מיט דער טיר אַ קלאַפּ טאָן אָן שום פּשרות?

יענע נאַכט־אסיפה ליגט אים גוט אין זינען,
ער געדענקט, ווי נאָך אַ לאַנגער ווילע שוויגן
האָט ער געפרעגט — וואָס זאָגט דערוועגן בינה? —
און נאָך דעם, ווי ער וואָלט זיך איבערלייגן,
האָט ער פון טיש־קעסטל אַרויסגענומען
אַ ליד, וואָס איז געלעגן דאָרט באַהאַלטן,
און פאַרגעלייענט פון זיין כּתב דעם קרומען
מיט אַ ציטערדיקן טאָן, ווי זיך צום שפּאַלטן:

פאַרטראָגן האָט אונדז דער מלחמה־געוויטער
אויף שטרעקעס אויף ווייטע אַריבער דעם פראָנט.
די ערד האָט פון אויפרייסן שווערע געציטער,ט,
צעריסן די שטילקייט, וואָס האָט נישט געקאָנט
פאַרוויגן, באַרואיקן אונדזער געמיט.

מיר האָבן געטאַפּטשעט אין בלאָטיקע שנייען
און הערצער פאַרקלעמטע אין בלוטיקע ווייען
געווען זענען דאָרט, ווו געברענט האָבן טריט
פון אונדזערע ברידער אויף הפקר געלאָזן —
נאָר מיר זענען שטילער געווען פון די גראָזן.

ווען ס'האָט מיטן פיינט זיך געחברט דער „רעטער״
מיר האָבן געמוזט אין זיך שטיקן דעם צאָרן,
ווייל אַנדערש מיר וואָלטן געווען פאַררעטער
און ס'האָבן דערוואַרט אונדז פאַרשניטענע יאָרן.
און ווען ס'איז דער פיינט אויך באַפאַלן דעם „רעטער״
האָט קיינער פון אונדז נישט געקאַרגט דאָן זיין בלוט,
כאָטש אָפט האָט געחוזקט ער פון אונדזער מוט,
כדי אים אין גאַנצן צונישט מאַכן שפּעטער.
נאָר מיר האָבן אַלץ נאָך דעם פראָנט נישט פאַרלאָזן —
גענומען פאַר ליב — געווען שטילער פון גראָזן.

שווער געווען זענען די יאָרן פון וואָגל —
מען האָט זיך געוואַלגערט אין היימישער פרעמד,
דער טרוים איז צערונען פון ביטערן לאָגל,
וואָס יעדער פון אונדז האָט געטרונקען ביז ענד.
נאָר שווערער, נאָך שווערער געווען דער צוריקגאַנג
צום לאַנד פון דער קינדהייט — אין חורבות און אַשן,
ווו יעטוועדער שטיין האָט אין בלוט זיך געוואַשן
און ס'האָט נאָך געלויערט דער טויט ווי אַ שלאַנג,
אַ גרייטע דעם סם אירן ווידער צעבלאָזן,
און מיר זאָלן שטיל זיין, שטילער פון גראָזן.

און מיר האָבן יאָרן געשוויגן, געשוויגן,
געפּרוווט אויף די חורבות זיך ווידער פאַרבעטן,
און ווידער פאַרנומען די פאַלשקייט, דעם ליגן
פון פרייהייט געשטיצטער אויף פרעמדע באַגנעטן.
לסוף האָט געפּלאַצט אויך די לעצטע אילוזיע,
ווען ס'זענען די פינצטערע כוחות פון נעכטן
פאַרשלייערט אין שמאַטעס פון רעכט און גערעכטע
אַרויס פון צעוואַקלטע צאַמען און שליוזן,
פאַרגיסנדיק אַלץ, וואָס מיר האָבן געלאָזן,
שווייגנדיק צווישן צעטראָטענע גראָזן.

זיין פריינד האָט די אַלוזיע גוט פאַרשטאַנען,
כאָטש נישט אַלע מאָל האָט ער אַליין געשוויגן —

איצט איז ער, שמעון, ערגעץ ווייט פון דאַנען
און זיין גורל האַלט זיך נאָך אין וויגן...
און זיינער, שאַפּירס, איז ער שוין זיכער ענדלעך?
צי האָט ער זיך אין לאַנד דאָ אָפּגעפונען?
זיין ליד איז אַלץ נאָך דאָ אַביסל פרעמדלעך,
ווי דער עכאָ פון אַ טיפן ברונעם.
און די נאַכט איז אַלץ נאָך דאָ אַזאַ מין הייסע,
און שאָטנס טאַנצן אויף דעם אַלטן שרייבטיש,
גלייך עס וואָלטן אָנגעיאָגט אַהערצו גייסטער —
און אין דרויסן רוישט נאָך אַלץ און רוישט דער כביש.

**ב. שלעווין / פּאַריז**

# די אַקאַדעמיע אונטערוועגנס

(דערציילונג)

אַלע ווייטע פּחדים, חשדים און שלעכטע פאָרגעפילן זענען אין יענעם לעצטן זומער געהאָנגען איבערן הויז און איבערן הויזגעזינד פון אַרקאַדי ירוחמזאָן. דער אַלטער מענשעוויק און בונדיסט, דער אידעען-חבר פון יורי מאַרטאָוו, אַרקאַדי ירוחמזאָן, האָט נאָך אין לעצטן פאַרנאַכט אָנגעגורט די ברילן מיטן שוואַרצן שנירעלע אונטערן אויער, אויף דער דינער אַריסטאָקראַטישער נאָז. דאָס פאַרגרויטע שפּיץ-בערדל — צעשויבערט, אין דער קרום, האָט ער זיך אַ רגע לאַנג און שאַרף איינגעהאָרכט מיטן צוגעניגטן, פאַרוואַקסענעם אויער-מושל צום געדיכטן כאָר אויטאָ-סיגנאַלן, וואָס איז אויפגעגאַנגען פון בולוואַר אין דער נידער. ס'איז געווען אין שפּעטן נאָכמיטאָג פון יענעם אומפאַרגעסלעכן סוף-זומער, קורץ איידער ס'גרויסע אומגליק האָט זיך אַראָפּגעלאָזן. ער איז פאָרזיכטיק צו און אַ פאַרשאַרגעטאָן דעם שווערן גאַרדין, וואָס האָט דעם גאַנצן זומערדיקן טאָג געהאַלטן דאָס הויז אין האַלבן שאָטן, די סוף-אויגוסט-זון זאָל נישט אַזוי באַקן. ער האָט זיך אַליין אויך געהאַלטן אין שאָטן אין די פאַרגאַנגענע עטלעכע יאָר, זינט זיי זענען דאָ אַלע, אין לעצטן מאָמענט, אין גרויס בהלה, געהאַט אַריבערגעקומען פון היטלערישן בערלין. אַזוי איז ער אַרומגעגאַנגען מיט שווערע פאָרגעפילן און חשדים, האָט זיך שוין איצט זעלטן ווען געוויזן אין דער עפנטלעכקייט אפילו צווישן מענטשן פון זיין גראַד.

די לופט אין פאַריז איז אין יענעם זומער, נאָך מינכען, סיי ווי פול געווען מיט שפּאַנונג און מיט אומרו פאַרן מאָרגן. מאָדנע, אומגעווײנלעכע זאַכן האָבן זיך דאָ אָפּגעטאָן; מ'האָט אין יענעם לעצטן מיט-זומער איין מאָל געפונען אין דער סען אַ מאַן מיט אַן אָפּגעהאַקטן קאָפּ, מיט אָפּגעהאַקטע פינגער. די פרעסע איז אַרויס מיט סענסאַציעס, השערות, און איז ענפעס צו גיך אַנטשוויגן געוואָרן. ס'איז אויך פלוצים פאַרשוווּנדן געוואָרן נאָך איינער אַ רוסישער ווייס-גוואַרדייאישער גענעראַל אין דער עמיגראַציע. נאָך די טרויעריק-באַרימטע מאָסקווער פּראָצעסן דאָרט, נאָך דעם ווי ס'איז אויך דאָ באַקאַנט געוואָרן דער מאָרד איבער טראָצקיס זון, נאָכן פאַרשווינדן פון זיין אייגענעם זון אין שפּאַניע, איז דער אַלטער מענשעוויק אַרומגעגאַנגען מיט

פאַרדאַכטן, אַז זיין אייגן הויז איז אין געפאַר, איז אַרומגעשטעלט מיט פאַרדעכטיקע לייט. ער אַליין איז אויסגעשטעלט אויף געפאַרן, אין דער צייט ווען ער האָט נאָך אַזוי פיל וויכטיקע אויפגאַבן מתקן צו זיין אין קורצן דויער פון אַן אינטענסיוו לעבן.

אַלע פענצטער אויפן הויכן שטאָק אין די נייע רויט־ציגלדיקע הייזער־בלאָקן האָבן אַראָפּגעקוקט צום רוישיקן בולוואַר ברין. אויף דער ברייטער אַרטעריע פון די פאַריזער דרום־פעריפעריעס, פּאָרט ד׳אָרלעאַן, האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אַ גאָלדיקער פאַרנאַכט אין מילדע, ראָזע אָפּשיינען. אונטן, אויף די אויסערלעכע בולוואַרן, דער געדיכטער פאַרקער אַרום פאַריזער גאַרטל, איז דעם גאַנצן מעת־לעת סיי ווי געוויינלעך געשטאַנען אַ האַסטיקע פאָרעריי פון דער ראָד־באַוועגונג. דער ברוק האָט זיך נאָכאַנאַנד געטרייסלט פון שווערע לאַסט־מאַשינען, אויטאָבוסן. עס האָבן דורכגערוישט אַ קייט מאָטאָציקלען. אָבער אין דעם לעצטן שפּעטן נאָכמיטאָג האָט עס אויסגעזען צו זיין גאָר אויסערגעוויינלעך. דער ים אויטאָס און לאַסטוועגן האָט פאַרשטאָפּט דעם ברייטן שאָסיי, קוים דורכצולאָזן דעם לאַנגן קאַראַוואַן לאַסט־פערד מיט די שווערע, פאַרוואַקסענע סטאָפּעס. זיי זענען געפירט געוואָרן ביי די צוימען פון אַרטילעריסטן אין פולן סטראָי, מיט די שווערע קאַסן איבער די אויגן, צו די נאָענטע קאַזאַרמעס, צום גאַרניזאָן פון די סענעגאַלער טרופּן, פון דער שווערער אַרטילעריע. פון ביידע זייטן טראָטואַר, אַרום די פאַרפּאַקטע מעטראָ־אַריינגענג, האָט זיך צונויפגעשפּאַרט אַ נייגעריקער המון, צו באַטראַכטן דעם נישט־געוויינלעכן פערד־קאַראַוואַן. די לאַסט־פערד האָבן שווער און ערנסט, ווי פאַרמשפּטע, מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ, געטראָטן איבערן ווייךגעוואָרענעם אַספאַלט.

ביים אַלטן סאָציאַליסט, וועלכער איז בייגעווען אין פּעטראָגראַד יענעם הייסן אָקטאָבער, ווען ס׳איז געשטורעמט געוואָרן דער ווינטער־פּאַלאַץ, האָט עס פּלוצים אויפגעוועקט מאָדנע קענטלעכע אַסאָציאַציעס פון נאָענטע מהומות און אומגליקן; ווי דער משונהדיקער גאַנג פון דער געשיכטע וואָלט זיך דאָ ווידער אָפּגעשפּילט פאַר זיינע אויגן, הינטער זיינע פענצטער. ער האָט זיך האַסטיק אומגעדרייט און מיט ביטערער איראָניע אָפּגערופן זיך צו זיי דאָרט אין האַלבן טונקל; זיי זענען דעם גאַנצן נאָכמיטאָג נאָך אַלץ געזעסן אַרום טיש, פאַרטאָן אין וויכוחים און אין נעפּל פון סיגאַרעטן. עס זענען געהאָנגען איבער זיי גרויסע זאָרגן:

— נישטאָ ווער ס׳זאָל לאַכן. קוקט, קעגן דער מאָדערנער פּאַנצער־אַרמיי פון די נאַציס ווילן זיי, די פראַנצויזן, קעמפן מיט זייערע מיטלאַלטערלעכע ריטער־פערד, איינצושפּאַנען די שווערע אַרטילעריע. זיי מיינען אַוודאי, אַז ס׳איז ווערדון, וואָס געהער שוין באַלד צו דער ראָמאַנטישער פּרעהיסטאָריע...

— עפּעס פוילט דאָ ווירקלעך אינעם קעניגרייך פון די דעמאָקראַטיעס... — האָט זיך דאָרט עמיץ פון די פאַרזאַמלטע דערמאָנט — מינכען... זיי האָבן געמיינט אַז דערמיט איז פאַרענדיקט דער אַפּעטיט פון די וועלף... דער פּרעמיער רעניאָ געוואַלדעוועט היסטעריש אין ראַדיאָ, אַז זיגן וועט נאָר שטאָל און איזן...

דער אַלטער האָט צוריק אַרונטערגענומען די בריל און פאַר זיינע פאַרבלויטע אויגן איז שטיין געבליבן אַ בלענדעניש. אַרום לאַנגן רעדאַקציע־טיש, פאַרצויגן מיט אַ גרינעם געוואַנט ,איז דעם גאַנצן נאָכמיטאָג געווען פאַרזאַמלט אַ גאַנצע אַקאַדעמיע, דער ראַט, די רעדאַקטאָרן און די נאָענטע מיטאַרבעטער פון דער יידישער ענציקלאָפּעדיע, וואָס איז די לעצטע יאָרן געגרייט געוואָרן אין דער פאַריזער עמיגראַציע.

— יידן — האָט זיין קול זיך געבראָכן, און מיט אַלטער פּאַטעטיק — כ׳האָב מורא אַז ס׳איז ווידער צייט צו פּאַקן די וואַליזעס... די געשיכטע האָט אונדז ווידער פאַרראַטן...

דער אַלטער מענשעוויק, רעדאַקטאָר פון „סאָציאַליסטשעסקי וויעסטניק“, איז דאָ אויפן פאַריזער וועלט־יריד, ווו עס דרייען זיך אַרום אַלערליי פאַרדעכטיקטע לייט, אַרומגעגאַנגען מיט שטילע, פאַרזיכטיקע טריט. ער האָט עס גאָר אויף

אַזוי פיל נישט געוואָלט אַרויסווייזן פאַר זיינע נאָענטע פריינד, בפרט פאַר דער געעלטערטער פרוי נאַדיאַזשדאַ, און פאַר דער ייִנגערער, אָפּגעציטערטער טאָכטער דוסיענקאַ, געבוירן אין די ערשטע יאָרן אויפן טרויעריקן עמיגראַציע-וואַנדער. דער טיפער צער נאָכן פאַרשווונדענעם זון זיינעם אין שפּאַנישן בירגער-קריג, האָט דעם פאָטער פלוצים אַלט און גרוי געמאַכט, אַראָפּגעזעצט זיינע אַקסלען. ער איז געגאַנגען מיט פאָרזיכיקע טריט אויף דער ערד. ער האָט שוין איצט גענוי גע- וווּסט ווער ס'האָט געליוועריט אויף זיין ... אַ סאָציאַליסט; ווי פיל פון זיין דור, איז ער אַוועק קיין שפּאַניע קעמפן קעגן פאַ- שיזם, וואָס רוקט זיך אָן. דער אַלטער האָט געוווּסט, אַז די זעלבע הענט זענען אויך אויסגעשטרעקט אויף זיין אייגן לעבן; ווייל אויך זיין נאָמען איז דאָרט אָפּט דערמאָנט געוואָרן בעת די טרויע- ריקע סטאַלין-פּראָצעסן.

סוף אויגוסט פון יענעם יאָר איז שוין די אַקאַדעמיע אונטערוועגנס אין די נייע הייזער אַרום פּאָרט ד'אָרלעאַן געשטאַנען איז גרויס בהלה. מ'איז דאָ געשטאַנען אין מיטן דער אַרבעט אַרויסצוענדיקן דעם באַנד „יידן א"". ס'איז שוין קלאָר געווען, אַז דאָס גרויסע געוויטער דער- נעענטערט זיך צו זייער שוועל. צי גייט עסדען דעם באַנדיט היטלער בלויז אין דאַנציק? זיי האָבן דעם וואָלף אַלץ נאָכ- געגעבן, די צעקראָכענע דעמאָקראַטיעס, און — וואָס האָט עס דען געהאָלפן? מ'האָט קודם באַדאַרפט זען צו באַוואָרענען, ממש אַרויסראַטעווען דעם אַרכיוו, די אייזערנע קעסטלעך, די פּרעציזע דאָקומענטן פון אַ דור יידישע רעוואָלוציאָנערע, סאָציאַלע און קולטור-באַוועגונגען. דער אַרכיוו האָט אין די לעצטע צוויי צענדליק יאָר, צוזאַמען מיט זיי אַלעמען דאָ, געוואַנדערט פון לאַנד צו לאַנד, פון איין מקלט אין אַנדערן. ערשט ווי לאַנג אַז זיי האָבן דורך אַלערליי פּאָרטלעך און געהיימע וועגן, שטילע פאַרבינדונגען, אַריבערגע- ברענגט אים פון רוסלאַנד אין נאָך-מלחמהדיקן בערלין. דער אַלטיטשקער היס- טאָריקער שמעון דובנאָוו אַליין איז נאָך דאָרט געזעסן און געשעפּט פונעם אַרכיוו,

ביים אַרויסענדיקן זיין „וועלט-געשיכטע פון יידישן פאָלק".״ ווען ס'איז דאָרט אויסגעבראָכן די היטלערישע מגפה, האָט מען זיך באַצייטנס באַוואָרנט דעם אַרכיוו אַריבערצוברענגען קיין פּאַריז, אַ ווייטער- דיקער עטאַפּ פון זייערע וואַנדערונגען. אָבער אייראָפּע, אפילו אין דער שווייץ, האָבן זיי אין ערגעץ מער נישט געזען קיין שום זיכערקייט פאַרן יידישן סאָציאַ- אַלן און קולטור-פאַרמעגן.

ס'איז דאָ אין יענע לעצטע פאָר יאָר געווען אַן אומגעוויינלעכער רוישיקער אָנגעלויף פון יידן אין די געדיכט-באַזעצ- טע פאַריזער קאַפעען, צעזעצט אויף די טעראַסן פון מאָנפּאַרנאַס, סען מישעל, אָבער דער עיקר — אויפן היימיש-יידישן פּלאַס רעפּובליק, ווו ס'האָט געקלאַפּט דער פּולס פון דער יידישער אָנגעלאָפע- נער עמיגראַציע, אין דער פרעמד, אין די אַרומיקע פאַרשטעקטע געסלעך און קליי- נע שניידער-אַטעליעס. זיי זענען נאָך אַלץ געווען די פאַרליבטע אָפּנעמער פון יידישן וואָרט. ס'זענען געווען די יאָרן פון לעצטן גרויסן שוווּנג אין אונדזערע וואַנדערונגען, ערב אַלע אונדזערע אומ- גליקן.

ערשט ווי לאַנג אַז אין בערלין, ביז היטלערן, האָט נאָך געקלאַפּט דער פּולס פון יידישע סאָציאַלע- און קולטור-אינ- סטיטוציעס, אונטערוועגנס. אין יענעם פאַטאַלן יאָר איז, אין גרויס בהלה, געהאַט אַריבערגעקומען אַהער אין פּאַריז, אין זייער ווייטערדיקן נע-ונד, אַ גאַנצע אַקאַ- דעמיע — היסטאָריקער, שרייבערס, עקאָ- נאָמיסטן, סאָציאָלאָגן, אידעאָלאָגן פון נישט לאַנג פאַרשווונדענע, אָדער גע- שפּאָלטענע פּאַרטייען. וועלט-טוער פון יידישע אינסטיטוציעס: „אָרט", „אָזע", „היאַס", ייק"א, ייוו"א. דאָס זענען געווען די אַקאַדעמיקער פון דער יידישער ענצי- קלאָפּעדיע. זיי האָבן דאָרט אין יענע פאָר יאָר, אין דער בערלינער באַרימטער „ראָ- מאַנישער קאַפע", האַלבע נעכט דעבאַ- טירט, אַרומגערעדט, אַרומגעקריגט זיך, פּלאַנירט און אַרומגעטראָגן זיך מיט גראַנדיעזע פּלענער און אויפטוען פון יידישע סאָציאַלע- און קולטור-טעטיקייטן אין וועלט-מאַסשטאַב, אין דער גאָרער

יידישער צעשפּרייטקייט; כאָטש אַליין האָבן זיי שוין דעמאָלט שטילערהייט צוביסלעך געצווייפלט אין דער באַשטענדיקייט פון יידישע ישובים אויפן אַלטן קאָנטינענט; זענען זיי דאָך די ערשטע, דורך אַלע גרענעצן, געלאָפן פון מזרח־אייראָפּע ווו זיי האָבן קיין גוטס מער נישט דערוואַרט. זיי האָבן די ערשטע דערפילט דעם פאַרסמטן ווינט, וואָס גייט איבער אייראָפּע; דעם ווינט, וואָס וועט אומוואַרפן רעזשימען, צעטרייסלען אונדזערע איינגעזעסענע ישובים, ווי געוויינלעך אין אונדזער גלותדיקן גאַנג צווישן די פעלקער. אויך דאָ, אין פּאַריז, האָבן זיי בלויז צייטווייליק געהאַט פאַרקליבן זיך אַרום פּאָרט ד׳אָרלעאַן, די פירערס, אידעאָלאָגן, טעאָרעטיקערס, אָפּשפּליטערונגען פון אַלערליי יידישע און רוסישע פּאַרטייען — בונדיסטן, מענשעוויקעס, ס.ר.׳ן, טעריטאָריאַליסטן, אומאָפּהענגיקע. זיי האָבן געפילט, אַז אויך דאָ איז עס נישט מער ווי צייטווייליק.

ס׳איז דעמאָלט אויך געווען באַלד נאָכן הילכיק אויסגעשריגענעם אַלוועלטלעכן קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז. דער קאָנגרעס האָט פון דעסטוועגן אויפגעוועקט גרויסע האָפענונגען, צענויפגעבראַכט אַהער פון גאָר דער וועלט מענטשן פון גייסט, שרייבערס, אינטעלעקטואַלן, קולטור־טוערס, פון פאַרשיידענע ריכטונגען און טענדענצן. זיי האָבן נאָך בלינד געגלייבט, אַז אפשר איז פּאָרט מעגלעך עפּעס אָפּצוראַטעווען, אָפּצושרייען, אין אונדזער ערב־קאַטאַסטראָפע. אָבער שוין דעמאָלט איז די מאָנענדיקע שטים פון דיכטער ה. לייוויק לאַנג הענגען געבליבן אין דער אָנגעגליטער לופט, ווען ער האָט אָנגעוויזן אויף די ליידיקע שטולן פון דער יידיש־סאָוועטישער דעלעגאַציע. ס׳איז געווען עפּעס נביאותדיקס אין זיין מאָנענדיקער שטים, אין דער צייט, ווען די געעלטערטע, אויסגעפּרוּווטע לייט, די ענציקלאָפּעדיסטן, זענען בכלל נישט געקומען צום קאָנגרעס, זענען געבליבן פאַרשלאָסן, סקעפּטיש, פול מיט שלעכטע פאָרגעפילן און פאַרדאַכטן.

אויסגעפּרוּווטע עמיגראַנטן, וואָס האָבן זיך געוואָלגערט אין צופעליקע אַכסניות און האָטעלן, זענען זיי כסדר געזעסן אויף די וואַליזקעס; און אין די וואַליזעס מיטגעפירט נישט בלויז זייער אייגן ביסל אָרעמקייט, נאָר אויך אַ גרויסן קולטור־היסטאָרישן באַגאַזש, וואָס האָט געמוזט אָפּגעראַטעוועט ווערן פון אונטערגייענדיקן קאָנטינענט.

אַרום היימיש־רוסישן סאַמאָוואַר זענען זיי אין דעם אָוונט, אונטערן פּאַרטונקלטן אַבאַזשור, ביי אַראָפּגעלאָזטע ראָלעטן, געזעסן — דער אַלטער בונדיסט און מענשעוויק, אַרקאַדי ירוחמזאָן, מיט זיין פאַרגרויט שפּיץ בערדל. די פינקלענדיקע ברילן אויפן שוואַרצן שנירעלע האָבן אַלע מאָל אומרואיק אויפגעלויכטן. ס׳איז געזעסן דער שטילער, מיושבדיקער ייד בן־אדיר, אַן אַלטער טעריטאָריאַליסט און עטישער סאָציאַליסט פון י. נ. שטיינבערגס דרך; אַברהם מענעס מיט זיין קורצזיכטיקע ברילן פון אַ ייד אַ למדן. ס׳איז פּלוצים אויך אַריינגעפאַלן אַהער דער קליינער קוועקזילבערדיקער פּראָפעסאָר קיוועליאָוויטש, מיט זיין וואָלטער פּראָפיל; ער איז אַלע מאָל געקומען מיט וויכטיקע קולטור־פּלענער, נישט אַנדערש ווי אין פּלאַנעטאַרן מאַסשטאַב. דער היסטאָריקער פון די שחיטות אין אוקראַינע, א. טשעריקאָווער, אַ קליינער, ריירעוודיקער מאַן מיט אַ דין־געשוירן, פאַרגרויט שויבערל, איז אין לעצטן יאָר ערב דער מלחמה דאָ געווען פאַרפּאָרעט ביים אַרויסגעבן דעם זאַמלבוך „אויפן שיידוועג”, וועגן אַקטועלע פּראָבלעמען און דילעמעס, „ווייל עס פילט זיך אין דער לופט — האָט ער געוואָרנט — מיט אָנגעברענטס”; נאָך דער קאַפּיטולאַציע פון די אייראָפּעישע דעמאָקראַטיעס פאַרן מאַסן־מערדער, האָט מען געפילט אַז דער געחתמעטער גורל פון יידן איז שוין געהאָנגען איבער אַלעמענס קעפּ. שוין דעמאָלט זענען זיי אַלע אַרויסגעקומען מיט זייערע אידעישע רעוויזיעס און פיל פון זיי — מיט רעזיגנאַציע. מ׳האָט אין דער יידישער פּובליציסטיק געזוכט אַ נייע באַזע פאַרן יידישן קיום. ס׳זענען געווען די שטימונגען צו איזאָלירן זיך פון דער וועלט, „צוריק אין געטאָ”. דאָס האָט פון יענער זייט ים זיך געלאָזן הערן דאָס קול

פון דיכטער יעקב גלאַטשטיין: „אַ גוטע נאַכט, ברייטע, שטינקענדיקע וועלט, מיט שטאָלצן טראַט, גיי איך צוריק אין געטאָ.“

— לייכט אָפּצורעדן — צוריק אין געטאָ... — האָט אַרקאַדי ירוחמזאָן מיט אַ געלעכטערל געלאָזן הערן זיין שטים, גלעטנדיק נערוועז דאָס גרויע שפּיץ־בערדל — יאָ, די וועלט האָט אונדז אָפּגים פיינט. קענען מיר די וועלט נישט באַלערן און נישט באַקערן, אָבער זיך אַליין דאַרף מען באַצייטנס ראַטעווען, און וואַרטן ביז די בייזע ווינטן וועלן פאָרט אַריבער.

אַזוי האָט ער גערעדט, דער אינטערנאַציאָנאַליסט, וואָס האָט אַלע יאָרן געגלויבט אין יושר פון דער וועלט, פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־קלאַס. ער האָט געזען פאַרזאַמלט אַרום זיך אַ יידישע אַקאַדעמיע, אונטערוועגנס, אין דער מיט פון אונדזער אומזיכערקייט, די באַזנלאָזיקייט פון אונדזער קולטור, פון אונדזער גאַנצן אַרומטומלען אויף די וועלט־געמאַרקן, לויפנדיק פון לאַנד צו לאַנד. כאָטש זיי האָבן זיך דאָ אָפּט געקריגט, נישט מסכים געווען, צעריסן אין פאַרשיידענע שיטות און עקסטרעמען.

אַלע פיר ווענט פון זיין קאַבינעט מיט די טיף פאַרצויגענע פאָרהענגלעך זענען באַשטעלט געווען מיט פאָליצעס ביכער ביז אַרויף. ער איז שטיין געבליבן אַ וויל און מיט זיין קלוגן בליק פון אַ תלמיד־חכם לאַנג איינגעקוקט זיך אין דעם אָנגעזאַמלטן גייסטיקן פאַרמעג. דער געעלטערטער מאַן מיטן פאַרגרויטן שפּיץ־בערדל, האָט געשפּרייזט הין און צוריק איבערן טיפן קאַבינעט, ווי אין טראַנס, פון צייט צו צייט אַ נעם געטאָן אַ בוך פון דער פאָליצע, געבלעטערט, אַריינגעקוקט דערין, פאַרטיפט, נאָענט צו דער אויפגעלויכטענער בריל. ער האָט מער נישט געקענט. ס׳איז געלעגן אין אים אַ טיפע עצבות. ער איז דאָ, אין הויכן פּלי, געבליבן ווי מיט אונטערגעהאַקטע פליגל, אין דער עפּאָכע פון מאַקיאַוועלישער פּאָליטיק און פערפידן מאָרד. יאָ — האָט ער זיך געזאָגט — געזיגט האָט דאָס גרויסע רשעות. ער איז צוריק אַוועק צו זיי דאָרט, לאַנג געבלאָנדזשעט דורך די קאָרידאָרן ביזן גרויסן רעדאַקציע־זאַל, זיי צו זאָגן:

— רבותי — האָט ער זיך געכאַפּט, נאָך אַ ווײַלע, פאַרריכטנדיק זיך נערוועז די בריל אויפן שוואַרצן שנירעלע — מיר געפינען זיך אויף אַ ברענענדיקן קאָנטינענט. טאַקע, וואָס האָט זיך דען אויסגעלאָזן פון אַלע אונדזערע שיינע אידעען פון אָנהייב יאָרהונדערט ביז — היינט? לאָמיר זיך גרייטן צום נייעם מיטלאַלטער וואָס רוקט זיך אָן. כ׳וואָלט געזאָגט, די וועלט־ציוויליזאַציע האַלט ביים אונטערגיין. אָבער קיינער וועט די מלחמה נישט האַלטן פאַר אונדז. מיר מוזן אַליין...

די בריל ביי אים איז געווען פאַרלאָפּן מיט טוי. ער האָט זיך אומגעדרייט און דערזען די אָנגעהויפטע קעסטלעך, טעקעס, פאַרבונדן מיט שנירלעך; אויף די לאַנגע טישן אַרום די ווענט האָבן זיך געוואַלגערט מאַנוסקריפּטן, בריוו, קאָרעקטור־בויגנס פון לעצטן באַנד „יידן א“ פון דער יידישער ענציקלאָפּעדיע. זיי האָבן אונטערגענומען אַרויסצוגעבן די וויכטיקע צוגאָב־בענדער, אין עפּעס אַ מין גרויס; פאַרטראָגן איילעניש.

— ווייסט איר פאַרוואָס איך האָב שוין אויך מורא? — האָט ער אָנגעוויזן אויף דעם אַלעם, און גערעדט דער עיקר צום קליינעם, רירעוודיקן פּראָפעסאָר — איך האָב שוין אויך שטאַרק מורא פאַר דער זיכערקייט פון ייוו״א אין ווילנע, כאָטש צווישן אַ געדיכט יידיש פאָלק. יידישע קולטור־אוצרות זענען הפקר. ווער ווייסט וואָס פאַראַ שטורעמס דאָרט קענען נאָך אָניאָגן...

אין זיינע אויגן־שפּעלטלעך אונטער די ברילן האָט קוים אַרויסגעשיינט אַביסל פאַרלאָפּענער בלוי. זיין בליכע, אידעלע האַנט פון אַן אינטעלעקטואַל האָט אונטערגעציטערט, ווען ער האָט זיך פאַרריכט דאָס שוואַרצע שנירעלע אונטערן אויער.

— די אַרכיוון דאַרפן פאַר אַלעם באַצייטנס אַנטרינען...

זיי האָבן אַלאַרמירט צום אַרבעטער־קאָמיטעט אין ניו־יאָרק, ווייל ס׳איז נישט געגאַנגען בלויז אין ראַטעווען זייער אייגן לעבן, נאָר אין אָפּראַטעווען דעם אַרכיוו פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, פון יידישע פאָלקס־באַוועגונגען, פון היסטאָרישע דאָקומענטן, וואָס האָבן געוואַנדערט פון לאַנד צו לאַנד. דער אַלטער

טעריטאָריאַליסט, בן־אדיר, האָט זיך דאָרט עפּעס אָנגערופן מיט זיין שטילער, אייִדעלער שטים, אין זייער אַלעמענס צע־טומלטקייט. אויף זיין מילד פּנים מיט דער פאַרגרויטער וואָנסע איז געלעגן אַן אַ שיעור צער:

— אַוודאי, ס׳איז קלאָר. מיר מוזן ווייי־טער לויפן אין דער וועלט אַריין. ערשט ווי לאַנג, אַז מיר זענען געלאָפן פון רוס־לאַנד, פון בערלין... יידישע גייסטיקע אוצרות זענען דאָך אַלע מאָל אויף הפקר...

מ׳האָט נאָך דאָ פון אַלטער געוווינהייט גערעדט רוסיש. יידיש־רוסישע אינטע־ליגענטן, סטודענטן פון פּעטערבורג, פון דער שווייץ, אָבער די מערסטע — אויטאָ־דידאַקטן, זיינען זיי אין יענע יאָרן, ערב דער רעוואָלוציע, „געגאַנגען אין פאָלק אַריין", כאַטש מיט גרונט־פאַרשיידענע אידעאָלאָגיעס, שיטות, ווי אַזוי צו ראַטע־ווען דאָס באַדנלאָזע פאָלק, וואָס שמאַכט אונטערן שטיוול פון צאַריזם; ווי אַזוי דאָס יידישע פאָלק אַרויסצופירן פון גלות, אָדער — צוזאַמען מיטן פאָלק, צווישן וועלכן מ׳לעבט, צו קעמפן פאַר דער פריי־הייט.

די יאָרן גלות, אויף דער עמיגראַציע, האָבן, דעם אמת געזאָגט, היפּש צע־טרייסלט זייער אַלעמענס אידעאָלאָגישע באַזעס. אָבער מ׳האָט געלעבט אין אַ מין אינערציע. מ׳האָט, דעם אמת געזאָגט, צוביסלעך אויך געלעבט פון די פילאַנ־טראָפּישע יידישע וועלט־אינסטיטוציעס, געבויט אויף פּלענער אין וועלט־מאַס־שטאַב. די טעריטאָריאַליסטן זענען נאָך אַלץ און אַלע מאָל געקומען מיט נייע וויכטיקע פּלענער און פּראָיעקטן, צו באַ־זעצן יידן ערגעץ אין עק וועלט, אין די ווייטע, נישט אויסגעפאָרשטע לענדער מעבר לים. מ׳האָט דערוועגן געשריבן מעמאָראַנדומס צו מיניסטאָרן, געשריבן לאַנגע מאמרים, אידעאָלאָגישע באַגרינ־דונגען. ס׳זענען געוועזן גרויסע וויכוחים, אָבער אַלץ האָט זיך דערווייל אויסגעלאָזן מיט גאָרנישט.

אַצינד, מיטן אומגליק וואָס האָט זיך דערנענטערט, זענען זיי שוין דערפירט געוואָרן ביזן ראַנד. מ׳האָט אַלאַרמירט אין די אינסטיטוציעס מעבר לים, אין אַמעריקאַנער אַרבעטער קאָמיטעט, צו זען ראַטעווען כאָטש די אַרכיוון.

ס׳געוועלטערטע ווייב פון אַרקאַדי ירוחמ־זאָן האָט נאָך דערצו אַלץ נישט געקענט קומען צו זיך, נאָכן אומגליק מיטן זון אין שפּאַניע. זי איז געלעגן ווייט אַרויפ־צו, אין שלאָפצימער מיט די טיף־אַראָפּ־געלאָזענע שטאָרן, מיט נאַסע טיכער אויפן שטערן. זי האָט געליטן פון מיג־רענע, פון קאָפּ־ווייטיקן, פון אַלערליי מיחושן. זי האָט זיך ביים אָוונטיקן טיש נישט געוויזן מער. אַריינגעבראַכט טיי און צובייסן האָט די יינגערע טאָכטער דוסיענקאַ, אַ בלאָנדע יפת־תואר מיט בלויע אויגן און אַ זיס סלאַוויש־פאַרריסן נעזל. ווען זיי זענען צום לעצטן מאָל אַוועק פון רוסלאַנד, איז זי נאָך געוועזן אַ קינד. זי איז געוועזן די מוזינקע, גע־בוירן שוין אין די מיטעלע יאָרן ביי די ירוחמזאָנס. די ווייץ־בלאָנדע צעפּ פאַר־לייגט אויפן שטערן, האָט זי געטראָגן אַ דאָרפיש־אויסגענייטע בלוזע מיט בלויע קאָרן־בלימעלעך.

— דוסיענקאַ — האָט דער פאָטער זי אַ בעט געטאָן — דערלאַנג צום טיש דעם ווישניק... — און צו די געסט אַרום טיש — לאָמיר היינט אויסטרינקען, אויפן רו־סישן שטייגער... אפשר צום לעצטן מאָל....

זיין קול האָט זיך געבראָכן. ס׳איז אַ ווייל שטיל געוועזן נאָך אָט די פייערלעכע רייד. יעדער איינער האָט דאָ געטראָגן אין זיך זיין שווער, איבערגעלאָדן געמיט. אין פּראָפעסאָר קיוועליאַוויטש האָט גאָרנישט געהאַלטן ביים לויפן פון דאַנען. ער איז געוועזן דער אייביקער אָפּטימיסט:

— איר טרייבט אפשר איבער, פריינד ירוחמזאָן — האָט ער גענומען דאָס גלעזל אין האַנט — איך טרינק פאַר דער יידי־שער וויסנשאַפט... מיר וועלן נאָך אַלע המנס איבערלעבן... ניטשעוואָ...

ער איז דאָ געוועזן אַן איינגעזעסענער, זינט לאַנגע יאָרן, פון דער עלטערער אי־מיגראַציע, נאָכן 5טן יאָר, אַ פּראָפעסאָר, מאַטעמאַטיקער, אויף דער סאָרבאָנע, אַ מקורב פון פראַנצויזישן וויסנשאַפטלער זשאַליאָ־קירי, אַ גרויסער פּאַטריאָט. ער האָט אפילו נישט געוואָלט הערן די וואָר־נונגען קעגן רוצח סטאַלין, וואָס האָט נאָר וואָס געשלאָסן יד־אחת מיטן דייטשישן וועלט־מערדער!

— און איך זאָג אײַך — ס'איז אַן איבער־גאַנג — האָט ער, מיט אַלטע עקשנות, געטענהט — אין דער עקזאַקטער וויסנ־שאַפט איז גאָרנישט אָפּצופרעגן. אַן אַק־סיאָמע ! . . .

מ'האָט אים דאָ, אין דער אַלגעמיינער צערודערונג, אָנגעקוקט אַביסל מאָדנע. זייערע הערצער זענען געווען זייער שווער, און קיין שום אומבאַשטימטע אילוזיעס זענען אין דעם מאָמענט מער נישט געווען שייך. דער היסטאָריקער פון די פּאָגראָמען אין אוקראַינע, טשערי־קאָווער, האָט באַלד דערנאָך אַ גלעט געטאָן דאָס פּאַרגרויטע קורץ־געשוירענע שויבערל און געלאָזן הערן זיין דין, אָבער עקשנותדיק שטימעלע:

— רבותי, די שוואַרצזעער צווישן אונדז — און ווער קען איצט זעען העל? — באַשטייען מיט עקשנות דערויף, אַז אַזעלכע רדיפות, שוואַרצע הימלען איבער אונדזערע קעפּ, האָט דאָס יידישע פאָלק נאָך קיין מאָל אין זיין געשיכטע נישט איבערגעלעבט. אַנדערע ווידער זוכן אַ טרייסט און ווייזן אָן אויף די אַלטע ווונדן, די קרייצצוגן, די יאָרן פון „שוואַר־צן טויט", אינקוויזיציע, די גזירות ת"ח. מען מעסט אָבער נישט יסורים. בעת דער חלף ליגט אויפן האַלדז, זענען אַלע היס־טאָרישע ביישפּילן אַ קליינע טרייסט.

— מען קען יאָ מעסטן — האָט אַרקאַ־די ירוחמזאָן זיך געהאַלטן ביי זיינס — עס קומען אויף אונדז טעג פון פינצטער־ניש — דער מיטלאַלטער. . .

— אָבער נאָך דער נאַכט וועט ווידער קומען דער טאָג. מיר וועלן ווידער אַרויס פון געטאָ. . .

— איר האָט, זייט מיר מוחל, דאָ פאָר־מולירט די אידעאָלאָגיע פון קאַפּיטולאַ־ציע, רעזיגנאַציע, אפשר נישט הכנעה, אָבער... דאָס איז די יאוש־שטימונג, וואָס נעמט אַרום אַ טייל פון אונדזער אינטע־ליגענץ.

— און איך ענטפער אײַך, וואָס שייך דער וועלט, אַז די גאַנצע קולטור זייערע איז נישט מער ווי אַ קאָרטן־שטיבל, מיט זייער וויסן, שיינקייט, קריסטלעכקייט. דער ערשטער בלאָז פון ווינט האָט אַלץ צעטרייסלט. ביכער, אוניווערסיטעטן, קלויסטערס, גלחים, געלערנטע... ס'איז אַלץ ווי אַ ספּעקטאַקל, פאַרן געוויסן איז קיין אָרט נישט פאַראַן. און אָן געוויסן איז אַלץ — געצנדינסט. מיר האָבן זיי געבראַכט אַ ספר פון גרויסן יושר און — וואָס האָבן זיי דערפון געמאַכט? וואָס בלייבט זיי ווען זיי פאַרמאַכן די ביבל? — בירזשעס, בתי־זונות, קאַזאַרמעס און תפי־סות. צוואַנציק יאָרהונדערטער אַז זיי לערנען ביי אונדז דאָס געטלעכע וואָרט, און זיי האָבן עס קיין מאָל נישט פאַר־שטאַנען. אומזיסט וועט דאָס קריסטנטום זיך אָפּוואַרפן פון פאַשיזם. ס'איז זייער כשר קינד. זיי האָבן געבענטשט דעם קריג, דערצויגן צום קריג. אַלע תורות זייערע זענען פאַראומווערדיקט געוואָרן אין אונדזער צייט . . .

אפילו דער אַלטער סאָציאַליסט ירוחמ־זאָן האָט געמוזט מודה זיין:

— מיר האָבן אַ רגע אין אונדזער געשיכטע זיך טועה געווען. מיר האָבן געמיינט, ס'האָט שוין גענומען טאָגן. ווער ס'געדענקט נישט יענע גרויסע, הערלי־שע פעברואַר־טעג אין פעטראָגראַד! נאָר ס'איז, זעט אויס, געווען אַ פאַלשער באַ־גינען. וועלן מיר צוריק איינצוימען אין דער נאָרע פון אונדזער געשיכטלעכן גאַנג און וואַרטן ביז ס'וועט טאָג ווערן. די נאָרע פון אונדזער געשיכטלעכן גאַנג איז נישט ענג. ס'איז אַ גרויסע קיניגרייך. דאָרט לייכט די צוקונפט.

און ער האָט זיך נישט געקענט שענקען דער אַלטער:

— מיר האָבן צוגעגרייט דעם פרילינג צוזאַמען מיט די פעלקער. מיר האָבן זיך אָבער, צוזאַמען מיט די פעלקער, אָפּגע־נאַרט. איצט קענען מיר עס זאָגן מיט דער גאַנצער זיכערקייט.

— אָבער צוריק אין געטאָ מיינט — צוריק צו זיך. ביי אונדז איז עס נישט קיין טעריטאָריעס, אימפּעריאַליזם, מאַכט, נאָר גייסט און עטיק.

— דער רוף: צוריק אין געטאָ, דאַרף פאַרשטאַנען ווערן ווי אַן אויסגעשריי, אָבער נישט ווי אַ פּראָגראַם. מיר יידן האָבן קיין מאָל נישט פרייוויליק אָנגענו־מען געטאָ. מען האָט געצוווּנגען, פאַר־שפּאַרט ווי אין אַ תפיסה. אויב צוריק אין געטאָ, מיינט גיין אין דער טיפעניש פון פאָלק, אין זיין געשיכטלעכקייט, נישט

מאיר חרץ / ישראל

# דער זיג פון דער שיינקייט

איך ווייס נישט וואָס מיר איז דעמלט געשען,
פאַרוואָס האָב איך פריער גאָרנישט געזען,
פאַרוואָס גראָד אַצינד, ווען כ'האָב נישט געטראַכט
צו זען בייטאָג, וואָס סע קער צו דער נאַכט.

די זונה, מילא, זי איז שוין געוווינט
זיך נישט צו שעמען און פאַר אַ לוין
זי ווערט אויף וועלכן אופן איר ווילט
פאַרזירן אין סאַמע העסלעכסטן בילד.

און לאָזן טאָן מיט זיך, וואָס סע גלוסט
זיך נאָר דער מענערשער גאווה, וואָס פוסט
פאַרשטעלט זי זיך פאַר דער תאווה, וואָס ברענט
ביי מענער מיט כלומרשטן טעמפּעראַמענט.

---

אַרויסגיין פון דער סביבה פון אונדזער פאַרוואָרצלטער קולטור, פון אונדזערע חלומות, נויטן און קאַמפן — זענען מיר פון אַזאַ געטאָ קיין מאָל נישט אַרויס און נישט אַוועק. אַוועק זענען די, וואָס האָבן זיך אָפּגעקערט פון אונדז. די וועלט מעג איבערלאָזן די יידן אויף הפקר, אָבער מיר קענען די וועלט נישט איבערלאָזן אויף הפקר...

אַזעלכע שטימען האָבן זיך געהערט צווישן צעטומלטן עולם אינטעלעקטואַלן:

— מיר האָבן צופיל געגלויבט אין ווערטער, אין כישוף פון פּראָגראַמען. ווען מיר וואָלטן דעם סאָציאַליזם אויפגענומען מיטן באַוווסטזיין פון אונדזערע היסטאָרישע תקופות, פון אונדזער פיל טויזנט יאָריקער קולטור חשבונות, וואָלטן מיר אפשר היינט נישט איבערגעלעבט אַזאַ מוראדיקן גייסטיקן קריזיס. דער ענטפער, וואָס פּאַרטייען גיבן אונדז, באַפרידיקט אונדז מער נישט. פון דעסטוועגן דאַרף מען נישט אויפהערן וועקן דאָס געוויסן פון דער וועלט, כל זמן ס'איז נאָך דאָ אַ האָפענונג, אַז נישט די גאַנצע וועלט איז פאַרסמט מיט שנאה און מאָרדלוסט. גיבן מיר אויף די דאָזיקע האָפענונג בלייבט ניט קיין זינען אין עצם לעבן פון מענטשן, אין אונדזער געשיכטלעכן גורל..

די אַלע ביטערע רייד צווישן די לייט פון דער אַקאַדעמיע אונטערוועגנס, האָבן זיך דאָס מאָל פאַרצויגן ביז שפּעט אין דער טיפער נאַכט, צום סאַמע לעצטן מאָל פאַרזאַמלט אַרום דעם היימישן סאַמאָוואַר. אַלע האָבן זיי זיך שפּעטלעך געכאַפּט, אַז די קורצע נאַכט וועט מען שוין וואַך זיין, ווי אַ ליל־שימורים. עד שבאו תלמידיהם ואָמרו. הגיע זמן של שחרית... ביז ס'איז אַריינגעקומען דער ייד, וואָס פאַרנעמט זיך מיטן טראַנספּאָרט און אויסגערופן:

— יידן... האָט ער אויסגערופן — וואָס זיצט איר נאָך? הערט וואָס דער ראַדיאָ...

און זיי האָבן זיך ווי אויפגעכאַפּט. אין די הויכע שויבן האָט שוין געגרויט. ס'איז געווען דער פרייטיק אין זוניקן פרימאָרגן דעם 1טן סעפּטעמבער 1939, ווען דורך אַלע ראַדיאָ־כוואַליעס איז געמאָלדן געוואָרן, אַז די דייטשישע „שטוקאַס" האָבן אין דער לעצטער נאַכט באָמבאַרדירט וואַרשע, אַז די שלאַכטן פלאַקערן שוין אויף דער פּוילישער ערד...

נאָר איינציייטיק האָבן דאָך מיידלעך געוויס
געשטעלט ערגעץ־ווו געטאָקטע פיס
און ייִנגלעך מיט שיינע צעשויבערטע קעפּ
געגאַנגען אַקעגן זיי אויף טרעפּ.

און איינס קעגן צווייטן זיך אָפּגעשטעלט,
און איינס מיטן צווייטן געשטאַלטיקט אַ וועלט,
וואָס וואַרט אויף אַ ברכה פונעם פּאָעט,
נאָר איך האָב די שיינקייט דערזען צו שפּעט.

ווייל קודם האָב איך גאָרנישט געקוקט,
דערנאָך האָט די מיאוסקייט זיך אונטערגערוקט,
געזען כ׳האָב בייטאָג, וואָס סע קער צו דער נאַכט
און שיער נישט אויף דעם די ברכה געמאַכט.

נאָר סוף־כל־סוף האָ די שיינקייט געזיגט —
דאָס בילד פון אַ מוטערביים קינד אין אַ וויג,
דאָס וויגליד, וואָס האָט די וויג צעוויגט —
דער שיינקייט האָט סוף־כל־סוף אָפּגעגליקט.

ירושלים, 25סטער פעברואַר, 1980.

## כ׳האָב אַלע אַלטע גוטע ווערטער...

כ׳האָב אַלע אַלטע גוטע ווערטער
דערוואַרעמט אין מיין קליינער קיך
און זיי אין ווייסע פלאַכע טעלער
געשטעלט צום אָונט־ברויט פאַר זיך.

נאָר נישט גערירט זיי פון די ערטער,
כ׳האָב פון די טעלער נישט פאַרזוכט
און אַלץ געוואַרט, אַז דער געערטער
זאָל קומען מאַכן זיין באַזוך.

און איך וועל מיט מיין גאַסט זיך טיילן
מיט יעדן ביסן, יעדעס וואָרט
און גאָר מיין נעכטן אויסדערציילן,
ביז אַלץ וועט ווערן אויסגעקלאָרט.

ביז אַלץ וועט שטיין פאַר זיינע אויגן
ווי אויפן טעלער, ווי מע זאָגט,
און מיט זיין אויער צוגעבויגן
פון אָוונט ביזן גרויען טאָג.

נאָר נישט געקומען דער באַשערטער,
דער אָנגעזאָגטער גוטער גאַסט,

און איך האָב פון די ווייסע טעלער
אַליין דעם כיבוד אויפגענאַשט.

דערנאָך געוואָלט זיך דורכשפּאַצירן,
ווען פּלוצים, פון דער העלער הויט,
סע עפענען זיך אַלע טירן
און אַלע טעלער ווערן רויט.

אַריינגעשטורעמט האָט מיין שכן
און זיך אַ שיכורער צעשטרעקט,
אויף אַלע פיר אַרומגעקראָכן
און אַלע טעלער אויסגעלעקט.

און נאָך דעם אַלע זיי צעבראָכן,
מיט שערבלעך פול געמאַכט דאָס הויז
און מיט געלעכטער איז מיין שכן
אַ פריילעכער פון הויז אַרויס.

נאָך גוט, דער גאַסט איז צו דער סצענע
נישט אָנגעקומען, נישט געזען.
און אפשר איז ער אויך פון יענע?
און אפשר ער איז עס געווען?

ירושלים, 24טער יוני, 1980

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# א הסתדרות
# אניואיטי טראסט-קאנטראקט

— פון דער —

# ישראל הסתדרות פונדאַציע

אינקאָרפּאָרייטעד

פאַרזיכערט אייך און אייער פרוי:—

- אַ יערלעכע הכנסה פון 9½%

און

- באַדייטנדיקע איינשפּאָרונגען

הכנסה־שטייער, ירושה־שטייער, „פּראָבעיט"־הוצאות, ווי אויך פונעם „קאַפּיטל־געינס"־שטייער אויף סעקיוריטיס, וואָס איר האַלט לענגער ווי 6 חדשים.

זייט איר פאַראינטערעסירט...

אין העלפן זיך אַליין דורך העלפן ישראל ?

אויב יאָ . . . טוט זיך אַליין אַ טובה און דערקוויקט אייך וועגן דעם נייעם 9.5 פּראָצענט הסתדרות אַניואיטי טראָסט - פונדאַציע.

---

שניידט אוים דעם קופּאָן און שיקט צו דורך פּאָסט:

**HISTADRUT ANNUITY TRUST**
**of the ISRAEL HISTADRUT FOUNDATION, Inc.**

**7250 Beverly Blvd., Los Angeles, Calif. 90036 — Tel. 938-3201**

APPLICATION for Histadrut Annuity Trust Agreement

To be issued to............................................................

Address............................................................

Date of Birth..............................Soc. Sec. No..............................

Principal Amount $............................................................

Date.......................Signature of Applicant..............................

קובאַ פישבין

# די ישראל־שטאָט דימונה — 25 יאָר אַלט

דאָס אָרט — דימונה, געפינט מען שוין אין תנ"ך; לייענט אין יהושע ט"ו: „זאת נחלת משה בני יהודה אל גבול אדום בנגבה קבצאל ועדר ויגור וקינה ודימונה ועדעדה."

איז די תנכישע דימונה, וואָס איז אַמאָל צוגעטיילט געוואָרן דעם שבט יהודה, צוריק היינט אויפגעשטאַנען תחית המתים, לויט אַלע סימנים, גענוי אויף דעם אַמאָליקן פלאַץ. היינט איז דימונה אַ עיר ואם בישראל, אַ פונק נייע שטאָט, אַן אַרומגעגאַרטלטע מיט אַ רינג פון בלאָנדע בערג, וואָס נעמען צוביסלעך פאַרזוכן דעם טעם פון זאַפטיקע גרינקייט. דימונה איז אַ שטאָט מיט גרויסע ווייסע הייזער און מיט קליינע פירקאַנטיקע ווילאַס פון שטיין, עלעגאַנט אויסגעפוצטע מיט מיניאַטור־גערטנדלעך, וואָס מען רופט דאָרט פאַטיאָ. דורך דער שטאָט לויפן ברייטע גאַסן אַרומגעזוימט מיט ביימער און רחבותדיקע אַלייען מיט שנירן צעוואַקסענע שטאָלצע פאַלמעס. יעדע פאָר טריט — גרינע סקווערן און סקווערעלעך מיט אַ שפע פון שפיל מכשירים פאַר קינדער.

דאָס וואָס דערקוויקט דאָס אויג פון באַזוכער, דאָס וואָס חידושט אַזוי שטאַרק דעם שכל זיינעם, דאָס איז די מאַסע פון קוועלנדיקן גרין, וואָס לאַכט אַרויס פון יעדן ווינקל, עפעס אַזוי פאַרשאַרט און חוצפהדיק, ווי ס'וואָלט אַרויסגעשטעלט דעם מדבר אַ חוזק־צונג. דימונה, דאַרפט איר וויסן, ליגט אינעם סאַמע מדבר פון נגב און ברענט זיך אונטער אַ שרפהדיקע זון. און דאָך, ווי אויף צו להכעיס דעם מדבר, האָט זיך דאָרט צעלייגט, איבער דעם כמעט גאַנצן מזרחדיקן טייל פון שטאָט, אַ גרויסער געדיכטער גאָרטן מיט צעצווייגטע ביימער, וואָס קאַרגן נישט קיין שאָטן. אינעם גאָרטן שטייען עטלעכע פיינע סקולפטורן און דער מקום רוחניות, דער בית העם, אַן אָרט פון לעבעדיקער קולטור־טעטיקייט. דאָרט אויך, בתוך דעם גאָרטן, בויט זיך אַ געביידע פאַר דער שטאָטישער קאָנסערוואַטאָריע, וואָס איז אַן אמתער שם־דבר. די לעצטע יאָרן איז זי זיך אַזוי צעוואַקסן, אַז איר חלק רוים אינעם קולטור־צענטער איז פאַר איר פאַרצווייגטער פעדאַגאָגישער טעטיקייט ענג געוואָרן; האָט די שטאָט באַשלאָסן זי אַריבערצופירן אין אַן אייגענער הויז.

דימונה איז אַ שטאָט וואָס האָט אַ טרייסל געגעבן מיטן מדבר. זי איז אין אים אַריין מיטן גאַנצן אימפעט פון באַנייטן יידישן לעבן. זי האָט אים אויפגעוועקט פון אַ לאַנגן טיפן שלאָף. מיט זיין כוח האָט דער חלוץ אַרויפגעצווּנגען אויפן מדבר דאָס בילד פון זאַפטיקע גרינקייט און דעם אויסקלאַנג פון אַ הויכע, ראַפינירטע קולטור. וועט איר דען גלויבן, אַז די אוראַלטע בערג וואָס אַרום דימונה, וואָס געדענקען די קולות וברקים פונעם הר סיני, וואָס זינט דער אייביקייט זענען זיי געווינט געוועזן צו דעם ווילדן געיאָמער פון זאַמד־זאַווערוכעס, באַנעמען איצט די זעלבע בערג — קלאַנגען פון באַך, מאָצאַרט און אַנדערע מוזיקאַלישע גאונים, קלאַנגען וואָס דערגייען צו זיי פון די קאָנצערטן אין דימונה בית־העם? וועט איר גלויבן וואָס פון אַ מדבר קען ווערן?

די גאַנצע סביבה האָט גאָר אַ צווייטע מראה. נעמט טאַקע למשל די בערג. טויזנטער יאָרן האָבן זיי זיך אָן חרפה און בושה נאַקעט זיך געברענט אויף דער זון. איז געקומען די יידישע האַנט און זיי באַדעקט מיט אַ מלבוש פון גרינס. מיטן איינפירן אַ בליענדיק לעבן האָט דאָ דער ייד אַ תל געמאַכט צו דער מדברדיקער פוסטקייט.

וועט איר אַוודאי זאָגן: ניסים ונפלאות! איז אָבער די מעשה, אַז אין אונדזערע צייטן פאַלן נישט פון הימל קיין ניסים, ווי דער מן בשעת יציאת מצרים. היינט האָבן ניסים אַ טבע, זיי האָבן ליב אַז דער מענטש זאָל זיך אַביסל מטריח זיין. ווען דער מענטש, למשל, שטעלט אונטער אַ

פּלייצע, לייגט שוין דער רבונו של עולם במילא צו אַ האַנט.

היינט, אויב איר ווילט קענען דעם נס דימונה, איז הערט־זשע מיט קאַפּ. די געשיכטע וואָלט מען געקענט אָנהייבן מיט אַ „ויהי", ווי די געשיכטע פֿונעם גאַנצן ציוניסטישן ווערק. ווען דאָס מאַראָקאַנער מלכות איז, מיט עטלעכע צוואַנציק יאָר צוריק, דערגאַנגען צו זעלבסט־שטענדיקייט און ווען די פֿראַנצויזישע אַדמיניסטראַציע איז אָפּגעטראָטן צו דער מעטראָפּאָליע, האָט דאָס מאַראָקאַנער יידנטום אַרומגעכאַפּט אַ שרעק. יידן האָבן גענומען פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד. די רייכע זענען אַוועק אין די לענדער וווּ ס'איז לייכט צו מאַכן אַ לעבן. די אינטעלעקטועלע עליטע האָט זיך באַזעצט אין פֿראַנקרייך. דער דעקלאַסירטער יידישער עולם איז עולה געווען קיין ישראל. אין מאַראָקאָ איז געווען אַקטיוו אַ גרויסע חלוצישע יוגנט; זי האָט געריסן די יונגע יידן צו עליה. פֿון זייערע רייען טאַקע זענען אַרויס די פּירנדע מענטשן פֿון דימונה. דעם קערן פֿון דער שטאָט האָבן געשאַפֿן 36 יידישע משפּחות פֿון צפֿון אַפֿריקע. אין אַ סעפּטעמבער פֿרימאָרגן 1955 זענען זיי אַראָפּ פֿון דער שיף אין חיפה און אַוועק צו די צפֿון־מזרחדיקע זאַמדן פֿון נגב, אין דער טיף פֿון באר־שבע. דאָרט האָבן אויף זיי געוואַרט בסך הכל דרייסיק צוגעגרייטע באַראַקן. ווען דער עולם איז מיט מזל געקומען אויפֿן אָרט, האָט זיי דער מדבר מקבל פּנים געווען מיט אַ ווייסטן זאַמד־שטורעם, ווי ער וואָלט בדעה געהאַט צו פֿאַרטרייבן דעם מענטש, ער זאָל נישט צעשטערן די אַרומיקע ווילדקייט. אָבער נישקשה, דער חלוצישער גייסט איז שטאַרקער פֿאַר אַלע מדברדיקע קונצן!

נאָך דער ערשטער גרופּע זענען געקומען אַנדערע גרופּן און באַלד איז געקומען די הסתדרות מיט איר בוי־געזעלשאַפֿט, סולל ובונה, מען האָט געבראַכט טראַקטאָרן, אויסגעפּלאַסטערט דעם ערשטן וועג און צוגעגרייט דעם שטח פֿאַר בויען הייזער. יידן האָבן פֿאַרקאַטשעט די אַרבל און, ווי אָנגעשטעלטע, גענומען פֿאַר זיך בויען דירות און דערביי באַקומען שכירות ביים סולל ובונה. און טשיקאַווע, ביינאַנד מיטן ערשטן הויז האָט מען גלייך פֿאַרפּלאַנצט ביימער. פֿון דער ערשטער רגע האָט דער ייד באַצוווּנגען די ווילדקייט פֿון דער סביבה און גענומען ענדערן איר פּיזאַזש.

די צאָל יידן האָט זיך כסדר פֿאַרגרעסערט. ווען די בוי־אַרבעט האָט שוין נישט געקענט מפרנס זיין אַלע, איז מען אַוועק אַרבעטן צו די פֿאָספֿאַט־אונטערנעמונגען ביים ים־המלח. אָבער ווען די שטאָט האָט זיך נאָך מער צעוואַקסן און מען האָט באַדאַרפֿט פֿרישע קוואַלן פֿון פּרנסה, איז די הסתדרות ווידער אַמאָל געקומען און זי האָט איינגעשטעלט עטלעכע וויכטיקע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. און אַז געטראָפֿן האָט, אין שטעטל האָט זיך דאָך געמאַכט אַ שטיקל עקאָנאָמישער שטילשטאַנד, האָט מען זיך אויך נישט מיאש געווען. דאַן האָט מען זיך גענומען צו עפֿנטלעכע אַרבעטן; מען האָט גענומען גראָבן אין די טיפֿענישן פֿון דער ערד בכדי אַרויסצובאַקומען פֿון איר היסטאָרישע סודות. אונטער רעד לייטונג פֿון פּראָפֿ' יגאל ידין האָט מען אויסגעפֿירט ברייט פֿאַרמאָסטענע אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען, אַנטדעקט די אַלטערטימלעכע נבטייאישע שטאָט קונוב־ממפּיס, און אַזוי אַרום האָט מען גלייכצייטיק געגעבן יידן פּרנסה.

בשעת מען שמועסט מיט די ראשונים פֿון דימונה באַגרייפֿט מען די גבורה פֿון חלוציזם. דער געראַנגל מיטן מדבר איז שוין גאָרנישט געווען אַזאַ פּשוטער ענין. מיט ציין און נעגל האָט מען ביי אים אַרויסגעריסן יעדן מעטער באַלעבטן שטח. אונטער דער גליענדיקער זון פֿון נגב, ביי די ווילדע זאַמד־שטורעמס, האָט יעדעס הויז, יעדעס גרעזל געקאָסט שווערע מי און מאַטערניש. דער פֿאַרעקשנטער ייד האָט דעם מדבר דאָך מנצח געווען, אָבער לאָמיר נישט פֿאַרגעסן, אויב האָט דער ייד דעם מדבר באַזיגט איז ווייל ער איז נישט געווען אַליין אינעם קאַמף. מיט אים איז געווען די גאַנצע חלוצישע מחנה. אָן דער געזעלשאַפֿטלעכער, חלוי־

צישער פּלייצע, אָן איר נאַציאָנאַלן חשבון, וואָלט דימונה נישט געהאַט קיין קיום. ווײַל, אַזוי ווי די „הייליקע" פּריוואַטע איניציאַטיוו מיט אירע עקאָנאָמישע חשבונות וועגן רענטאַבעליטעט, האָט אינעם מדבר, די ערשטע צייטן, נישט געקאָנט שאַרן גאָלד, איז זי געקומען שפּעטער, צום גרייטן, ווען די שטאָט איז שוין געווען אַ עיר ואם בישראל. קאָן מען, הייסט עס, זאָגן: מיט שווייס פון ערלעכע אַרבעט האָט זיך דימונה אויפגעבויט; אויפן חשבון פונעם לײדיקן מדבר איז זי אויסגעוואַקסן.

יידן האָבן זיך דאָ מיט כבוד מפרנס געווען, געבוירן קינדער, זיי דערצויגן פאַר מענטשן און אפילו אויסגעהאָדעוועט אַן אייגענע אינטעליגענץ, וואָס פירט היינט אָן מיט דער שטאָט. היינט איז דימונה אַ שטאָט פון דרייסיק טויזנט איינוווינער, די מערהייט פון צפון אַפריקע, מיט אַ גרויסער צאָל יידן פון רוסלאַנד און דאַרונטער אַ היפּשע צאָל יידיש־רעדנדיקע. די שטאָט האָט גאָר אַמביציעזע פּלענער אויף דער צוקונפט. כמעט אַ העלפט פון איר באַפעלקערונג איז אונטער 18 יאָר און, ווען דער שטאָטישער בילדונגס בודזשעט איז אַ קאָלאָסאַלער, ווען איר עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג איז געבויט אויף אַ קאָנסטרוקטיווע און זאַכלעכע באַזע — טראַכט מען אין קורצן צו פאַרטאָפּלען די שטאָט־באַפעלקערונג און דערגרייכן אפילו, ביים סוף פון אונדזער יאָרהונדערט, די ציפער פון הונדערט טויזנט איינוווינער.

איינע פון די סאַמע גרעסטע דערגרייכונגען פון דימונה איז זיכער די פולע סקאָלאַריזאַציע פון איר יונגן דור. נישט פאַראַן קיין יוגנטלעכער אין שטאָט ער זאָל נישט פאַרענדיקן זיין קלאַסישע אָדער פּראָפעסיאָנאַלע בילדונג. דימונה פאַרמאָגט אפילו, היינט צו טאָג, פיר הונדערט סטודענטן אויף די הויכשולן אין ישראל. פונעם ערשטן מאָמענט אָן איז די דערציונג פון אירע קינדער די ערשטע שטאָטישע זאָרג. זי האָט פאַנאַנדערגעבויט אַ ברייט פאַרצווייגטן דערציונגס סיסטעם, אינספּירירט דורך פאָרגעשריטענע מעטאָדן. מיט אירע פּעדאַגאָגישע מעטאָדן האָט זיך דימונה קונה־שם געווען אין גאַנץ ישראל און געוויסע פון זיי האָט דער בילדונגס מיניסטעריום איינגעפירט אין אַלע שולן פון לאַנד. די שטאָט זאָרגט אויך פאַר דער קינסטלערישער דערציונג פון אירע קינדער. ווי שוין דערמאָנט, איז פאַראַן אין דימונה אַ קאָנסערוואַטאָריע מיט זעקס הונדערט שילער! מיט דער שולע פירט אָן, זינט עטלעכע יאָר, דער וווּנדערבאַרער מוזיקער אַנדרעי שעקעלי. דאָס האָט ער דעם אנשטאַלט פאַנאַנדערגעבויט אין דער לענג און אין דער ברייט.

שעקעלי איז געווען אַ באַקאַנטער מוזיקער אין אונגאַרן, פאַרזאָרגט מיט אַן אָנשטענדיקע קאַריערע פון אַ דיריגענט. אַזוי ווי אים האָט אָבער געצויגן קיין ישראל, האָט ער מוחל געווען די אונגאַרישע גליקן און זיך אַוועקגעלאָזט אויף וועגן און אומוועגן און, מיט איבער צען יאָר צוריק איז ער ווי אַן עולה געקומען מיט דער משפּחה קיין תל־אביב. דאָ האָט מען אויף אים גלייך געוואָרפן אַן אויג. זיין לייטונג מיט דער „סטאַבאַט מאַטער" פון פּערגאָלעזע, אויסגעפירט אין אַ קירכע, האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון קענער און פאַכלייט. בלויז די פרומע איז דאָס נישט געווען צום האַרצן. און הגם שעקעלי האָט לייכט געקאָנט געפינען פּרנסה אין איינעם פון די גרויסע ישראלדיקע צענטערן, איז ער דווקא אַוועק אין דער דימונה קאָנסערוואַטאָריע — צום ערשט ווי אַ קלאַוויר פּראָפעסאָר; אַ קורצע צייט שפּעטער האָט ער איבערגענומען די לייטונג פון דער שולע.

שעקעלי איז נישט בלויז אַ וווּנדערבאַרער מוזיקער, ער איז אויך אַ זעלטענער אָרגאַניזאַטאָר. צו דער שול־אַרבעט האָט ער דערנענטערט אַ גאַנצע רייע פּראָפעסאָרן פון דער שכנותדיקער באר שבע קאָנסערוואַטאָריע, ערשט־קלאַסיקע מוזיקער, עולים פון רוסלאַנד. אין דער שולע פאַרנעמט מען זיך מיט פאַרשידענע געביטן פון מוזיק און טאַנץ.

ווי שעקעלי האָט מיר דערציילט, זענען 90 פּראָצענט שילער פון ספרדישער אָפּשטאַמונג. אין דימונה איז מוזיק בילדונג נישט קיין פּריווילעגיע פון יחסנים. אדרבא, ווער ס'וויל זאָל קומען זיך לערנען

— און מען קומט טאַקע, איצט, דאַרפט איר וויסן, איז שעקעלי אַן איינגעשפּאַרטער ייד — סכנות נפשות. אַן אמתער חלוץ! דער דאָזיקער ייד האָט זיך איינגעעקשנט נישט אַנדערש נאָר ער מוז איינפירן אַ הויך מוזיקאַליש לעבן אין דימונה. ער וויל זיך נישט באַגנוגענען מיטן אויפזוכן טאַלאַנטן צווישן די שטאָטישע קינדער; פאַר אים איז ווייניק דאָס דערציען אַ יוגנט, וואָס זאָל פעאיק זיין אויפצונעמען מוזיק אין דעם פיינסטן אויסדרוק. בלויזע פּעדאַגאָגיק איז פאַר שעקעלי ווייניק. ער האָט זיך אַ נעם געטאָן אויך צו די דערוואַקסענע. ער האָט באַשלאָסן זיי אַריינצוברענגען אין דער וועלט פון מוזיק. צו דעם צוועק האָט ער געשאַפן, מיט די כוחות פון קאָנסערוואַטאָריע פּראָפעסאָרן, אַ קאַמעראַלן שטרייך אָרקעסטער. ווי אַן אויסגעצייכנטער דיריגענט, האָט שעקעלי דעם דאָזיקן אַנסאַמבל פון פּופּצן מוזיקער שנעל דערהויבן צו אַ פיינער מדרגה פון אָרקעסטראַלע צונויפגיסונג און קלאַנגפולקייט. מיט דעם געשאַפענעם אינסטרומענט אָרגאַניזירט שעקעלי קאָנצערטן פון מוזיק פון פאַרשידענע סטילן און עפּאָכעס — קאָנצערטן פון אַ קאַמעראַלן כאַראַקטער. אַזוי ווי די פּראָגראַמען זענען פון אַ הויכן ניוואָ און זיי פאַרלאַנגען דאָך אַ געוויסע מוזיקאַלישע געוווינהייט, איז זיך שעקעלי נוהג, פאַר יעדן אויסגעפירטן ווערק דערלאַנגט ער אַ קורצן אַריינפיר, דער עולם זאָל לייכטער באַנעמען דאָס געהערטע.

אײנעם אַזאַ קאָנצערט האָב איך בייגעוווינט. דער פּראָגראַם, אַדרבא, שאַצט אַליין: באַך, מאָצאַרט, קאָרעלי, גריג און אפילו באַרטאָק. דערביי האָב איך דאָרט געהערט אַ בחורל פון צוועלף יאָר, וואָס האָט געשפּילט אַ פידל קאָנצערט פון באַך — איז דאָס געווען אַן איבערלעבעניש. ארז עופר, הייסט דער קליינער. געדענקט גוט דעם נאָמען, ווייל אין אַ פּאָר יאָר אַרום וועט מיט אים קלינגען די וועלט! דאָס יינגעלע איז אַ קינד פון חולון, אַ שילער פון אַ פרוי, איינע פון די בעסטע פּעדאַגאָגן אין לאַנד. פונעם זעלבן חדר איז שוין אַרויס דער גרויסער פידלער — פּינחס צוקערמאַן.

איז ווען כ'בין געזעסן אינעם באַשיידענעם זאַל פון בית־העם אין דימונה און ווען כ'האָב זיך צוגעהערט צום קאָנצערט, וואָס איז געווען עפּעס אַזוי אינטים, מסתמה צוליבן דירעקטן קאָנטאַקט צווישן דיריגענט און עולם; ווען איך האָב זיך דערמאָנט ווו איך בין אין דער וועלט, אַז אין דרויסן, מיט דער האַנט צו דערלאַנגען — אַ באַרגיקער, וויסטער מדבר; איז בשעת ה'אָב אין מיר איינגעזאַפּט די קלאַנגען פון באַך, מאָצאַרט און אַנדערע שעפער, איז אין מיר אויפגעגאַנגען אַ שטאָלץ געפיל, אַ מין געזאַנג פון — מה טובו אוהליך יעקב. ווייל איז צו די געצעלטן ווו דער חלוצישער אימפּעראַטיוו פון לטובת הכלל דאָמינירט דעם עגאָאיסטישן פּרימאַט פון דער קעשענע.

אין דימונה איז אויך טעטיק, זייט זיבן־אַכט יאָר, אַ קונסט־מוזיי, געשאַפן אַ דאַנק מתנות פון בעלגישע, פראַנצויזישע און האָלענדישע יידן און נישט־יידן. דער דאָזיקער באַשיידענער געבוי, אָנגעפירט דורכן רירעוודיקן לעאָן רואש, אַ קינד פון צפון אַפריקע, נייטיקט זיך שטאַרק אין דער ברייטהאַרציקייט פון יידן אין דער וועלט. רואש איז אַ יונגערמאַן מיט אַמביציעס. קודם כל וויל ער אַנטוויקלען אַן עטנאָלאָגישע אָפּטיילונג בשייכות צום מאַראָקאַנער יידנטום, וואָס איז דער רוב פון קיבוץ גלויות אין דימונה. חוץ מזה, אויפן סמך פון די אויסגראָבונגען פון דער אַלטערטימלעכער שטאָט קורנוב־ממפיס, ווו ס'זענען אַנטדעקט געוואָרן שפורן פון נאַבאַטיקאישער, רוימישער און ביזאַנטישער ציוויליזאַציעס, דאַרונטער צוויי קליינע קירכעס מיט וווּנדערבאַרע מאָזאַאיקעס פונעם בראשית פון קריסטנטום — האָט רואש אַ געדאַנק צו אַנטוויקלען אַן אַרכעאָלאָגישן אָפּטיילונג ביים מוזיי אין דימונה.

דרך־אגב, וועלן די אויסגראָבונגען גאַנץ בקרוב ווערן אַ פרישער קוואַל פון פּרנסה. די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער שטאָט וויל בויען דער ראש העיר פון דימונה, דער ח"כ פון דער מערך פּראַק־

ציע, זשאַק אמיר, אויף צוויי יסודות — עלעקטראָנישע אינדוסטריע און טוריזם. בנוגע טוריזם, האָט ער מיך באַקענט מיט אַ גאָר געוואַגטן פּלאַן. דער גאַנץ גרויסער שטח פון דער אויסגעגראָבענער שטאָט וועט באַלעבט ווערן. ער וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גרויסן צענטער פאַר פאָלקס־טוריזם, אָפּרו און פאַרברענגען. אַזוי ווי מען האָט דאָרט געפונען וואַסער, וועט אַרום די אַרכעאָלאָגישע רעשטן אויפגעשטעלט ווערן אַ ריזן גאָרטן מיט אַ קינסטלעכע אָזיערע און אין צענטער וועט אויסגעבויט ווערן אַ גאַנץ גרויסער האָטעל, אַ צוגעגנגלעכער פאַר דורכשניטלעכן טאַש. דער גרינער שטח וועט אַרומגעזוימט ווערן מיט אַ שניר פון משפחה הייזלעך. לויט דער מיינונג פון אַרכעאָלאָגן איז נאָך פאַראַן אויסצוגראָבן אין קורנוב־ממפיס אַן אַמפיטעאַטער. דאָס וועט דערמעגלעכן איינצואָרדענען פאַרשידענע קינסטלערישע אימפּרעזעס; און פאַרוואָס נישט טאַקע אַ באַזונדערן פעסטיוואַל, וואָס זאָל צוציען אַ גרויסן אויסלענדישן עולם?

מיט אַ באַרעכטיקטן שטאָלץ האָט מיר דער ראש העיר פאָרגעשטעלט די מאַקעטע פון גראַנדיעזן פּלאַן, וואָס וועט אויפסניי באַלעבן די שטאָט און ווערן אַ פרישער מקור פרנסה פאַר אַ סך פאַמיליעס. דער פּלאַן וועט נאָר פאַרלאַנגען געלט און אַ מאַסע ענערגיע. אָבער נישקשה, ווען זשאַק אַמיר זאָגט, מעגט איר דערויף שטעלן אַן אייזערנע בריק. במשך פון יאָרן, ווען ער איז נאָך געווען סגן ראש העיר און פאַראַנטוואָרטלעכער פאַרן קולטורעלן פאַנאַנדערבוי פון דער שטאָט, האָט ער באַוויזן אַז ער קען האַלטן וואָרט. דאָס האָט ער געזאָרגט, אַז דער קמח און תורה זאָלן אין דער שטאָט גיין באַנאַנד. ווי אַ חלוץ פון די פריע יוגנט־יאָרן איז ער געוווינט צום געדאַנק, אַז לא רק על הלחם אָדם יחיה. זיין געזעלשאַפטלעכע דערציאונג האָט ער באַקומען אין דער חלוצישער דרור אָרגאַניזאַציע אין מאַגאַדאַר, וואָס געפינט זיך אין מלכות מאָראָקאָ. צו 18 יאָר האָט ער עולה געווען קיין ישראל און גלייך אַריין אין אַ קיבוץביים כינרת. ווען אָנגעהויבן האָט זיך די עפּאָפּייע פון דימונה, איז ער געקומען העלפן בויען און, ווי די מערהייט פון דער דעמאָלטדיקער באַפעלקערונג האָט ער געאַרבעט ביים ים המלח. זשאַק אַמיר פאַרמאָגט אַ כוח צו באַאיינפלוסן מאַסן. און דערפאַר איז ער געוואָרן זייער שנעל דער פירנדער נערוו פון די ים המלח אַרבעטער. ווי אַ בעל השפּעה אויף מענטשן, האָבן אים די איינוווינער פון דימונה אַריינגעפירט אין דער עיריה, וווּ ער איז במשך פון לאַנגע יאָרן געווען דער סגן (פאַרטרעטער) ראש העיר. דער בעל־הבית איבער דער שטאָט איז ער — זייט די לעצטע מוניציפּאַלע וואַלן.

בשעת די אָפּגעלאָפענע 25 יאָר איז שוין אויסגעוואַקסן אין דימונה אַ נייער דור שטאָטישע עסקנים. צו די דאָזיקע יונגע געהערט דער איצטיקער סגן ראש העיר, אַ קינד פון די ערשטע 36 משפּחות — די פונדאַטאָרן פון דימונה.

ביי אַ מענטש איז 25 יאָר אַ לייטישער מהלך פון לעבן, אָבער וואָס איז דאָס פאַר דער געשיכטע פון אַ שטאָט? אַ קינדערטריטל! און דאָך איז שוין דימונה אַרויס פון אירע קינדער־וויקעלעך. זי שטייט פעסט אויף אירע יונגע פיס, גרייט צו פרישע דערגרייכונגען.

דימונה איז אַ גאָלדענער רינג אין דער לאַנגער קייט פון חלוצישע נצחונות איבער וויסטענישן, זומפּן און מדבריות. זי איז אַ בלום אינעם צעוואַקסענעם בליענדיקן גאָרטן פון ישראל, איריגירט דורכן שווייס פון יידישן אידעאַליזם.

אַבאָנירט און שטיצט

**חשבון**

די איינציקע יידישע צייטשריפט אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַחוץ ניו־יאָרק.
אַבאָנימענט: $5.00 אַ יאָר

משה שקליאַר

# אויפן ראַנד

די וויטערדיקע פאַרצייכענונגען זענען טאַקע נישט מער ווי פאַרצייכענונגען, ראַנד־באַמערקונגען, און פּרעטענדירן נישט צו זיין קיין רעצענזיעס אָדער אָפּשאַצונגען פון ביכער. אויף דעם אָרט ווילט זיך מיר בלויז טיילן מיט געוויסע געדאַנקען און איינדרוקן וואָס ווערן אָפּט מאָל פאַרצייכנט אויפן ראַנד פון אַ געלייענטן בוך.

* * * * *

באַקומען פון פּאַריז דאָס נייעסטע בוך פון ח. סלאָוועס: „סאָוועטישע יידישע מלוכהשקייט" און... דורכגעלייענט עס אין איין אָטעם. דער „איין אָטעם" איז, פאַרשטייט זיך, אַ ביסל איבערגעטריבן פאַר אַ בוך פון קנאַפּע 400 זייטן. אָבער אַ פאַקט איז, אַז ס'איז שווער געווען זיך אָפּרייסן דערפון. מיט אַזאַ פאַראינטערעסירונג האָט מען אין די יונגע יאָרן געלייענט די ווערק פון ראָמען ראָלאַן, אַנאַטאָל פראַנס, דאָסטאָיעווסקי, טאָלסטאָי, שלום אַש... און דאָס בוך פון ח. סלאָוועס איז דאָך נישט קיין ראָמאַן, ווי עס באַווייזט בולט זיין טיטל. עס איז גיכער אַ וויסנשאַפטלעך ווערק, אַ שטודיע וועגן אַ ביז גאָר טראַגיש קאַפּיטל און דער נייעסטער פּאָליטישער געשיכטע פון אונדזער פאָלק, אָבער בעסער געזאָגט, פון זיינעם אַ באַדייטנדיקן טייל — דעם סאָוועטישן יידנטום.

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז סאָוועטישע יידישע מלוכהשקייט מיינט — ביראָבידזשאַן. אָבער ווי עס ווייזט אָן דער מחבר אין זיין פאָרוואָרט צום בוך, „די געשיכטע פון ביראָבידזשאַן שטייגט ווייט אַריבער די גרענעצן פון ביראָבידזשאַן. זי איז דער קריסטאַל זוךפּונקט פון דער גאַנצער פּראָבלעמאַטיק פון סאָוועטישן יידנטום. במילא באַלאַנגט אָט די געשיכטע — נישט בלויז צו געשיכטע. זי איז אַקטועל, אין אירע פאַרשיידנסטע אויסקלאַנגען, ביז אויף היינטיקן טאָג."

פאַרנעמט זיך טאַקע ח. סלאָוועס נישט בלויז מיט ביראָבידזשאַן — איר אויפקום אַלס אידעע און ווירקלעכקייט און איר פאַטאַלן סוף — נאָר ער פירט אונדז אויך אַריין אין אַלע ווינקעלעך פונעם סאָוועטיש יידישן לעבן — עקאָנאָמישן, פּאָליטישן און קולטורעלן — פון באַלד נאָך דער רעוואָלוציע ביז כמעט היינטיקן טאָג. און מיר קאָנען פון דעם זייער פיל לערנען וועגן דעם מעכאַניזם וואָס באַוועגט די קאָמוניסטישע פּאָליטיק לגבי יידן סיי אין דער פאַרגאַנגענהייט, סיי אין דער קעגנוואַרט. ווי אַ רויטער פאָדעם גייט דאָ דורך די ליניע, וואָס איז אָנגעצייכנט געוואָרן דורך לענינען נאָך אין יאָר 1903 אין דער דיסקוסיע מיטן „בונד" — אַסימילאַציע. אָט די ליניע האָט געהאַט אין פאַרשיידענע צייטן פאַרשיידענע אָפּנייגן, אָפּהענגיק פון די טאַקטישע באַבאַדערפענישן פון דער פּאַרטיי. צייטנווייז האָבן די אָפּנייגן געפירט צו אַן אויפלעבונג פון יידישע נאַציאָנאַלע ווערטן, ביז דער פּראָקלאַמירונג פון ביראָבידזשאַן אַלס יידישע אויטאָנאָמע געגנט — אַן אַנדערש מאָל האָבן זיי געפירט צו זאָאָלאָגישן אַנטיסעמיטיזם ביז דעם טאָטאַלן מאָרד פון דער יידישער קולטור און אירע שעפער. די ליניע איז אָבער געווען איינע.

און דערפאַר איז, דאַכט זיך מיר, צווייפלהאַפט די באַהויפּטונג פון ח. סלאָוועס, אַז „איינצייטיק (האָבן) זיך אָנגעצייכנט בנוגע ביראָבידזשאַן צוויי פאַראַלעלע און סתירהדיקע „ליניעס": אַ „מלוכהשע ליניע", די קאַלינין־דאָקטרין, מיט איר היסטאָרישן אָפּטימיזם פון נאַציאָנאַלער מלוכהשקייט און נאַציאָנאַלער קולטור, און די „פּאַרטיי־ליניע", די ליניע פון סטאַליניזם, פון „קאַמף קעגן נאַציאָנאַליזם", מיט איר אַלץ מער דורכאויסיקער צענטראַליזירונג פון מלוכה־אַפּאַראַט און אַלץ מער אַכזריותדיקער נאַציאָנאַלער ניוועלירונג פון די נישט־רוסישע סאָוועטישע פעלקער. (זייט 200).

די צוויי ליניעס ווערן טאַקע גענומען דורכן מחבר אין גענדזן־פיסלעך, אָבער

סיי ווי באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז עס איז געווען און עס קאָן זיין אין סאָוועטן פאַרבאַנד אַ באַזונדערע מלוכהשע און אַ באַזונדערע פּאַרטייאישע ליניע. בעת אין דער אמתן זענען עס צוויי זייטן פון דער זעלבער מטבע.

זייער פיל אָרט ווידמעט ח. סלאָוועס דער ווירקונג פון דער יעווסעקציע און אירע רעשטן נאָך איר ליקווידאַציע אין 1930 אינעם יידישן לעבן פון סאָוועטן-פאַרבאַנד און איר באַציונג צום ענין ביראָבידזשאַן. ביז גאָר טרעפלעך איז זיין אָפּשאַצונג, אַז „אינעם יאָר 1921 זענען די רעשטן פון דער רוסלענדישער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג, אין זייער געשטאַלט פון יעווסעקיזם, אַריינגעטראָטן אין דער תקופה פון וועלט-רעוואָלוציע און—דאָרט שוין פאַרבליבן אויף אייביק. דער מחבר ברענגט אַרויס אַלע נעגאַטיווע זייטן פון דער יעווסעקציע און אויך געוויסע פּאָזיטיווע (אין הסכם מיטן היסטאָרישן אמת), אָבער ערשט אויף זייט 295 דערוויסן מיר זיך, אַז „דער כלל-נאָמען יעווסעקיזם איז אַ שטאַרק סכעמאַטישע פאַראיינפאַכונג פון אַ דערשיינונג, וואָס איז געווען היפּש קאָמפּלעקס. אינערהאַלב פונעם יעווסעקיזם האָבן עקזיסטירט ניואַנסן און אפילו ערנסטע חילוקי-דעות...” ביז דעם אָרט דערשיינט פאַר אונדז די יעווסעקציע ווי אַ מאָנאָליט.

די אויבן געבראַכטע באַמערקונג האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַ דערמאָנונג, וואָס איז אפשר דער וויכטיקסטער גורם פון אַט דער פאַרצייכענונג. געווען איז עס אין פּוילן, אין יאָר 1948. אויף דער אַזוי גערופענער „יידישער גאַס“ האָבן נאָך דעמאָלט געווירקט פאַרשיידענע פּאָליטישע פּאַרטייען, אָבער דאָס הויפּט-וואָרט אינעם צענטראַל קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן האָט געהערט צו דער פראַקציע פון פּ.פּ.ר. (קאָמוניסטן), וואָס איז געווען אַ מין סוראָגאַט פון דער סאָוועטישער יעווסעקציע. נישט לאַנג צוריק איז אויפן באַגענטן מזרח פּראָקלאַמירט געוואָרן דער אויפקום פון מדינת ישראל און די יונגע יידישע מדינה איז געשטאַנען אין ביטערן געראַנגל מיט אירע אַראַבישע שכנים. אין יענער צייט איז עס אין וואַרשע פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג, צי אַ קאָנפערענץ וועגן אינטערנאַציאָנאַליסטישער דערציונג פון דער יידישער יוגנט אין פאָלקס-פּוילן. און ער האָט געטאָן טון זאָגן נישט מער און נישט ווייניקער, נאָר אַז מען דאַרף דערציען די יידישע יוגנט אַזוי, אַז ווען עס וועט נייטיק זיין, זאָלן יידישע פליער אויף פּוילישע עראָפּלאַנען באָמבאַרדירן דאָס אימפּעריאַליסטישע ישראל. דאָס וועט זיין אמתע אינטערנאַציאָנאַליסטישע דערציונג...

אין דער זעלבער צייט מער-ווייניקער איז אויף אַ צווייטער פאַרזאַמלונג אַרויסגעטראָטן אַן אַנדער אָנפירנדיקער טוער פון די יידישע קאָמוניסטן און דערקלערט אַז די יידן אין פּוילן דאַרפן זיך פילן ווי דאָס הינטערלאַנד פונעם קעמפערישן ישראל און העלפן מיט אַלע מיטלען דער יונגער יידישער מדינה. איז עס אַוודאי אַ היפּשער מהלך פון איין שטעלונג ביז דער צווייטער. די ביידע שטעלונגען האָבן ביינאַנד געווירקט אין דער יידישער סביבה אין קאָמוניסטישן פּוילן און צום גליק האָט די אויבערהאַנט געהאַט די צווייטע. און נאָך אַמאָל צום גליק, האָט עס זיך נישט פאַרענדיקט מיט קיין טאָטאַלן מאָרד פון דער יידישער קולטור, נאָר בלויז... מיט זאָאָלאָגישן אַנטיסעמיטיזם אין דער פּויליש-קאָמוניסטישער אויפלאַגע.

ווי געזאָגט, איז עס אַ דערמאָנונג אויפן ראַנד, און אַזוי האָב איך זי טאַקע פאַרצייכנט.

* * * * *

יצחק לודענס בוך „פון חלום צו שלום“ וואָס איז דערשינען פאַריקס יאָר אין תל-אביב, האָט שוין געהאַט אַ היבשע צאָל רעצענזיעס אין דער יידישער פרעסע און איז שוין אפילו פּרעמירט געוואָרן. זעלטן ווען אַ ראָמאַן, דערציילונג אָדער אַ פּראָזע-בוך זאָל ביי אונדז אויפגענומען ווערן מיט אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט. וואָסזשע האָט געווירקט אויף דער פּאָפּולערקייט פון י. לודענס בוך, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ זאַמלונג פון אַרטיקלען און רעפּאָרטאַזשן וועגן דעם געראַנגל פון

ישראל־פּאָלק פאַר שלום, וועגן סאַדאַטס
שלום־איניציאַטיוו, די קעמפּ־דייוויד אונ־
טערהאַנדלונגען און די וויטערדיקע אַנט־
וויקלונגען אין שייכות מיט דעם לאַנג־
געגאַרטן חלום וועגן שלום? צי בלויז די
טעמאַטיק פון בוך? אַן שום ספק שפּילט
דאָ די טעמאַטיק אַ וויכטיקע ראָל. אָבער
נישט וויניקער וויכטיק איז אויך מן־
הסתם, איר רעאַליזירונג. יצחק לודענס
פּובליציסטיק צייכנט זיך אויס מיט איר
אַלזייטיקייט, דורכדרינגלעכקייט און טי־
פער אַנגאַזשירטקייט. עס איז ווי איר
וואָלט האָבן פאַר זיך אַ פיל דימענסיעדיק
בילד און די באַלייכטונג פאַלט אויף דעם
פון אַלע זייטן. זיין שפּראַך איז אַ רייכע
און זאַפטיקע, אָבער אַן פּליטערלעך. ער
פּרוווט אייך נישט איבעראַשן מיט זיין
ערודיציע, אָבער ווו בייטיק איז נוצט ער
אַ געשיכטלעכע דיגרעסיע, וואָס מאַכט
בולטער די הויפּט־ליניע, צו וועלכער ער
פירט אייך מיט פאַרשיידענע וועגן.

דאָס זעלבע איז שייך די רעפּאָרטאַזשן
פון קאַיר, ווו דער מחבר האָט געוויילט
אַ קורצע צייט צוזאַמען מיט אַ גרופּע
ישראל־זשורנאַליסטן אין דעצעמבער
1978. דאָ אָבער קומט נאָך צו די בילד־
לעכקייט, וואָס דערנענטערט דעם רע־
פּאָרטאַזש צו קינסטלעכער ליטעראַטור.
אָט איז בלויז איין פּראָבקע פון לודענס
אַ רעפּאָרטאַזש:

„די פּיראַמידן און די ספינקסן, וועל־
כע זענען צעשפּרייט לעגאויס דעם
נילוס, זענען שווייגנדיקע עדות פון
דעם אַלעם, וואָס דאָס עגיפּטישע פאָלק
האָט דורכגעמאַכט אין משך פון טויזנ־
טער יאָרן פון זיין געשיכטע. דער
מצרישער מענטש האָט זיך אויסגע־
לערנט פון די ספינקסן — צו שווייגן.
זיין פאַטאַליסטישער כאַראַקטער דער־
מוטיקט אים נישט זיך צו בונטעווען.
דער עגיפּטער צייכנט זיך אויס מיט
זיין כוח צו ליידן און מיט זיין גרויסן
געדולד, און ער נעמט אָן דעם גורל
מיט אַ פאַטאַליסטישער הכנעה, פאַר־
לאָזנדיק זיך אויף אַללאַ און אויף זיינע
געהילפן“...

(„דער שווייגנדיקער ספינקס“, זייט 38)

הכלל יצחק לודענס בוך „פון חלום צו
שלום“ האָט מיט רעכט אַרויסגערופן פאַר־
אינטערעסירונג און אָנערקענונג אין דער
יידישער קולטור־וועלט. מיין פּערזענלע־
כע פאַראינטערעסירונג האָט זיך, חוץ
אַלעם, קאָנצענטרירט אויף נאָך אַ זאַך.
און וועגן דעם געפינען מיר אַן אָנדייטונג
אינעם אַריינפיר־וואָרט פון מ. צאַנין:
„צווישן דער גרויסער צאָל יידישע ביכער
— שרייבט ער — וואָס דערשיינען אין
מדינת ישראל, איז אַ בוך פון פּובליציס־
טיסטישן זשאַנער אַן אוניקום“. און מען
דאַרף צוגעבן — נישט בלויז אין מדינת
ישראל — אין דער וועלט. לייענענדיק
די דאָזיקע שורות האָב איך זיך דערמאָנט
די דיסקוסיע, וואָס עס האָט אַרויסגערופן
אַ זאָג פונעם שרייבער אַברהם ליס אויף
דער וועלט־קאָנפערענץ פאַר יידיש אין
ירושלים און וואָס האָט זיך שפּעטער גע־
פונען אין זיין בוך „אין דער מחיצה פון
שאַפער“, דערשינען אין י. ל. פּרץ פאַר־
לאַג 1978: „ביכער האָבן מיר, אָבער
נישטא קיין ליטעראַטור“... ווייל איך נישט
און עס איז צו שפּעט צו נעמען אַ וואָרט
אין אָט דער דיסקוסיע. אָבער דאָס בוך
פון יצחק לודען, וואָס ווערט מיט רעכט
באַצייכנט דורך מ. צאַנין ווי אַ יידישער
יוניקום, באַווייזט, אַז עפּעס פעלט אין
דער היינטצייטיקער יידישער ליטעראַ־
טור זי זאָל זיין אַ גאַנצע. און דאָס נישט
בלויז ווערק פון פּובליציסטישן זשאַנער.

* * * * *

אַ ניי לידער־בוך פון בינם העלער איז
פאַר מיר שטענדיק אַ טיפע איבערלעבונג.
עפּעס פיל איך זיך היימיש אינעם ריטעם
פון זיין ניגון, אין דער פאַרנעפּלט־זוני־
קער אַטמאָספער פון זיין וואָרט, מיט וואָס
ער דערגרייכט אַזוי אָפט ביז דיכטערי־
שער שלימות, אָבער אים דאַכט זיך
אַלץ, אַז דאָס צוגעזאָגטע וואָרט האָט ער
נישט געפונען. אַזוי טאַקע האָט בינם
העלער אָנגערופן זיין ניי לידער־בוך:
„דאָס צוגעזאָגטע וואָרט“.

געפינען מיר דאָ אַ סך לידער וועגן
דיכטערס געראַנגל מיטן וואָרט, אָבער
אויך וועגן זיין געראַנגל מיט זיך אַליין
און דעם באַשעפער, וועלכן ער זעט אין

פאַרשיידענע געשטאַלטן; לידער וועגן אומפאַרמיידלעכן פאַרגאַנג און אייביקייט; לידער פון ליבשאַפט פון מענטש און נאַטור. ווי שטענדיק קערט זיך אום בינם העלער צום חורבן און געפינט נייע טענער פאַר דעם שוין כמעט אַלטן מאָטיוו אין אונדזער היינטצייטיקער דיכטונג.

פאַראַן אינעם בוך אַן אָפּטייל א״נ: „קוואַדראַטן״, ווו ס'זענען איינגעזאַמלט לידער, וועלכע איך וואָלט באַצייכנט ווי אַנטי־אורבאַניסטישע. אַמאָל איז אורבאַניזם גראָד געווען אַ נייעס אין דער יידישער דיכטונג אויף ביידע זייטן אָקעאַן, אָבער צייטן בייטן זיך... איבעריקנס פילט זיך נישט ביי העלערן דער ווילן צום אַנטלויפן פון שטאָט צו דער נאַטור, נאָר אַ מין פּראָטעסט קעגן דער אוניפאָרמירונג פונעם מענטשלעכן לעבן:

„אַ שטאָק אויף אַ שטאָק — מיט גע־
נויקייט די זעלביקע שטיבער,
די זעלביקע דירות, באַזעצט בלויז
פון אַנדערע שכנים.
און אַלץ וואָס מיר טוען—ווי מאַלפּעס
מיר חזרן איבער.
אפילו ביינאַכט, ווען מיר כראָפּען—
מיר כראָפּען אין איינעם.״
(„אַ שטאָק אויף אַ שטאָק״)

מיר וואָלט זיך זייער וועלן ציטירן פון בינם העלערס נייעם לידער־בוך, נישט כדי אַרויסצוברענגען אָדער באַקרעפטיקן אַ באַשטימטן געדאַנק, נאָר פּשוט כדי זיך טיילן מיט עמיצן מיט אַן איינמאָליקער איבערלעבונג. און ציטירן דאַרף מען גאַנצע לידער. וויל איך טאַקע פאַרענ־דיקן מיין קורצע פאַרצייכענונג וועגן „דאָס צוגעזאָגטע וואָרט״ מיט אַ ליד וואָס פאַרמאָגט אַלע חנען פון בינם העלערס פּאָעזיע:

„דער טאַטע זיצט ביים אָרעמטיש
און בענטשט אויף אַ כזית
און זיסער ווערט מיר יעדער קריש
פון ברויט ווען איך צעקיי עס.

די מאַמע ברענגט די הייסע גריץ,
איר קאָפּ שווימט אין דער פּאַרע,
נאָר אין דער וואַסערדיקער היץ
איך זע איר גוטע מראה.

די אַנגערייטע זופּ מען שלינגט
מיט שעפּטשענדיקע ליפּן,
נאָר ס'דאַכט זיך מיר, אַז עמעץ זינגט
אין מיטן פונעם כליפּען — — —

עס טרעפט נאָך איצט, אַז איך פאַרזאַם
אין יענעם אינדערוואָכן:
איך הער אַ כליפּע טאָן אַ גראַם —
דער ריטעם ווערט געבראָכן.
(„געיירשנט״)

וועגן אַלע רעדאַקציע ענינים פון „חשבון״
זיך ווענדן צו:

SOL SCHLOSSER

1108 South Clark Drive Los Angeles, Calif. 90035

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# יידישער נאַציאָנאַל פאָנד
# אַניואיטי פאָנד

## איר קענט האָבן

## אַן איינקונפט אין משך פון אייער לעבן
### מיט אַ צוגאָב פון אַ בונד מיט ישראל

עס איז אייער אינטערעס זיך באַלד איינצושאַפן
אַ לעבנסלענגלעכע נאַציאָנאַל-פאָנד אַניואיטי-הכנסה
און העלפן זיך אַליין דורך העלפן מדינת ישראל!

שניידט אָפּ דעם קופאָן און שיקט עם דורך פאָסט
פאַר ווייטערדיקער אינפאָרמאַציע:

אברהם שפיגעל, קאונסיל פרעזידענט • טעלעפאָן: 655-8100

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

**MR. FRED KAHAN, Execuctive Vice-Pres.**

# JEWISH NATIONAL FUND

**Western Region, Jewish National Fund**

6420 Wilshire Blvd. • Los Angeles, Calif. 90048

*Yes, I am interested in helping the Land of Israel while obtaining an income for life. Please send me more information about the Jewish National Fund Annuity Trust.*

Name..............................................................................................

Address..................................................................................................

City................................................................Zip Code...............................

# שרייבערס און ביכער

**שמואל איזבאַן** / ניו־יאָרק

## י. ח. בילעצקיס נייע לידער

„שורות זעכצן" / לידער פון אַ צווייטן גילגול
פאַרלאַג „ניי לעבן", תל אביב, 1980

„שורות זעכצן", די נייע זאַמלונג שירים פון י. ח. בילעצקי, דאַרף לויט דעם דיכטערס אייגענעם פירוש, זיין אַ קאָלעקציע פון אַ צווייטן גילגול. אין דער אמתן איז דאָס פאַר אים אַ שעת הכושר צו ווייזן זיין בריהשקייט ביים ברענגען אַ ניי פאָרם פון מחשבהדיקע לידער און לאָזן אין אַ גאַלאָפירנדיקן געלויף זיינע פרייע געדאַנקען, זיינע ספּאָנטאַנע איינפאַלן און אומעטיקע אויספירן וועגן דער מיסטעריע פון באַשאַף, וואָס מיר רופן: לעבן.

„שורות זעכצן" איז אין אַ באַשטימטן זין אַ מאַניפעסטאַציע פון אַ פרישן נוסח אין דעם פערזן־צוזאַמענשטעל. דער כינוס פון די לידער אויף 151 זייטן פון אָריגינעלע קאָנפעסיעס, אפּיקורסישע מעדיטאַציעס פון דעם סאָרט, וואָס די אַמאָליקע געלאַסענע עפּיקורעער האָבן פּראַקטיצירט.

די פּאָעטישע אָבסערוואַציעס זענען אויסגעשטעלט לויט אַ פּאָרויס באַשטימטער פּראָגראַם: שפּריצלעך געדאַנקען, קאָנדענסירטע זאָגעכצער, בליציקע אַריינטייטשונגען אין די פאַרהוילענישן וואָס קענען — נאָך אַלע אָנשטרענגונגען פון דורות פּאָעטן — נישט אויפגעקלערט ווערן.

און כדי צו באַרעכטיקן זיין נישט קאָנווענציאָנעלן צוגאַנג צום ענין פּאָעזיע און אָנווייזן אויף די ווידעראַנאַנדן און קאָנטראַסטן וואָס אַ ליד מעג אַנטהאַלטן, זאָגט אונדז דער דיכטער אין אַזעלכע פּראָזאַאישער ווערטער:

אַ ליד איז נישט קיין ים — אַ שטורעמדיקער אומרו.
אַ ליד איז מילדע, וויכע, אומעטיקע כוואַליעס,
אַ ליד איז נישט אַ היכל פון בריליאַנטענע עשירות,
אַ ליד איז חכמה, וווּנדער פון אצילותדיקן דלות.

און ווייטער:

אַ ליד איז נישט קיין טויב — ווייס און ריין,
אַ ליד איז נישט קיין בעז־צווייג אין פרילינג,
אַ ליד איז אויך אַ בייזער וואָלף אין נאָרע,
אַ ליד איז וואָרצל, גוף און קאָרע.

מיר איז שוין אויסגעקומען ביי פריערדיקע געלעגנהייטן אָנצוווייזן, אַז בילעצקי פאַרמאָגט אַן אייגענעם אייגנאַרטיקן שרייב־מאַניר סיי אין זיין דיכטונג, סיי אין זיין עסייאיסטיק און זיין באַגער צו זיין וואָס מער אָריגינעל ביים פורעמען די פערזן איז אויך שטאַרק קענטיק אויף יעדן בלאַט פון זיין איצטיקן בוך.

אין איינער פון זיינע זעכצענער שורות זאָגט י. ח. בילעצקי: ווען איך וואָלט וויסן, אַז שטערן, וואָלקנס, דונערן / לייענען אַלץ וואָס כ'האָב געשריבן, וואָלט איך אויף די וועגן פון מיין דיכטן אַנדערע ווערטער אויסגעקליבן. /

דער דאָזיקער פערז וואָלט געקענט זיין אַן אַריינפיר צו אַלץ וואָס בילעצקי האָט זיך פאַרמאָסטן צו געבן אין דער איצטיקער זאַמלונג. אים גייט נישט אין פּאָעטישער מוזיק, אין דער מעלאָדיע פון וואָרט. שוין אין זיינע פריערדיקע לידער־

ביכער האָט בילעצקי געמאַכט אַ ויברח פון אָנגענומענע נוסחאות און טראַדיציעס וואָס זענען אָפּגעהיטן געוואָרן דורך זײַנע פּאָעטן־פּאָרגייער, וואָס זיי באַוווּנדערט ער דווקא און זייערע שורות ציטירט ער מיט אייפער אין זײַנע אייגענע לידער. ווי זאָגט דער דיכטער: „לייוויק און ברענער — מיט זיי צום פייערדיקן עיגול אַוועק, / געלעקט די וווּנדן, ווי דער מהר״ל דעם גולם ווערטער געקנאָטן.״

לייוויק און ברענער זענען ביי אים שיער נישט אַ הייליקער צווילינג. זיי זענען די מדריכים און וועגווייזער פאַר אַ דור פאַרבלאָנדזשעטע סקעפּטיקער. זייערע קולות זענען אָנגעלאָדן מיט פייער ווייל אין זײַן יוגנט — זאָגט בילעצקי — האָט ער דערפילט ווי „זיי זענען אַריין ווי אַ פלאַם אין אַ צעשניטענעם טרוקענעם וואַלד.״

ביים אָפּשאַצן י. ח. בילעצקין דאַרף מען אים פאָרשטעלן אין זײַן גאַנצן פאַרנעם און פאַרשיידנאַרטיקייט: אין אַלע זײַנע זשאַנערן און שרײַב־פאָרמען, אין זײַנע עסייען, גרינטלעכע אָפּהאַנדלונגען און מאָנאָגראַפיעס פון זײַנע רעפּרעזענטאַטיווע דיכטער, לדוגמא: לייוויק, ביאַליק, מאַנגער, סוצקעווער.

אַ קריטיקער אַ פּעדאַנט קען אַרויסשטעלן טענות צום דיכטער, אַז אין דעם לידער־אָפּקלייב פעלט זיבגעוודיקייט, אַ קאַפּעטשקע ענטוזיאַזם און אַז די שורות־זעכצענער זענען על פי רוב גערעדטע לידער, אַפאָריסטישע אײַנפאַלן, עפּיגראַמען, וואָס דריקן אויס דעם וועלט־באַנעם פון אַ צווייפלער צי „אַ גלויביקן כופר״ ווי בילעצקי האָט אַמאָל זיך אַליין באַצייכנט אין אַ ליד. אָבער מען מוז אָנערקענען די ראַפינירטקייט, פּקחות און איינפאַלערישקייט, אין זײַנע פרייע פערזן וואָס פּרעטענדירן זיכער נישט אויף חדווהדיקער שירה. נאָר זיי נעמען זיך איבער מיט דער סטאָאישער ניכטערקייט אַרום אַ וועלט, וואָס שווימט אין אַ תוהו ובוהו.

ס'איז אַ ווייטער מהלך פון בילעצקיס באַגייסטערטן געזאַנג: „ביים קוואַל פון קאָצק״ ביז צו דעם איצטיקן לידער־געפלעכט, וואָס זאָגט אַזעלכע אומעטיקע דיבורים: „דאָס שייכות צווישן מיר און לעבן איז ספקדיקע שייכות/קוק זיך איין אין דער שקיעה און דו ווּעסט עס פאַרשטיין.״

בילעצקי פאַררופט זיך צו אָפט אויף זײַנע פאַרהייליקטע געשטאַלטן, אַז אים אַליין דוכט זיך, אַז זיי בעטן אים ער זאָל זיי לאָזן צורו און אויך לאָזן צורו דאָס, וואָס זיי האָבן געשאַפן כדי זיי זאָלן קענען רוען אין זייער שווייגנדיקער אייביקייט. אָט איז אַ מוסטער פון אַ ניכטערן פערז: „דער פּראַגער גולם איז געקומען הייַנט צו מיר און געזאָגט מיר קלאָר און שטרענג: / איך בין געקומען מאָנען דו זאָלסט מיר לאָזן ליגן רואיק דאָ צווישן שמות / און מײַן נאָמען אין דײַנע ביכער נישט דערמאָנען.״

אָבער דער פּאָעט קען זיך נישט באַפרייען פון דעם דראַנג צו דערמאָנען זײַנע אויסדערוויילטע, וועלכע ער רעספּעקטירט, צי דאָס זענען דיכטער, שייכגייסטער אָדער פילאָסאָפן. ביי אים שטייען זיי אַלע אויף פּעדעסטאַלן. ער קען באַזינגען די דערהייבנקייט פון בענעדיקטוס דע שפּינאָזאַ און דערביי דערציילן אַ גראָטעסק־מעשהלע ווי אַזוי מ'האָט געמוזט אויספאַרקויפן זײַנע שטוב־כלים, זײַנע אינסטרומענטן צו שלייפן בריליאַנטן און דאָס ביסל אָרעמע באַלעבאַטישקייט — צו דעקן די הוצאות פון זײַן לוויה.

י. ח. בילעצקי שליסט אויך איין אין זײַנע געדאַנקלעכע לירער העראַקליטן, געטען, קאַפקאַן, און זיי פּאַראַדירן אין די פערזן ווי אינטעלעקטועלע קאָסמאָפּאָליטן, וואָס מען האָט איבערגעוועקט פון דעם אייביקן שלאָף כדי זיי זאָלן אַרומשוועבן אין דעם וועלטאַל נישט ווי פידלעכע מלאכים, נאָר ווי שטרענגע פּעדאַנטן און אייפערדיקע מאָנערס, וועלכע ווילן אויך פון יענער זייט לעבן מתקן זײַן די וועלט.

די סימעטריש־אויסגעשטעלטע פערזן האָבן כלערליי וואַריאַנטן און וואָרט־קאָמבינאַציעס, אָבער איבער דער גאַנצער זאַמלונג גייט דורך דער חוט השני, וואָס ברענגט אַרויס די יחידישקייט, די אינדיווידועלע טענער פון דעם פּאָעט.

ס. נאָטקעוויטש

# „דאָס יידישע געמיט״

(פּסיכאָלאָגישע עסייען פון ד״ר יצחק קאַנטער)

דאָס נאָר וואָס דערשינענע בוך פון ד״ר יצחק קאַנטער, איז אַ צונויפנעם פון ליטעראַרישע און פּסיכאָלאָגישע אַרבעטן פאַר די לעצטע 40 יאָר. דער מחבר איז אַ געבוירענער אין דער באַרימטער שטאָט פון בעל־שם־טוב, קאָלאָמיי, אין מזרח גאַליציע. דאָרטן האָט ער איינגעזאַפּט אין זיך נישט נאָר די שיינקייטן פון די אַרומיקע קאַרפּאַטן־בערג און דעם באַגינען פון חסידיזם, נאָר אויך די גליביקייט פון יידישע דורות וואָס האָבן אנטייל גענומען און איבערגעלעבט די טאַטאַרן איבערפאַלן, די כמעלניצקי מלחמות און פּאָגראָמען, די ערשטע און צווייטע וועלט מלחמות ביז דער אָקופּאַציע פון די סאָוועטן און שפּעטער די פּאָגראָמען פון היטלערן.

יידישער געמיט איז אייגנטלעך אַן אַלטע יידישע טעמע, וואָס נאָך אין תלמוד האָט מען וועגן איר געשריבן. יידישער געמיט איז פאַר ד״ר יצחק קאַנטער אַ נאָענטער קעגנשטאַנד, ווייל דער פאַקט, אַז ער האָט אַלס מעדיצין דאָקטאָר דווקא אויסגעקליבן פּסיכיאַטריע, איז דער בעסטער באַווייז, אַז ער האָט געהאַט אַ גרויסן אינטערעס זיך צו דערגרונטעווען אין די סאַמע פאַרבאָרגנסטע טיפענישן פון דער יידישער נשמה.

די מעדיצינישע קענטענישן האָבן אים דערצו געוואַלדיק צוגעהאָלפן און דאָס בוך וועגן יידישן געמיט איז אַ גרויסער צושטייער אויף דעם געביט.

אין בוך גייען אויך אַריין ליטעראַרישע עסייען וואָס דער מחבר האָט פאַרעפנטלעכט פאַר מער ווי 40 יאָר אין פאַרשיידענע יידישע זשורנאַלן אין אייראָפּע. דער מחבר וועלכער אַרבעט אַלס פּסיכיאַטער אין דעם קאָני־איילענד שפּיטאָל, האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען אין דער „צוקונפט״ און אַנדערע יידישע אויסגאַבן אין די אַמעריקעס.

באַלד נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, נאָך דעם ווי עס האָט זיך אַנטפּלעקט די גרויזאַמקייט פון יידישן אומקום, האָט זיך ד״ר קאַנטער פאַרטיפט וועגן יידישן כאַראַקטער. ווי אַזוי האָט דער יידישער כאַראַקטער רעאַגירט אין די שווערע גורלדיקע טעג פון חורבן?

אין זיין אַנאַליז באַהאַנדלט ער די פראַגע וועגן יידישן אָפּטימיזם און געפיל פון מענטשלעכקייט: „אונדזער זוניקער טעמפּעראַמענט, פילפאַרביקייט, עלאַס־

---

אויב בילעצקי האַלט אַז דאָס שרייבן לידער איז אַ שליחות, זאָגט ער דאָס אַרויס אין אַזעלכע שורות: „מיין ליד דערציילט אַלץ, פון מיין טאָג און מיין נאַכט / פון מיין ברויט און מיין זאַלץ / פון מיין חלום און תפילה, מיין וואָלקן און רעגן.״

— — — — — — — — — — — — —

„נישטאָ קיין מחיצות, צעוואָרפן דער צוים / פאַרקנסט צו מיין ליד איז מיין שכל און טרוים.״

„שורות זעכצן״ איז אַ רעפּרעזענטאַטיווע אויסגאַבע און אַ המשך פון בילעצקיס פריערדיקע ציקלען אינטעלעקטועלע אָדער מחשבהדיקע שירים. פון דעם רוב לידער רעדט אַרויס אַ קילע מיושבדיקייט, געשריבן צימצומדיק און געמאָסטן. דאָס זענען ניכטערע אָבסערוואַציעס פון אַ בהלהדיקע וועלט, געשילדערט מיט אַ סך אָריגינאַליטעט.

בילעצקי קען די ווירקונג פון דעם ליטערן וואָרט און די קלינגעוודיקייט פון דעם עפּיגראַמישן זאַץ. אויך אין זיינע לידער פון בטחון און פון ספקות איז פאַראַן אַ סאָרט קוהלתדיקע ראַפינירטקייט, וואָס העלפט אַרויסברענגען קלאָרער די פיזיאָנאָמיע פון דעם פּאָעט. די זאַמלונג איז אַ וויטערדיקער און העכערער שטאַפּל אויף זיין פּאָעטישן לייטער.

טישקייט, צופּאַסונגס־פֿעאיקייט, האַרציקייט, אוממיטלבאַרקייט, די פֿעאיקייט זיך אַריינלעבן אין יענעמס לאַגע, רחמנות געפֿיל, דער יידישער מענטש קען נישט פֿאַרגיסן קיין בלוט...״

די אויבנדערמאָנטע כאַראַקטער־שטריכן האָבן באַווירקט אונדזער גורל צום ערגערן, ווייל „נישט זייענדיק אַליין פֿעאיק צו מאָרדן, זיינען מיר נישט חושד געווען אַנדערע פֿעלקער, אַז זיי זאָלן קאָנען אונדז מאָרדן פֿאַר גאָרנישט אין דער וועלט. די בלוטיקע בעסטיע האָט שוין אָנגעהויבן פֿאַרווירקלעכן אירע מאָרד פּלענער, און מיר האָבן נאָך אַלץ נישט געגלויבט.״

„בשעת די שחיטה איז שוין געווען אין פֿולן גאַנג, האָבן מיר נאָך אַלץ נישט אויפֿגעהערט צוצושרייבן אָט דער בעסטיע מענטשלעכע אייגנשאַפֿטן״...

ד״ר קאַנטער דריקט אויס זיין צאָרן קעגן די יידישע פּאָליטישע פּאַרטייען און אויך וויסנשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס פֿאַר נישט שטיין אויף דער געהעריקער הויך און וואָרענען די יידן פֿאַר דער געפֿאַר אין דער פּאַסיקער צייט.

אַן אַנדערן פּסיכאָלאָגישן אויסבליק האָט ד״ר קאַנטער אין זיין אָפּשאַצונג פֿון געטאָ אויפֿשטאַנד אין וואַרשע: „דער אויפֿשטאַנד פֿון וואַרשעווער געטאָ האָט אַנטפּלעקט אייגנשאַפֿטן וועלכע מיר האָבן אַמאָל פֿאַרמאָגט, אָבער אין לויף פֿון יאָרהונדערטער זיינען זיי געווען אין אַ טיפֿן שלאָף.״

ד״ר קאַנטער רופֿט צו וואַכזאַמקייט און רעוויזיע פֿון אַ סך פֿון אונדזערע אָפּטימיסטישע אָנשויאונגען. אויך מיינט ער, אַז ציוניזם וועט שאַפֿן דעם נייעם טיפּ ייד, וואָס וועט זיך מער ניט לאָזן גענאַרן פֿון דער וועלט.

מיר דאַכט, אַז ד״ר יצחק קאַנטער האָט צו פּשוט געמאַכט דעם ענין פֿון צוטרוי אָדער אומצוטרוי צו דער וועלט. זיכער גיט ער נישט קיין פּסיכאָלאָגישע לייזונג פֿאַר דעם יידישן פֿאָלקס־כאַראַקטער, וואָס איז אַ רעזולטאַט פֿון היסטאָרישע אַנטוויקלונגען פֿון דורות וואָס ווירקן אויפֿן קאָלעקטיוו און זיינען ביכולת צו ענדערן זיין כאַראַקטער.

* * * * *

גאַנץ אינטערעסאַנט וועלן פֿאַר דעם לייענער זיין די עסייען וואָס באַשרייבן און באַהאַנדלען פֿאַרשיידענע פּסיכאָלאָגישע טעאָריעס וועגן דער ווירקונג פֿון דעם קערפּערבוי אויף דעם מענטשנס כאַראַקטער. דער מחבר ברענגט די טעאָריע פֿון פּראָפֿעסאָר ערנסט קרעטשמער, וואָס אונטערשיידט צוויי מינים: 1) דער פּיקניקער מיט זיין גרויסן קאָפּ און בויך, טיפֿן ברוסטקאַסטן און ברייטן געשטאַלט; 2) דער לעפּטאָסאָמיקער, מיט אַ שמאָלער געשטאַלט און שמאָלע גלידער. דער ערשטער וואָס זיין כאַראַקטער וויגט זיך צווישן פֿריילעכע און טרויעריקע שטימונגען, איז אַן אָפּטימיסט, לעבט זיך לייכט אַריין אין יענעמס פּסיכישן צושטאַנד. דער לעפּטאָסאָמיקער איז אייבער־עמפּפֿינדלעך טעמפּ, איז פֿאַרשלאָסן, טיילט זיך אָפּ פֿון דעם אַרום, געפֿינט שווער אַ קאָנטאַקט מיט מענטשן.

וועגן די טעאָריעס האָט אויך ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה געשריבן דער פּויליש־יידישער קרימינאָלאָג, פּראָפֿ. ט. אייטינגער (וואַרשע), וועלכער האָט אָנגעוויזן אויף זייער קנאַפּן וויסנשאַפֿטלעכן ווערט. ער האָט עס פֿאַרגליכן צו די לאָמבראָזאָ טעאָריעס וועגן דעם פֿיזישן אויסזען אין קערפּער־געבוי פֿון פֿאַרברעכער, וואָס ווערן שוין געבוירן מיט פֿאַרברעכערישע נייגונגען.

אינטערעסאַנט קלינגט דאָס קאַפּיטל וועגן „יידישע נערוועזישקייט״, וואָס איז געוואָרן אַ באַשטאַנדטייל פֿון יידישן געדאַנקען־גאַנג, ווי נאָר מען באַריכט פּסיכאָלאָגישע אייגנשאַפֿטן פֿון יידן. ד״ר קאַנטער גרענעצט זיך אָפּ פֿון דער אַלגעמיין „אָנערקענטער״ יידישער נערוועזישקייט. בסך־הכל קענען מיר נישט זאָגן, אַז יידן זיינען ווייניקער נערוועזיש ווי נישט־יידן, גיכער מער.״

ס'איז נאָר אַ פֿראַגע צי איז די „נערוועזישקייט״ טאַקע אַ יידישע פֿאָלקס־אייגנשאַפֿט? איך מיין, אַז ווען מען וואָלט געקענט פֿעסטשטעלן אַז אַ גרויסע מערהייט יידן אין דער וועלט באַזיצן טאַקע די נערוועזישקייט, וואָלט מען געמעגט זאָגן, אַז דאָס געהערט צו דעם יידישן „פֿאָלקס כאַראַקטער״.

ס'איז נאָך אויך אַ פראַגע ווי אַזוי, און וועלכע באַדינגונגען באַשטימען דעם געבורט און אַנטוויקלונג פון אַ פאָלקס־כאַראַקטער, און אויך וועגן וועלכע קעגנזעצלעכע געמיט־שטימונגען ווירקן אין דער פאַרקערטער ריכטונג.

זייער אינטערעסאַנט איז די עסיי וועגן „פידלער אויפן דאַך". לויט ד״ר יצחק קאַנטער, האָט דער פידלער ממש „אַנטדעקט" די יידישע נשמה פאַר דער וועלט און אויך פאַר זייער אַ סך יידן.

אין דער עסיי קומען צום אויסדרוק דעם מחברס טיפערע געדאַנקען וועגן שלום עליכמס כאַראַקטערן און זייערע האַנדלונגען, און ספּעציעל וועגן טוביה דעם מילכיקן, וועלכער איז געוואָרן אַ באַליבטע געשטאַלט אין דער יידישער ליטעראַטור, אין פּסיכאָלאָגיע און אין פילאָסאָפיע.

ד״ר קאַנטער באַריכטעט מיט גרויס דרך־ארץ י. י. טרונקס בוך וועגן „טוביה און מנחם מענדל אין יידישן וועלט גורל" און אַרגומענטירט אויף אַ לייכטן אופן וועגן טרונקס אַדלערישער באַלויכטונג וועגן דער „איבער־קאָמפּענסאַציע פון די מינדערווערטיקייטס געפילן ביי טוביהן.

* * * * *

דאָס בוך וואָס האָט 457 זייטן איז איינגעטיילט אין פיר אָפּטיילונגען; אין ערשטן קומען אַריין די אַלגעמיינע באַטראַכטונגען און אָפּהאַנדלונגען וועגן שלום עליכמען; יידישער כאַראַכטער, יידישע נערוועזקייט, יידישער פאָלקס כאַראַקטער און דער פידלער אויפן דאַך.

אין דער צווייטער אָפּטיילונג פאַרנעמט זיך ד״ר קאַנטער מיט „פאַלשע משיחים ביי יידן", און באַהאַנדלט די לעבנס פון שבתי צבי, קאַרל מאַרקס, לענין, סטאַלין און ענגעלס.

אין דער דריטער אָפּטיילונג קומט אַ גרינטלעכע פּסיכאָלאָגישע אָפּהאַנדלונג וועגן אַנטיסעמיטיזם און וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן אין די מוחות און געמיט פון די יידן אין די דייטשע „פאַבריקן פון טויט". אין דער אָפּטיילונג קומט אויך אַריין אַ געשיכטלעכער און פּסיכאָלאָגישער אַנאַליז וועגן דער מעגלעכקייט פון אַ „פּסיכישן ווידערשטאַנד" מצד די יידן.

די פערטע אָפּטיילונג איז אַ סך־הכל פון דעם מחברס שרייבערישע טעטיקייטן אויף די פאַרשיידענע ליטעראַרישע, פּסיכאָלאָגישע און פילאָסאָפישע טעמעס אויף וועלכע ער האָט געשריבן אין לויף פון די לעצטע פערציק יאָר.

אין יעדע פון די פיר אָפּטיילונגען איז דאָ אַ שלל מיט אינפאָרמאַציע מאַטעריאַל וואָס איז וויסנשאַפטלעך באַהאַנדלט מיט דער הילף פון פּסיכאָלאָגישע באַלייכטונגען.

עס וואָלט געווען אַ יושר צו שרייבן וועגן יעדער אָפּטיילונג באַזונדער. ספּעציעל צאַפּלדיק ניי און באַלערנדיק זיינען די עסייען וועגן קאַרל מאַרקס און וועגן זיין שטרעבן צו אַנטלויפן פון זיך אַליין אַלס ייד, וואָס זאָל, לויט דעם מחברס אויספיר, אים האָבן דערפירט צו אַנטיסעמיטיזם. פון די עטלעכע זייער געלונגענע עסייען באַקומט דער לייענער אַ באַגריף וועגן דעם מקור פון קאָמוניסטישן אַנטיסעמיטיזם אין רוסלאַנד און אין דער וועלט.

* * * * *

דאָס בוך פון ד״ר יצחק קאַנטער: „דאָס יידישע געמיט" (פּסיכאָלאָגישע עסייען) איז געשריבן אין אַ גוטער און פאַרשטענדלעכער שפּראַך און דער לייענער ווערט זייער גיך אַריינגעפירט אין אַ זייער אינטערעסאַנטער וועלט פון פּסיכאָלאָגישע פּראָבלעמען, וואָס האָבן אין דער יידישער וועלט ביז איצט נישט געהאַט קיין צו גרויסן (מיט ווייניקע אויסנאַמען) מזל.

דער שרייבער פון די שורות רעקאָמענדירט זייער שטאַרק דאָס בוך צו לייענען.

נ. ב. אין בוך איז נישט אָנגעגעבן ווו ס'איז געדרוקט און אַרויסגעגעבן געוואָרן, דער פּרייז, און ווו מען קען דאָס קויפן.

זלמן שלאָסער

# געראַנגל פאַרן יידישן קיום

(„סאָוועטישע יידישע מלוכהשקייט" פון חיים סלאָוועס, פּאַריז, 1979)

## I

דער געראַנגל פון די סאָוועטישע יידן פאַר זייער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ האַלט נאָך אַלץ געשפּאַנט דעם יידישן לייענער. עס וואַקסט די ליטעראַטור אַרום דעם מיט גוטע געשריבענע אינפאָרמאַטיווע ביכער. עס האָט ביז איצט געפעלט אַן אָביעקטיוו אַלץ־אַרומנעמענדיק ווערק, וואָס זאָל אין איין בוך אונדז געבן די געשיכטע און באַגלייבטע דעטאַלן פון דעם העראָיש־טראַגישן גערעאַנגל.

חיים סלאָוועס׳ „סאָוועטישע יידישע מלוכהשקייט", וואָס איז לעצטנס דערשינען אין פּאַריז, איז דאָס בוך וואָס האָט אונדז געפעלט. ס׳איז צייטיק, אינפאָרמאַטיוו און אינטערעסאַנט געשריבן. ס׳איז אַ קלאָרע שילדערונג און דאָקומענטאַלער אַנאַליז פון יידישן סאָציאַל־פּאָליטישן לעבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד זינט אָקטאָבער 1917, ווען די באָלשעוויקעס האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט. חיים סלאָוועס, אַ באַקאַנטער יידישער שרייבער און דראַמאַטורג, פאַרנעמט זיך דאָ נישט מיט בעלעטריסטיק. אויפן גרונט פון דאָקומענטן באַמיט ער זיך נאָכצופאָלגן די זיג־זאַגן פון דער סאָוועטישער אידעאָלאָגישע פּאָליטיק בנוגע יידן. ווי באַקאַנט האָט לענין נאָך אין 1903 צוגעגרייט די אידעאָלאָגיע און פּראָגראַם אין די דיסקוסיעס און דעבאַטעס מיטן „בונד". זיין פּראָגראַם פאַר די יידן איז געווען פּראָסט און פּשוט — אַסימילאַציע! לענין האָט געהאַלטן, אַזוי ווי אַנדערע טעאָרעטיקער פון סאָציאַליזם, אַז די יידן זיינען אַ פּליסיקע קאַסטע, וואָס אַסימילירט זיך מיט דער לאַנד־קולטור. קיין באַזונדערע יידישע נאַציאָנאַלע אינטערעסן, ווי למשל, אַ באַזונדערע פּאַרטיי־סטרוקטור און קולטור־אויטאָנאָמיע, דאָס טאָר ניט זיין.

די פאַלשקייט פון אַזאַ צוגאַנג און טעאָריע האָט מען געקענט זען, ווען נאָכן בירגער־קריג און די פּאָגראָמען, ווען דער מצב פון רוסישן יידנטום איז געוואָרן אַבסאָלוט אַנדערש ווי ביי די רוסן, אין גאַנצן קאַטאַסטראָפאַל, רואינירט. איבער אַ מיליאָן יידן זיינען געבליבן אויפן ראַנד פון הונגער און דערצו נאָך פאַרלאָרן זייער סאָציאַל־פּאָליטישע רעכט וואָס זיי האָבן נאָר וואָס דערוואָרבן. מיט איין מאָל זיינען זיי אַלע געוואָרן „געוועזענע מענטשן". זייערע פריערדיקע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס פון בעלי־מלאכות, קרעמערס, הענדלערס, כלי־קודש, זיינען בטל געוואָרן. אין אָט דער חרובער און הילפלאָזער געזעלשאַפט פון „געוועזענע מענטשן" האָט מען געוואָלט אריינפירן די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, איינפירן דעם קאָמוניזם. דאָס איז דאָך אָן ספק געווען אַ ספּעציפישע יידישע סיטואַציע, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון דער רעכטלאָזער יידישער לאַגע פון הונדערטער יאָרן. די יידן זיינען געווען די קרבנות פון דער אַלטער צאַרישער פּאָליטיק. דעריבער האָבן זיי זיך אַבסאָלוט גענויטיקט אין אַ באַזונדערער נאַציאָנאַל־עקאָנאָמישער פּאָליטיק. זיי האָבן געדאַרפט רעקוואַליפיצירט און רעקלאַסיפיצירט ווערן אַנדערש ווי די נישט־יידן. דער נייער לאָזונג: „שלום און ערד", איז געווען צוגעפּאַסט פאַר גוים אָבער נישט פאַר יידן. די יידן זיינען געבליבן הילפלאָז.

דער פאָרשער חיים סלאָוועס פאָלגט דאָ נאָך די זיג־זאַגן פון דער סאָוועטישער פּאָליטיק בנוגע לאַנד־באַזעצונג און אינדוסטריאַליזירונג. אין צווישן קומען פאָר די רעוואָלוציעס פון 1918 אין דייטשלאַנד, עסטרייך, אונגאַרן, וואָס האָבן געשאַפן דעם איינדרוק, אָדער די אילוזיע, פון אַ וועלט־רעוואָלוציע. ווי האָט עס זיך אָפּגערופן אויף דער אָקטאָבער רעוואָלוציע און אויף דער דאָרטיקער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט? פריער פון די געוועזענע יידישע אַרבעטער פּאַרטייען,

וואָס האָבן געדאַרפט זיך פאַרנעמען מיט די יידישע פּראָבלעמען, זיינען געוואָרן שליחים פון „קאָמינטערן" אונטערצוזאָגן די סאָציאַלע רעוואָלוציעס פון דער וועלט. אָט דאָס אויסנעמלעכע דאָן קיכאָטישע קאַפּיטל יידישע געשיכטע ווי געוועזענע פירער פון בונד, פועלי־ציון, ס. ס., טעריטאָריאַליסטן און גלאַט סאָציאַליסטישע טרוימערס צעשפּרייטן זיך איבער דער ברייטער וועלט אויף געהיימע מיסיעס אונטערצוטרייבן און אָנצופירן מיט דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, וואָס האָט זיך שוין אָנגעהויבן אומעטום, איז נאָך דערווייל נישט געשריבן געוואָרן. עס וואַרט נאָך אויפן גרויסן מייסטער־סאַטיריקער. חיים סלאָוועס ווינקט בלויז אָן אין זיין בוך אויף אַזעלכע עפּיזאָדן ווען ער באַשרייבט דעם „נייעם אָנהויב". איינצלהייטן קען מען געפינען אין באַזונדערע ביכער ווי די פון אסתר ראָזענטאַל־שניידערמאַן און אַנדערע, ווי אויך אין דער דעמאָלסטיקער כראָניק.

און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף צווישן סטאַלינען און טראָצקין, וואָס האָט פאַרשטייט זיך געווירקט אויף דער געפּלאַנטער איבערבויאונג פון דער יידישער עקאָנאָמיק. שפּעטער איז קלאָר געוואָרן אַז די וועלט־רעוואָלוציע האָט זיך פאַרשפּעטיקט און מען האָט געמוזט זיך נעמען בויען „סאָציאַליזם אין איין לאַנד."

פאָרזיכטיק גייט דער מחבר נאָך די ענדערונגען אין דער פּאָליטיק פון די יעווסעקציעס — צי זאָלן זיי זיך פאַרנעמען מיט יידישער ערד־באַזעצונג אָדער מיט אַריינפירן יידן אין דער גרויס־אינדוסטריע — אַלץ פּראָבלעמען וואָס האָבן געזוכט אַ לייזונג ווען קריטיק האָט געפאָדערט מוט און גלייכצייטיק שוין אויך געדראָט מיט געפאַר. אין צווישן זיינען די יעווסעקציעס אויפגעלייזט געוואָרן.

ביים לייענען דאָס בוך דערפילט מען דעם מחברס אַלזייטיקן פאַרנעם און וויסן — ניינצן באַזונדערע גוט־געשריבענע אַנאַליטישע קאַפּיטלעך וועגן דעם היסטאָרישן גאַראַנגל פון רוסישן יידנטום, קאַפּיטלעך וואָס דערציילן אויך וועגן דעם פאַרצווייגטן יידישן שול־סיסטעם, הגם דאָס איינציקע יידישע איז געווען דאָס טרוקענע לשון אָן אַ יידישן גייסט, נישט אין די קינדער־שולן און נישט אין די העכערע אַקאַדעמיעס ווו קאָמוניזם איז געווען דער אינהאַלט.

דאָ זעט מען זיין פאַרנעם און ווייטיק, וואָס אפילו פון דעם מינימום יידישקייט איז סוף כל סוף גאָרנישט געבליבן. פון די אַלע אָנגעקליבענע פאַקטן, פון די אַלע זיגזאַגישע ענדערונגען וויל דער פאָרשער אויסגעפינען צי די אַזוי ברייט פּראָקלאַמירטע סאָוועטישע יידישע מלוכהשקייט איז שוין אין סאַמע אָנהייב געווען בכיוון פאַרפירעריש, ד"ה בלויז אַזאַ טאַקטיק און דעריבער במילא פאַרמשפּט דורכצופאַלן; אַז זי איז גלייך געווען אַ קרבן פון די אומלייזבאַרע סתירות און מיספאַרשטענדענישן צווישן דער מאַכט, אָדער פאַרטיי, און דער יעווסעקציע אידעאָלאָגיע; אַז ביידע האָבן אָפּערירט מיט פיקציעס, אינסטיטוציאָנעלע און אידעאָלאָגישע סתירות, לויט ווי חיים סלאָוועס אַנאַליזירט דעם געדאַנק און דעם גאַנג פון די אַנטוויקלונגען אין די קאַפּיטלעך 3 און 17. ווער איז שולדיק — וויל ער וויסן — די מאַכט, דאָס הייסט די פאַרטיי, צי די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט? ווער האָט באַהאַלטן דעם אמת? און אפשר האָבן אַלע געוווּסט דעם אמת, נאָר זיך געשראָקן פאַרן ריינעם אמת?

מען דאַרף פאַרשטיין אַז פאָרמעל איז דאָרט ניט געווען קיין באַזונדערע יידישע געזעלשאַפטלעכקייט. וואָרעם מחוץ דער קאָמוניסטישער פאַרטיי האָבן קיין אַנדערע אָרגאַניזירטע גרופּעס נישט געטאָרט זיין. פאַקטיש איז אָבער יאָ געווען אַ יידישע געזעלשאַפטלעכקייט אין באַשטאַנד פון די יידישע קאָמיסאַריאַטן, די יעווסעקציעט, דער „געזערד" און אומדירעקט אויך דער „קאָמערד", וואָס איז גלייכצייטיק אויך געווען אַן אָפיציעלער רעגירונגס אַפּאַראַט אין וועלכן עס זיינען אויך געווען נישט־יידן. סלאָוועס ווייזט אָן ווי שוין זייער פרי הייבן אָן זייערע אידעאָלאָגישע סתירות אַרויסצוקריכן. שוין ביים ערשטן אַלפאַרבאַנדישן צוזאַמענפאָר פון „געזערד", וואָס איז געווען בלויז אַן אַדמיניסטראַטיווער קאָמיטעט,

האָט קאַלינין, דער פּרעזידענט פון דער סאָוועטישער מלוכה, דערמאָנט וועגן רעכט פון יידישן פאָלק אויף קיום האומה. כדי אָנצוהאַלטן איר אייגענע נאַציאָנאַליטעט — האָט קאַלינין געלאָזט וויסן — מוז מען פאַרוואַנדלען אַ גרויסן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אַ באַזעסענער לאַנדווירשאַפט פון הונדערטטויזנטער... יורי לאַרין, פאָרזיצער פון „געזערד", האָט עס גלייך ריכטיק אויסגעטייטשט מיט זיין באַמערקונג, אַז „מיר וועלן נישט לאָזן אומבאַוווּסטזיניקע אַסימילאַטאָרן צו פאַרקריפּלען די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פון אונדזער פּאַרטיי, אַז די רעגירונג איז קעגן נאַציאָנאַלע רעפּובליקן."

דאָ זעען מיר דעם צוזאַמענשטויס צווישן דער רעגירונג און דער יעווסעקציע.

נאָכן „געזערד" צוזאַמענפאָר איז אין 1926 פאָרגעקומען אַ באַראַטונג פון די יעווסעקציעס ווו קאַלינינס רעדע איז קריטיקירט געוואָרן: „מיר זיינען קעגן פּראָקלאַמירן אַ יידישע אויטאָנאָמיע — האָבן די יעווסעקעס געטענהט — אונדז איז וויכטיק נישט איינצוהיטן די נאַציע נאָר דער פּראָצעס פון אַריינוואַקסן אין סאָציאַליזם צוזאַמען מיט די אַרבעטער פון אַלע פעלקער." פאַר דער יעווסעקציע האָבן קאַלינינס רייד געקלונגען ווי צוריקדרייען די רעדער פון געשיכטע. דער ניט־ייד קאַלינין איז געוואָרן דער וואָרטזאָגער פון דעם אַלטן יידישן נאַציאָנאַלן געדאַנק בעת די יידן פון דער יעווסעקציע זיינען געבליבן מיטן אָרטאָדאָקסישן לעניניזם — אַסימילאַציע!

שפּעטער, אין 1938, ווען ביראָבידזשאַן איז פון אַ בלויז־יידישן ענין געוואָרן אויס יידישער ענין, האָט מען דערזען די קאָנסעקווענצן פון דעם אַלטן וויכוח צווישן לענינען און דעם „בונד" וועגן יידישן נאַציאָנאַליזם. מען האָט געמיינט אַז אָט דער וויכוח האָט זיך געענדיקט אין 1921 ווען דער „בונד" אין רוסלאַנד האָט זיך געמוזט אָפּזאָגן פון זיין נאַציאָנאַלן פּראָגראַם און איז אַריבער אויף די לענין פּאָזיציעס. די געשיכטע אָבער האָט געפּסקנט אַנדערש. לענין אין זיין צייט האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן אַז צען יאָר שפּעטער וועט זיין חבר, דער פּרעזידענט פון זיין קאָמוניסטיש לאַנד, וואַרפן אַ לאָזונג אַז פאַרן יידישן פאָלק שטייט אַ גרויסע אויפגאַבע — אייהיטן זיין נאַציאָנאַליטעט. ער האָט מסתמא זיך נישט געקענט פאָרשטעלן דעם כישוף פון דער מאַרקסיסטישער דיאַלעקטיק, אַז זיין קאָמוניסטיש לאַנד וועט זיך גאָר פאַרמעסטן צו מאַכן פון די יידן אַ נאַציע מיט אַן אייגענער מלוכהשקייט. אין דערווירקלעכקייט האָט זיך איצט אַלעס געביטן, אָבער די פאַרעלטערטע סכעמע פון אַסימילאַציע איז געבליבן. חיים סלאָוועס גייט אַזוי ווייט ווי צו זאָגן, אַז דער דורכפאַל פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ביראָבידזשאַן אין די דעצידירנדיקע יאָרן פון 1928-1934 דאַרף גיין אויפן חשבון פון יעווסעקיזם. זיי האָבן געשטערט.

וואָרעם פ אַ ר דעם „געזערד" צוזאַמענפאָר האָט זיך געהאַנדלט בלויז וועגן עקאָנאָמישער און סאָציאַלער אויפריכטונג פון די רואינירטע יידישע מאַסן. אָבער קאַלינין האָט געבראַכט דעם אָנזאָג אויך פון נאַציאָנאַלער אויפלעבונג מיט דער פּערספּעקטיוו פון אַ סאָוועטישער יידישער מלוכהשקייט. נאָך שפּעטער, ווען סטאַלינס מאַכט האָט זיך פאַרפעסטיקט, איז געבליבן די אַלטע פאָרמולע פון „אַריינפירן אין קאָמוניזם", און ליטוואַקאָוו, רעדאַקטאָר פון „עמעס", איז געוואָרן איר אידעאָלאָג: „דער ענדציל — האָט ליטוואַקאָוו געדרשנט — איז נישט נאַציאָנאַלער איבערבוי נאָר קאָמוניסטישער איבערבוי, „קאָמוניזם", וואָס דאָס איז געווען דער גרונט־שטריך פון יעווסעקיזם: איבערצייגן זיך און דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אַז זיי זיינען די אמתע קעמפער קעגן יידישן נאַציאָנאַליזם ווי לענין האָט אַמאָל געבאָטן.

ווען דער ביראָבידזשאַן פּראָיעקט האָט אָנגענומען אַ סטראַטעגישן מלוכהכאַראַקטער האָט די יעווסעקציע און איר רעדאַקטאָר אָפּגעדרוקט אַן ענטוזיאַסטישן אַרטיקל אין „עמעס": „צו אַ יידיש לאַנד!" וויסן מיר שוין אַז מיט אַ יאָר פריער האָט ער זיך געהאַט אָפּגעגרענעצט פון קאַלינינס רייד. און איצט האָט ער אין אַ רעדע אויסגערופן: „אויב איר וועט

וועלן — וועט עס זיין". אַ יאָר שפּעטער האָט מען אים באַשולדיקט אין נאַציאָנאַליזם און ציוניזם. די איראָניע דערפון איז וואָס ליטוואַקאָוו און טשעמערינסקי האָבן יאָרן לאַנג געפירט אַ קאַמף קעגן ציוניזם און איין טאָג האָבן זיי זיך איבערגעקערט. דאָס האָט די פּאַרטיי־דיסציפּלין געפאָדערט אַזוי.

סלאָוועס איז וויזט אויס גערעכט ווען ער זאָגט אַז דער יידישער אומווילן צו ביראָבידזשאַן האָט גלייך אין אָנהייב געהאַט אַ נעגאַטיווע ווירקונג אויפן גורל פון ביראָבידזשאַן מחמת דאָס לאַנד איז נישט געווען צוגעפּאַסט פאַר יידישער קאָלאָניזאַציע. די מיליטערישע סטראַטעגיע האָט אָבער געפאָדערט אַז דער געגנט זאָל אויפגעבויט ווערן. דער פּראָיעקט איז פּאַקטיש אַרויפגעצוווּנגען געוואָרן אויף די פירערס פון דער יעווסעקציע אין נאָמען פון פּאַרטיי דיסציפּלין. ווען עס איז אויפגעקומען די פראַגע ווי אַזוי צו פירן די פּראָפּאַגאַנדע אַז יידן זאָלן וועלן פאַרלאָזן זייערע אַלטע פּאָזיציעס האָבן די פירערס געהאַלטן אַז אונטער די לאָזונגען פון אַסימילאַציע, ד"ה נישט קיין יידיש לאַנד, וועלן יידן נישט קומען. און ווען מען האָט גענוצט די ציוניסטישע לאָזונגען: „צו אַ יידיש לאַנד!" איז געוואָרן אַ שטורעם פון פּראָטעסטן. זיי האָבן בשום אופן נישט געקאָנט אַראָפּשלינגען דעם „ציוניזם". די פירערס האָבן פאַרשטאַנען אַז כדי ביי צוקומען די אַלערליי שוועריקייטן פון ביראָבידזשאַן מוז מען מאָביליזירן די גאַנצע „נאַציאָנאַל געשפּאַנטע ענערגיע. און זיי זיינען געווען גערעכט. ס'איז נישט געווען קיין שום אורזאַך יידן זאָלן וועלן פאָרן אַהין. וואָרעם די רעאַליזירונג פונעם פּראָיעקט איז געשטעלט געוואָרן אָן פאַרנעם, אָן גייסט, אָן נשמה.

אין סך־הכל, האַלט סלאָוועס, אויפן גרונט פון זיינע פאָרשונגען, אַז יידן האָבן יאָ אויפגעבויט ביראָבידזשאַן און דעם געגנט אַרום, אָפּגעזען פון דער געאָגראַפישער נישט צוגעפּאַסטקייט און פרעמדקייט, אָפּגעזען פון דער יעווסעקישער קעגנערשאַפט צו יידישער מלוכהשקייט ווי לכתחילה צוגעזאָגט, אָפּגעזען פון די טיפע בלוטיקע ווונדן פון די פּאָליטישע ריייניקונגען. סלאָוועס באַווייזט אַז דער דורכפאַל פון יעדער מין פאָרעם פון יידישער מלוכהשקייט, פון יידישן נאַציאָנאַלן קיום איז געוואָרן אַבסאָלוט אוממייַדלעך ווען אין 1948 איז צו אַלע פריערדיקע צרות צוגעקומען סטאַלינס קאַמף קעגן קאָסמאָפּאָליטיזם, וואָס מיינט אָפענער קאַמף קעגן יידן, אָפענער אַנטיסעמיטיזם. אַלץ האָט איצט געמוזט חרוב ווערן און אַלץ איז חרוב געוואָרן. די גאַנצע יידישע גייסטיקייט, אויף וויפל זי האָט זיך דאָרט גענערט, איז אויסגעוואָרצלט געוואָרן פון דער סאָוועטישער ערד און די יידן וואָס זיינען געבליבן לעבן געדייען אונטער אַן אַרויפגעצוווּנגענער אַסימילאַציע.

פון דעם אָביעקטיוון אַנאַליז און די שילדערונגען בלייבט דער לייענער צעווייטיקט, וואָס פון דעם גרויסן פאַרמעסט צו שאַפן אַ טעריטאָריאַלן באַזיס פאַרן יידישן פאָלקס־קיום — ווי טייל יידן האָבן זיך איינגערעדט — האָט זיך אויסגעלאָזט אַ פיאַסקאָ. איינס איז פעסטגעשטעלט — דער גאַנצער פּראָיעקט איז געווען אַ פאַלשער, אַן אָפּנאַרישער, אַ פאַרפירערישער. דער ציל איז נישט געווען קיין יידישע מלוכהשקייט נאָר אויסדריקלעך אַסימילאַציע, פולע אויסמישונג מיט די רוסן. דער כישוף־שפּרוך פון דער מאַרקסיסטישער דיאַלעקטיק האָט דאָ פאַרפעלט צו ווייזן דעם וווּנדער פון פרייער אַסימילאַציע, ווי לענין האָט געלערנט.

דער געראַנגל פאַרן נציאָנאַלן קיום גייט מסתמא ווייטער אָן, אָבער אין אַנדערע פאָרמען, ספּעציעל אין דער פאָרם פון אויסוואַנדערונג — פאַר די וואָס האָבן די מיטלען און מעגלעכקייטן — אָדער צו בלייבן אויף די ערטער און קעמפן ווי העלדישע דיסידענטן.

לויט דער איצטיקער מאָדע אין אונדזער ליטעראַטור, דאַרף דאָס בוך קריגן דעם ערשטן פּרייז.

# שפּאַצירן אין דער נאַכט

לידער און פּאָעמען פון דוד ספּאַרד, ישראל, 1979

## II

דער שרייבער און דיכטער דוד ספּאַרד איז ווייניק באַקאַנט די יידיש־לייענערס פון אונדזערע מקומות. ווי דער לעקסי־קאָן פון דער יידישער ליטעראַטור גיט איבער שטאַמט ער פון גוטן יידישן יחוס — אַ רינגעלע אין דער קייט פון יידישע טרוימער און קעמפער, פון דענקער און דיכטער פון אַ נאַציאָנאַל ווירדיק יידיש לעבן. אין פוילן איז ער געווען אַ טייל פון דער גרופּע יידישע אינטעלעקטואַלן, וואָס זיינען געווען אַקטיוו אין דאַרטיקן יידישן לעבן, סיי פאַרן חורבן, סיי נאָכן חורבן — אַקטיוו אין לינקע קרייזן, און באַקאַנט פאַר זיינע פּאָליטישע אַרטיקלען, ליטעראַרישע עסייען, דערציילונגען און לידער.

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט ער זיך געראַטעוועט אין ישראל, ווו ער האָט שוין באַוויזן אַרויסצוגעבן זיין צווייטן בוך לידער און פּאָעמען, „שפּאַצירן אין דער נאַכט.“

לויטן טיטל פון בוך קען מען מיינען, אַז אָט די שפּאַצירן אין דער נאַכט, אָט־די קאַפקאַישע אומהיימלעכע נאַכט־וואַנדלונ־גען און „קאָנספּיראַציעס“ זיינען די הויפּט־מאָטיוון פון זיינע לידער. נייך, זיי זיינען נישט. ס'איז בלויז דער נאָמען פון איין ליד, פון איין מאָטיוו, וואָס דאָס שווערע לעבן האָט אונטערגעטראָגן דעם דיכטער און זיין דור: דער מאָטיוו פון שטענדיקן תיקון עולם, פון אויסלייזונג, וואָס ווערט אויפן וועג צו גאולה אָפּט פאַרפּירט צו קנעכטשאַפט. דער וועג איז אַ פיינלעכער, אַ גיהנומדיקער, מיט אַן אַ שיער קרבנות פון אומגעקומענע העלדן, פון אַן אומגעקומען פאָלק, וואָס לאָזן דעם דיכטער נישט רוען. און קומען אַן די לאַנגע איינזאַמע נעכט מיט די נאָכאַנאַנ־דיקע האַלוצינאַציעס און חלומות, קומען אַרויס זייערע שאָטנס און אַלע שפּאַנען צוזאַמען אַריבער די גרענעצן פון חלום און וואָר, און שמועסן לאַנג, לאַנג וועגן פּלענער ווידער צו באַהעפטן די אויסגע־טראַכטע וועלטן זיי זאָלן קענען לעבן בשלום „ווי גטאָד און זינד“.

„און אַז די נאַכט פאַרשווינדט
בלייב איך ווידער אויפן וועג
פון די יאָגנדיקע טעג —
מיט קיינעם.“

די ביטערע אַנונג צו בלייבן „אַליין“ אויפן וועג פון די יאָגנדיקע טעג לעבט אויף די דורכגעלעבטע שרעק און קאָש־מאַכן פון חורבן און די ענדלאָזע וואַנדע־רונגען איבערן דערנער־וועג. אָבער ווען די קאָשמאַרן לאָזן אָפּ און דער נאָכקלער שיינט אויף, ווערט דעם דיכטער קלאָר אַז אויך זיין טאַטע, דער פרומער ייד, האָט אויף זיין אופן זיך אָפּגעגעבן מיט תיקון עולם, מיט אויסלייזונג. און ביידע זיינען דורכגעפאַלן —

„דער טאַטע מיט זיין פרומער עדה
און דער זון מיט זיין פלאַמיקן קאַיאָר.“
(דאָס ליד „אין דעם זעלבן דור“)

ווי שוין אַנגעמערקט האָט דוד ספּאַרד אין משך פון פיל יאָרן געדרוקט אַ סך לידער. טייל פון זיי זיינען צונויפגע־זאַמלט אין עטלעכע ביכער ווי „אַ זעגל אין ווינט“, „באַרוועסע טריט“ און אַנ־דערע וואָס גיבן איבער דעם פּולס און געמיט פון דער צייט — דעם טיפן טרוי־ער פון חורבן און די געמאַכטע פרייד פון „בויען דעם סאָציאַליזם“ אויף די קברים פון חורבן.

מיר זיינען דאָ נישט אויסן צו שרייבן וועגן יענע צייטן און יענע לידער נאָר בלויז כאַפּן אַן אויבנאויפיקן בליק צי עפּעס האָט זיך געענדערט אין די לידער. דאָס ערשטע וואָס מען באַמערקט איז די גרויסע צאָל חורבן־לידער. נאָר ווי מען זאָל די ווערטער און די שורות פון חורבן נישט אויסשטעלן — טרויערן, טרויערן מיר אַלע גלייך. און האָס געווייין קען נישט זיין אַנדערש ווי דאָס יידישע געוויין. עס שרייט דאָ אַרויס אַפילו בעת אַ יום־טוב אין לאַנד (אין פוילן) ווען זיי „בויען דעם

סאָציאַליזם״, ווען אין אַלע פענצטער בליען בלומען, ווען „דורך אַלע גאַסן שטראָמט דאָס שיינע יוגנט־ליד״. דער דיכטער גייט פאַרשיכורט נאָך דעם רויִשיקן געזאַנג. „נאָר טיף אין האַרץ אַ טרויער־ניגון צאַנקט און ס׳נאָגט אין בלוט אַ שטום געוויין.״ ער וויינט נישט בלויז אויפן חורבן; ער וויינט אויף זיין אָפּגעריסנקייט פון זיין פאָלק.

„אין דיר, מיין פאָלק, איך בין יאָר־
טויזנטער שוין אַלט,
און יעדער קלאַנג איז שיין, און יעדעס
וואָרט — געשטאַלט.
אָפּגעשיידט פון איר, איך בין אַ רגע
בלויז,
אַ שאָטן וואָס פאַרשווינדט, אַ שטומער
אות.״
(פון „באָרוועסע טריט״)

נאָך ערנסטער, נאָך האַרצרייסנדיקער און נאָך פּאַטעטישער שמועסט זיך דער דיכטער אויס מיט זיין זון, זיין יורש:
„כ׳האָב געבראַכט פאַר דיר, מיין זון,
אַ וווּנדערלעך געשאַנק,
אַלע שיינקייטן פון אונדזער לאַנד,
בערג, וואָס לערנען טראַכטן אין דער
שטיל,
טייכן וועלכע יאָגן זיך צו זייער וויַיטן
ציל —
— — — — — — — — —
נאָר כ׳האָב דאָס אַלץ פאַרשריבן
אין מיין יידיש ליד,
צי וועסטו דאָס פאַרשטיין?
— — — — — — — — — —
וואָס־זשע זאָל איך טון,
אַז אויכעט דו, מיין זון,
זאָלסט מיין יידיש ליד פאַרשטיין?״
(פון „אַ זעל אין ווינט״)

אָט דער אומעט, אָט די שרעק צי אונדזערע קינדער וועלן קענען אונדז ירשענען, גייט אים נאָך און איז קאָנטיק אויך אין זיינע ישראל לידער. קאָנטיק איז אויך דער חלום און די מיסטישע אַנונג וואָס דער דיכטער האָט אַריבערגעטראָגן אין זיינע „שפּאַצירן אין דער נאַכט״, די אַנונג אַז אין יעדן ווינט איז זיין געזאַנג און אַז אין יעדער שטויב איז ער פאַראַן.

אַרום הונדערט און פערציק לידער און פּאָעמען געפינען זיך אין ספאַרדס נייעם בוך, וואָס דער גרעסטער טייל פון זיי איז נישט אָנגעפילט מיט מאָטיוון פון אומקום, יאוש, אַנטוישונג, פאַרצווייפלונג, רעזיגנאַציע אָדער מיטן אייביקן אומעט און טרויער פון חורבן, נאָר פאַרקערט, זיי אָטעמען מיט בענקשאַפט און האָפענונג, מיט ליבע און באַוווּנדערונג פאַר מדינת ישראל. ער איז נישט דערשלאָגן, ער איז פול מיט האָפענונג און דערוואַרטונג. ער וועקט דאָ גלויבן אין נצח ישראל:

„יעדעס ליד איז ניי,
ווי ניי ס׳איז יעדער טאָג,
יעדער פרילינג, יעדע ליבע,
יעדע פרייד.״

ספאַרדס לידער זיינען אי פּשוט און קלאָר, אי עטוואָס פאַרהוילן, סודותדיק. זיי דריקן אויס אי טרויער אי פרייד. ער וויינט אויפן חורבן און פרייט זיך מיט יעדעס גרעזעלע און מיט יעדעסביימעלע וואָס בליט און וואַקסט אין ישראל. זיי דערמאָנען יוגנשאַפט און ראָמאַנטישקייט, האַרטן רעאַליזם און אויסטערלישע חלומות, וואָס נאָר די נאַכט לאָזט שפּינען. ערשט ווען מען לייענט זיי איינס נאָך איינס דערפילט מען דעם ריס פון זיין נשמה און דעם דואַליזם פון האַרץ און מוח, פון געפיל און געדאַנק. און כאָטש די לידער זיינען קלאָר שבקלאָר, פון דעסטוועגן בלייבט דאָרט „עפּעס״ נישט דערזאָגט, עפּעס פאַרהוילן, וואָס קען אויך זיין דער סימן פון אַ גוט ליד. אַ גוט ליד — האָט אַמאָל אַ יידישער דיכטער געזאָגט — טראָגט אין זיך דעם סוד פון פנים מענטש. אַ גוט ליריש ליד דערציילט אונדז אין בלויז עטלעכע קורצע שורות מער ווי אַ זאַק מיט רייד. ספאַרדס לידער באַשטייען פון קורצע שורות. —

„פרעמדע ווינטן האָבן מיך פאַרשיכורט
האָב איך אויסגערעדט שוין אַלע רייד.
איצט איז מיר פאַרבליבן בלויז דער
עיקר—
שווייגנדיקע פרייד.״

וואָס איז די פרייד און וואָס איז דער טרויער? דאָס איז דעם דיכטערס סוד,

דאָס פאַרבאָרגענע אינעם ליד, וואָס טויכט אויף און ווערט קלאָר פון דער פּאָעטישער שטימונג און שווערן געמיט. כמעט אַ לעבן־לאַנג איז דער דיכטער געווען ווי פאַרשיכורט פון די „פרעמדע ווינטן", פון דעם צוגעזאָגטן סאָוועטישן גן־עדן, וואָס האָט זיך נאָך די אַלע לאַנגע יאָרן פאַרוואַנדלט אין אַ גיהנום, וואָס האָט זינלאָז מיט ווילדער רציחה אומגעבראַכט יידישע שרייבערס, געטרייע וועכטערס פון דעם „גן־עדן", און מיליאָנען געטרייע בירגער קרבנות. אָבער איצט איז ער אַ פרייער ייד אין ישראל און איז אַפּנים צופרידן, וואָס ענדלעך האָט ער זיך באַפרייט פונעם קאָמוניסטישן טשאַד און בלאָף, ווי ער מאַכט עס קלאָר אין איינעם פון די פיל אַנדערע לידער:

„עס האָבן די ווערטער פאַרפירט —
איך האָב זיי ווי לוחות אין האַרצן
געטראָגן,
אין פלאַמען געשמידט
פאַר מיין גלויבן,
פאַר מיין ליד.
נאָר זיי האָבן פאַרפירט.
אונטער הייליקן ניגון
פאַרבאָרגן דעם ליגן,
גזילות געוויקלט אין סאַמעט־געוועבן
און מאָרדן.

די ביטערע איבערלעבונגען פון יענעם לאַנגן פּסיכאָז האָבן, ווייזט אויס, געלייגט אויפן דיכטער אַ טיפן חותם פון וועלכן ס'איז שווער זיך צו באַפרייען. דאָס איז די באַוווסטזיניקע מעפּיסטאָפּאָלישע צעמישונג פון ווערטער, פון אמת און שקר, פון וואָר און חלום, מיט וועלכע זיי האָבן באַטויבט דער וועלט. קלאָגט דער דיכטער אַז זיין גאַנג איז געווען „ווי אַ ווינט אין ליידיקן רוים":—

„וואָס לויפט אין פאַרכישופטן קרייז
און אין אין־סוף פון טרוים,
ווו לידער,
פאַרגליווערט אין בילדער פון אייז,
פאַרלירן אין לויף זייער שטייפקייט
און וואָג,
פאַרוואַנדלען זיך ווידער
אין ווינט און אין שיין
און וועבן זיך איין
אין ווילדן קאַראַהאַד

פון נאַכט און פון טאָג.

— — — — — — — — — —

אין אָט דעם געראַנגל מיט זיך, מיט זיין שטענדיקן אומרו און מיט זיין סביבה לייטערט זיך דער פּאָעט און וועבט אויס דאָס טיף עלעגישע און לירישע פון זיין האַרץ און מוח. באמת איז דוד ספאַרד אין זיינע לידער ווייט פון מיסטיציזם און אפשר אויך פון פילאָסאָפישע טראַכטעניש, פון דעסטוועגן געפינט מען אין בוך אַ ליד אָדער צוויי וואָס איז פילאָסאָפיש אָדער מיסטיש בילדלעך פאַרטראַכט, ווי דאָס ליד:—

אין ליידיקע שטיבער
וווינען פאַרלוירענע רייד,
פאַרלוירענע ליבעס
און פאַרלוירענע פרייד.
און זיי אַלע טוליען זיך שטום
צו די נאַקעטע ווענט
און זוכן אַ תיקון
קעגן שטומען פאַרלענד.
נאָר אין בלאָען חצות
קומען שאָטנס געהיימע
און פירן זיי אין דרויסן אַרויס
און זעצן מיט ליבשאַפט זיי אויס
אויף די נאַכטיק־פאַרחלומטע ביימער,
זיי זאָלן אין גילדענעם באַגינען
אין ליכטיקע בשורות צעגרינען.

דאָ שיינט אויף דוד ספאַרד ווי דער פּאָעט פון בילדלעכן וואָרט. ער פלעפט אונדז מיטן טרעפלעכן מעטאַפאָר, מיטן בילד פון וואָרט. ער זעט ווי „די טעג גייען שיכורע אַרום איבער די פוסטע גאַסן"; ער זעט ווי „זיינע טעג אין שיפעלעך פון וואָרט מיט די כוואַליעס וואַנדערן; ער זעט ווי זיינע טעג און נעכט ווי אורחים פרעמדע קומען און פאַרשווינדן און לאָזן איבער נישט פאַרהיילטע וווּנדן אין דעם אַלטן קריג מיט זיך אַליין; אָדער ווי „די ביימער פון ישראל, פונקט ווי מיר, ווערן זיך מיט בליענדיקע אָרעמס קעגן אַלע ווילדע מדבר־שטורעמס", וואָס ווילן אונדזער מי און ליד פאַרמעקן; אָדער ווען דער שומר פון חיפה פאַרדעכטיקט אים אַז ער איז פון אַ „פרעמדן קאַנט" העגנט דער דיכטער אויף איבער חיפהער בערג אַ שנירל טרערן, ווי אַ העגנגל שטערן, וואָס וויגט זיך אויפן ווינט נאָך ביז אַצינד...

ווי זיין וואָרט, אַזוי זיין שורה און אַזוי זיין ליד — קורץ און איינפאַך, נאָר אָנגע־לאָדן מיט געפיל און געדאַנק, מיט בילד און געזאַנג, וואָס זינגט אַרויס צאַרט און מיט ווייטיק אָבער אָן געשריי. אַזעלכע לידער ווי „דאָס אייביקע געזאַנג", „יע־דעס ליד" און „די אומהיימלעכע שעה" זיינען מוסטערן פון עכטער ליריק אפילו ווען זיי זיינען אַנדערש ווי די לידער פון אונדזערע באַקאַנטע ליריקער.

ווי עס איז צו זען איז דוד ספאַרד גע־קומען קיין ישראל נישט ווי אַ פרעמדער, הגם פון אַנדערע קרייזן. עס האָט אים נישט גענומען לאַנג צו געפינען זיין שורש און צו קענען זיך אידענטיפיצירן מיטן ריטם פון לאַנד. זיין קומען קיין ישראל, זאָגט ער, איז געווען „ווי אַ גאַנג אויף דער שאַרף פון שווערד ביז ס'האָט זיך אויפגעעפנט דער חלום־טויער און גע־טראָפן זיין נאָמען פאַרקריצט אין שטיין."

זיינע געזאַנגען פון ישראל זיינען שטאַרק נאַציאָנאַל און אויך סענטימענטאַל ווי עס פּאַסט זיך. „די אויסגעבענקטע ערד, וואָס האָט זיך אונדז געחלומט אין דער פרעמד, זאָל זי הייליק בלייבן ווי געווען, מיט איר מאַמע רחלס תמימות־דיקן חן, מיט רבי היללס מענטשלעך־מילדער תורה, זאָל זי ליכטיק זיין ווי ביז אַהער."

דאָך, ווי אַ יידיש־יידישער פּאָעט דער־פילט ער זייער שטאַרק די קריוודעס וואָס דאָס יידיש לשון מוז אויסשטיין אין ישראל און ער קען דאָס נישט פאַרשווייגן. גלייך אין סאַמע ערשטן ליד פון בוך דער־ציילט ער אונדז ווי —

„דורך אַ באַרג פון דערנער
שלאָגט זיך דורך אַ וועג
מיין יידיש ליד,
דאָס אומעטיקע שטילע —
אַ בענקענדיקער רוף,
אַ ציטערדיקע תפילה."

איצטער ווען דאָס יידישע וואָרט האָט זיך דורך אַ וואַלד פון דערנער פאַרט דורכגעשלאָגן אַ וועג —

„איצטער, ווען אויף דיינע זאַמדן
מיין קינדערשער חלום גרינט
און ביי דיינע ראַנדן
שטייט אויף וואַך מיין קינד —
איז וועלכער שטורעמווינט
אין שטאַנד אונדז ווידער צו צעשיידן?
אַלע פריערדיקע דורות זענען דיין אַצינד
און דער אַצינד — דאָס זיינען מיר
איצט ביידע."

און דאָס איז די ליריק וואָס זינגט אַרויס פון דוד ספאַרדס „שפּאַצירן אין דער נאַכט."

# „אַ וואָלפיש אין יפו"

דערציילונגען פון שמואל איזבאַן, ישראל, 1980

III

דאָס איז אַ זאַמלונג פון זיבן גוטע אין שיין געשריבענע דערציילונגען וועגן דעם יידישן לעבן אין דער אַלטער פּאַלעסטינע, אָבער נישט קיין היסטאָרישע דערציילונגען. אויפן שער־בלאַט איז אָנ־געגעבן דאָס יאָר 1980. פון דעם דער־וואָרט מען אפשר צו לייענען וועגן דעם היינטצייטיקן צאַפּלדיקן לעבן אין ישראל. נאָר דער לייענער בלייבט נישט אַנטוישט ווען ער געפינט גלייך אויס, אַז דאָס זיינען דערציילונגען געבויט אויפן אַלטן אַראַ־בישן און יידישן פאָלקלאָר פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און אויך פון פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. צום סוף גייט אויך אַריין זיין אויסגעצייכנטער רע־פּאָרטאַזש פון יענער צייט ווען אומלעגאַ־לע עמיגראַנטן האָבן געשפּאַלטן ימען כדי צו דער־גרייכן די ברעגן פון ארץ־ישראל. שוין דער טייל אַליין, הגם געשריבן אין אַ בעלעטריסטישער פאָרם, האָט דאָך אַ גאָר הויכן היסטאָרישן ווערט.

די דערציילונגען קלינגען אַזוי נאָענט און דאָך אַזוי ווייט, ווייט פאַנטאַסטיש, ווי זיי וואָלטן באַהויכט געוואָרן פון עפּעס אַ כישוף, אַ רייץ. פון דעסטוועגן זיינען

זיי אַלע זייער און זייער רעאַליסטיש. זיי לייענען זיך אַזוי ווי פֿאָלקס מעשיות, וואָס מ׳קאָן נאָך אפשר היינט אויך הערן ערגעץ אין די ווייטע אָריענטאַלישע לענדער, אין די האַפֿן טרינק־הייזער פֿון פֿישער־לייט, באַלעגאָלעס און טרעגערס, אָדער הינטערן אויוון פֿון אַן אַלטן, ווייטן בית־מדרש ערגעץ ווו. די מעשיות זיינען פּיקאַנט, עראָטיש, זייער עראָטיש, און אפשר אויך עקזאָטיש, ווי למשל „דער וואַלפֿיש אין יפו", אָדער „אַ חלום אין מדבר". אין דער אמתן אָטעמען זיי אַלע מיטן לעבעדיקן פֿאָלקלאָר, מיט אַ פֿאַרביק קערנדיק פֿאַרוואָרצלט יידיש לשון און מיט אַלטער חכמה, וואָס שפּרודלט פֿון פֿאָלקס־מויל, ווי ניסן בעל־עגלה לאָזט אונדז וויסן גלייך אין אָנהייב, אַז אין שטאָט זיינען געווען גענוג אָפּשפּעטער, וואָס האָבן נישט „געגלייבט" די באָבע־מעשיות. אָבער—

„ס׳האָבן אויך נישט געפֿעלט קיין באַרוישטע לייט, צעפֿלאַמטע מוחות און היץ־קעפּ, ביי וועמען ס׳איז אויסגעגאַנגען ס׳חיות צו הערן וואָס מער פּלאַי־פּלאָים וועגן דער מויד, וואָס האָט פֿאַרכּישופֿט אַ ריזיקע ים־חיה און נישט דערלאָזט די שטאָט זאָל פֿאַרוויסט ווערן."

יאָ, אַלע ווייסן אַז דאָס פֿאָלק וויל טאַקע הערן וווּנדער־מעשיות, פּלאַי־פּלאָים, כּישוף פֿאַרבלענדעניש, וואָרעם דאָס אייגן לעבן איז דאָך מסתמא גרוי און אָרעם, מאָנאָטאָן מיט ווייניק האָפֿענונג אויף אַ בעסער מזל.

פֿאָלקס־מעשיות, ווי באַוווסט, האָבן שטענדיק אַ מוסר־השכּל. דער גוטער ווערט סוף כּל סוף באַלוינט און דער שלעכטער קריגט זיין פֿאַרדינטע שטראָף, ווייל אַזוי פֿירט זיך די וועלט. אַנדערש וואָלט זי קיין קיום נישט געהאַט. און ווייל איזבאַנס דערציילונגען זיינען מערסטנס געשריבן אין פֿאָלקס־טאָן מוזן זיי זיך לאָגיש אויך פֿאַרענדיקן לויטן פּרינציפּ פֿון שכר און עונש. ער שרייבט אָבער אַזוי אַז מיר פֿילן גאָר נישט די דידאַקטישקייט, דער איינגעבעטן מאָראַליזם, אַז דער ציל איז דער מוסר השכּל.

ס׳איז אַ קינסטלעריש געשריבענע דערציילונג אין וועלכער די עטיק איז באַהאַלטן אין דער שיינקייט פֿון דער שילדערונג, פֿון דער שפּראַך, פֿון דער פֿאָלקס שפּראַך, און זי, די עטיק, זעט זיך כּמעט נישט אָן. מיר קוועלן אָן פֿון דער בילדלעכער שילדערונג, פֿון פֿאָלקסטימלעכן און בילדלעכן לשון. ווי אַן אילוסטראַציע כאַפּן מיר אַרויס עטלעכע צופֿעליקע שורות פֿון די באַזונדערע דערציילונגען:

1) „פֿון דער מומע זיסלס וואַכע, שטרענגע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַ פֿייער, וואָס לאָזט די וועלט נישט איינשלאָפֿן."

2) „שוין האַלבער טאָג און זייערע הענט ליגן אין קינפּעט."

3) „וואָס ער באַגערט פּאַסט פֿאַר אַ געשמדטן האַלדז."

4) „בהמה, זיי נישט געפֿאַלן ביי זיך. ווען איך האָב דיין טריפֿהנעם קוק, דיינע באַטעמטע ליפּן און דיינע יאָרן, וואָלטן די בעלי־תּאווהניקעס מיך אויך אויפֿגעגעסן מיט די אויגן."

5) „דאָס לעבן אָן שפּאַס איז ווי ליבע אָן אַ קוש."

פֿאָלקס־מעשיות פֿאַרמאָגן אויך דעם עלעמענט פֿון כּישוף, פֿון מאַגיק, דער כּישוף וואָס מאַכט דאָס אוממעגלעכע מעגלעך. אָט דער „כּישוף" פֿון דער פֿאָלקס־מעשה ווערט אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור פֿאַרוואַנדלט אין „עראָטיק", אין אָט דעם אוניווערסאַלן כּוח, וואָס איז די טרייבקראַפֿט פֿון אַלע געשעענישן, סיי אין דער נאַטור, סיי אין דעם בעל־חי. כּישוף און מאַגיק זיינען קינדיש און פּרימיטיוו. אָבער עראָטיק און סעקס זיינען מאָדערן.

דאָס זעט זיך קלאָר אַרויס אין דער ערשטער דערציילונג „אַ וואַלפֿיש אין יפו". צווישן די יפֿוער פֿישערלייט האָט זיך פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג וועגן אַ ריזיקן וואַלפֿיש, וואָס שפּרינגט אַרויס פֿון אָפּגרונט און וואַרפֿט אָן אַ פּחד אויף דער וועלט. ביי די אַראַבער איז דער וואַלפֿיש געווען אַן אמתער ים־מערדער, אָבער די יפֿוער יידן האָבן געגלייבט אַז דאָס איז דער לוויתן אַליין אין אַ גילגול. ער שלינגט איין די רשעים און רירט נישט אָן די רעכטפֿאַרטיקע. קומט דער רמאי

אַבדול ראַשיד צום גובערנאַטאָר מיט אַ פּאָרטל צו פֿאַרנאַרן דעם וואַלפֿיש דורך די צויבערשטיק פֿון אַ נקבה. אַ יונגע בויכטענצערין וועט דעם פֿיש פֿאַרכישופֿן און ער וועט זיך אונטערגעבן ווי אַ לעמעלע.

דער גובערנאַטאָר האָט נישט געוואָלט גלייבן. נאָר ווען חמודה, די יונגע בויכטענצערין האָט געענטפֿערט אַז די באַזויפֿענע און די ניכטערע זאָגן אַז „איך פֿאַרמאָג צויבער אין מיינע אָרעמס און פֿייער אין די היפֿטן“ און ווער ווייסט דען נישט אַז דאָס לייב פֿון אַ פֿרוי קען אָפּקילן דאָס בלוט סיי ביים מאַנסביל סיי ביי דער חיה — האָט דער גובערנאַטאָר געזאָגט — גוט, קום צום וואַלפֿיש, פֿאַרפֿירעריין אויב צויבערשטיק פֿאַרמאָגסטו, וועסטו דעם ים־שד בייקומען. אויב נישט, וועסטו אייגעשלונגען ווערן אין זיין בויך — האָט דער גובערנאַטאָר געלאָזט וויסן.

ווען די יונגע בויכטענצערין האָט זיך אַ הייב געטאָן אויף די שפּיץ פֿינגער האָבן די כוואַליעס פֿון ים זיך אָפּגעשטעלט. פֿון דעם ים־פֿיש איז נאָך קיין שפּור נישט געווען, אָבער אין דער ציטערניש פֿון אירע אַנטבלויזטע גלידער איז שוין געווען דאָס חנדלען זיך און די שמד־שטיק וואָס האָבן געזאָלט פֿאַרפֿירן די ים־חיה... אין מיטן צעפֿלאַקערטן טאַנץ זיינען די נאָענטע געבליבן שטיין ווי געליימטע. אין זייער פֿאַרבלענדעניש האָבן זיי דערזען ווי פֿון די ים־כוואַליעס הייבט זיך אַרויס דער וואַלפֿיש מעכטיק ווי דער לוויתן. „נישט ווי אַ מאָנסטער האָט דער וואַלפֿיש זיך באַוויזן, נאָר ווי אַ ווייך, איידל באַשעפֿעניש.“ וואָס פֿייערדיקער חמודהס טאַנץ איז געוואָרן אַלץ מער האָט דער ים־פֿיש אָנגעקוואָלן און „באַוועלטיקט געוואָרן“...

צי מען רופֿט עס כישוף צי עראָטיק, וואָס מען פֿילט אין אָט דער מאָמענטאַנער פֿאַרבלענדעניש, איז דער פֿאַרבאָרגענער כוח, וואָס מאַכט דאָס אומגלייבלעכע און אוממעגלעכע מעגלעך. אַז עס איז פֿאַראַן אַזאַ אוניווערסאַל ווירקנדיקער כוח, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין דער וועלט פֿון פֿלאַנצן, חיות און מענטשן אין דער פֿאָרם פֿון עראָטיק אונטער פֿאַרשיידענע נעמען, איז אַן אַלטער אמת. די גאַנצע שיינע ליטעראַטור און קונסט דרייט זיך אַרום אָט דעם צענטראַלן פּונקט. ס'איז דער סיגנאַל פֿון פּשוטן באַריר, וואָס מען דערפֿילט בעתן געבן די הענט „שלום“ ביים באַגעגענען זיך אָדער געזעגענען זיך. ס'איז דער באַריר און דער גלעט ביים מענטש און חיה, וואָס איז לעצטנס געוואָרן אַן זאַפּטע טעמע אין דער ליטעראַטור.

אָט דעם עראָטישן מאָמענט אין פֿאַרביידענע סיטואַציעס שילדערט שמואל איזבאַן אויך אין די אַנדערע דערציילונגען, ווי למשל, אין „אַ חלום אין מדבר“, ווען דער פֿאַרבלאָנדזשעטער געפֿאַנגענער זעלנער פֿון ישראל באַגעגנט זיך אין מדבר פּנים אל פּנים מיטן לייב, ווי אַזוי די ראָלעס פֿון מענטש און ווילדן לייב בייטן זיך. ווי באַרואיקט דער לייב איז געווען ווען ער האָט געצערטלט און געגלעט איר פֿעל מיט זיינע פֿינגער. די לייביכע איז געווען זיין האַרינטע, אָבער אויס באַגער אים אויפֿצומונטערן האָט זי אים אַרויסגעוויזן אונטערטעניקייט פֿון אַ הונט. זי האָט קעציש פֿאַרשייט זיך געקאָלערט פֿאַר אים, זיך געקנוילט, איינגעבוירעט איר לייב אין זאַמד ווי אַ קונצנמאַכערין און געוואָלט ער זאָל באַלוינען איר איידעלע ליבשאַפֿט מיט דעם באַריר פֿון זיינע צאַרטע הענט. פֿאַרקערט, ווידער, ווען עס האָט זיך געדאַכט אַז אַן עראָפּלאַן קומט אים ראַטעווען האָט אין אירע אויגן אָנגעהויבן ברענען אַ וואָרנונג. איר פֿריערדיקע ליבשאַפֿט איז אויסגערונען. פֿון איר מילדקייט איז געוואָרן פֿאַראַכטונג, פֿון איר דערבאַרעמקייט — אַ גרויסער צאָרן. ווער וויל דאָס פֿאַרוואַנדלען איר פֿרידלעכן שקלאַף אין אַ שונא?

„ווען דאָס גערויש פֿון יענער זייט וואָלקנס איז אָפּגעשטאָרבן, דער געפֿלאַטער פֿון די פֿליגלען איז אויסגעגאַנגען, איז יהודהס האַרץ איינגעפֿאַלן. זיין גוף איז געווען באַגאָסן פֿון קאַלטע אַנגסטן. די חיה האָט דאַן רואיק אַנידערגעקניט ביי זיינע פֿיס. און אירע אויגן האָט ווידער אויפֿגעלויכטן אַן אָפּשיין פֿון ליבשאַפֿט און צוטרוי. ער

(המשך אויף זייט 83)

# צו משה נאָדעלמאַנס 80סטן געבורטסטאָג

ווענג מיין גוטן חבר משה נאָדעלמאַנס געזעלשאַפטלעכן לעבן און ווענג זיינע פילזייטיקע טעטיקייטן לטובת הכלל איז פאַראַן צו דערציילן אַ סך אינטערעסאַנטע געשעענישן און אפילו אויך דראַמאַטישע פאַסירונגען. אָבער ניט דאָ איז דער פּלאַץ דערויף און ניט איצטער איז די צייט דערצו. וועל איך דאָס שוין מוזן איבערלאָזן אויף אַ צווייט מאָל, למשל, צו זיין נעקסטן געבוירניאָר, וואָס איך האָף אַז מיר אַלע וועלן דאָס דערלעבן בשלום און געזונטערהייט. וואָרן מיר טאָרן ניט פאַרגעסן, אַז משה נאָדעלמאַן איז געקומען פון רוסלאַנד קיין אַמעריקע מיט אַ רעוואָלוציאָנערישן אַנאַרכיסטישן סטאַזש פון זיינע ייִנגסטע יאָרן אָן. אויך אין ניו-יאָרק איז ער געווען אַקטיוו אין דער ייִדישער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אויף עטלעכע געביטן פון דער פאַרצווייגטער פרייהייטלעכער סאָציאַליסטישער אַרבעט. אָבער איך וועל דאָ זיך באַגרענעצן בלויז אויף די ראשי פּרקים פון זיין פילזייטיקער טעטיקייט אין לאָס אַנדזשעלעס.

ווען משה נאָדעלמאַן איז מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק אָנגעקומען קיין לאָס אַנדזשעלעס, איז ער געווען אַ דרייסיקיאָריקער יונגערמאַן, פול מיט ענערגיע און באַהערשט פון אַ גרויסן חשק ממשיך צו זיין די אַלע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן, וואָס זיינען אים תמיד געווען ליב און טייער. דעריבער טאַקע איז עס פאַר אים געווען ניט מער ווי נאַטירלעך זיך צוצושליסן אינעם אַנאַרכיסטישן קראָפּאָטקין ברענטש פון דעם אַרבעטער רינג. און פונקט אַזוי נאַטירלעך איז געווען פאַר אים זיך צו באַטייליקן אין די אַלערליי טעטיקייטן פון דעם דאָזיקן פרייהייטלעך סאָציאַליסטישן ברענטש, וואָס האָט אַריינגעשריבן אַזאַ גייסטרייך קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון די וועלטלעכע ייִדן אין לאָס אַנדזשעלעס. באַזונדערס טעטיק איז משה נאָדעלמאַן געוואָרן, צוזאַמען מיט זיין געטרייער לעבנס-חברטע בעקי, אין דער אַרבעטער רינג שול, ווו זייערע צוויי קינדערלעך האָבן באַקומען אַ ייִדישע וועלטלעכע דערציִונג.

משה נאָדעלמאַנס אַקטיוויטעטן אין דעם אַרבעטער רינג און אין די אַר. רינג שולן זיינען גיך און געהעריק אָפּגעשאַצט געוואָרן דורך די מיטגלידער פון דער דאָזיקער גרויסער פראַטערנאַלער אָרגאַניזאַציע. וואָרן בלויז פינף יאָר נאָך זיין באַזעצן זיך אין לאָס אַנדזשעלעס, אין 1935, איז ער אויסגעוויילט געוואָרן ווי אַ דעלעגאַט צו דער דעמאָלטיקער אַרב. רינג קאָנווענשאַן אין ניו-יאָרק. אין יענע יאָרן האָט מען ניט געכאַפּט קיין פלי מיטן עראָפּלאַן איבער דער גאַנצער ברייט פון אַמעריקע אין אַ 7-8 שעה צייט. דעמאָלט האָט עס משה נאָדעלמאַנען גענומען פינף טעג צו דערפאָרן פונעם פּאַציפישן ים-ברעג ביז קיין ניו-יאָרק צו רעפּרעזענטירן די לאָס אַנדזשעלעסער אַרב. רינג מיטגלידער אויף יענער קאָנווענשאַן. אָבער ער האָט דאָס געטאָן מיט פרייד און איבערגעגעבנקייט.

משה נאָדעלמאַנס טעטיקייטן אין לאָס אַנדזשעלעס האָבן געהאַט זייער ווירקונג ווייט-ווייט איבער די גרענעצן פון דער מלאכים-שטאָט. אַזוי, לשמל, האָט ער באַלד נאָך דער צווייטער וועלט-מלחמה טיכטיק געאַרבעט פאַר דעם אַנאַרכיסטישן „פרייהייטלעכן פליכטלינגס פאָנד", וואָס האָט געהאָלפן אַ סך געראַטעוועטע ייִדישע חברים אָנצוהייבן אַ ניי לעבן אין דער חרובער אייראָפּע און אין דעם נייעם ייִדישן לאַנד, וואָס האָט דעמאָלט זיך געראַנגלט אין זיינע בלוטיקע געבורט-ווייען.

גאָר וויכטיק איז געווען משה נאָדעלמאַנס אויפטועריש אַרבעט לטובת דער עטאַבלירונג פון אַ שניידערשן פּראָדוציר-קאָאָפּעראַטיוו אין פּאַריז, וואָס האָט באַשעפטיקט אַ צאָל געראַטעוועטע ייִדן און דערמיט זיי געהאָלפן צו פאַרלאָזן די „די-פּי"-לאַגערן און זיך איינאָרדענען און לעגאַליזירן אין פראַנקרייך. אויך פאַר די חברים אין ישראל האָט ער איבערגעגעבן געאַרבעט צו העלפן זיי אינ-

שמואל ווייס

# פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין לאָס אַנגעלעס

## חב"ד זאַמלט דריי מיליאָן דאָלער ווידער אויפצובויען דעם אָפּגעברענטן צענטער

חסידים און סימפּאַטיקערס פון חב"ד אין לאָס אַנדזשעלעס האָבן אָנגעהויבן אַ קאַמפּאַניע צו זאַמלען דריי מיליאָן דאָל. ווידער אויפצובויען זייער אָפּגעברענטן תורה־צענטער אין וועסטוווד ווילעדזש, ל. א. דער צענטער איז געווען בלויז אַ קורצער שפּאַציר־שפּאַן פון דעם יו־סי־על־איי אוניווערסיטעט און איז געווען די הויפּט־קוואַרטיר פון דער ליובאַוויטש־באַוועגונג אינעם מערבדיקן טייל פונעם לאַנד.

אין מיטן מאַי איז דער בנין אָפּגעברענט געוואָרן. ביזן היינטיקן טאָג האָט די פּאָליציי ניט אויסגעפונען ווער עס האָט אָנגעצונדן דעם פייער, אָבער ס'איז ניט שווער צו טרעפן, אַז דאָס זיינען גע־ווען אויסוואָרפן פון דעם סאָרט וועלכע האָבן ניט געקאָנט פאַרטראָגן אַ יידישן לערן־צענטער אין זייער געגנט. דער פייער־דעפּאַרטמענט האָט נאָך אָן אונ־טערזוכונג אויסגעפונען, אַז דער פייער איז מעטאָדיש אויסגעפּלאַנט געוואָרן אַרומצונעמענדי גאַנצע געבײַדע און מענטשלעכע הענט האָבן מיט דעם אויס־געריכטן ציל פּטור צו ווערן פון דעם יידישן צענטער, אונטערגעצונדן דאָס הויז.

עס זיינען אומגעקומען דריי מענטשן, איינער פון זיי אַ יונגערמאַן אין די פריע צוואַנציקער יאָרן, וועלכער איז געקומען מיט איין אָוונט פאַר דער שריפה איבער־צובלייבן אין דעם לינת הצדק וואָס דער צענטער האָט געהאַט פאַר פאַרבייפאָרנ־דיקע יונגע סטודענטן. אין דער שריפה זיינען אויך אָפּגעברענט געוואָרן צוויי טייערע ספר־תורות אין דעם קליינעם בית־המדרשל פון דעם צענטער. פון דעם

---

דיווידועל און אויף אַ קאָלעקטיוון אופן, וואָס האָט זיי דערמעגלעכט צו קויפן אַן אייגענעם לאָקאַל און צו שאַפן אַ צענטער פאַר דעם יידישן פרייהייטלעכן סאָציאַ־ליזם אין דער יידישער מדינה. און פאַר־שטייט זיך, אַז מיר טאָרן ניט פאַרגעסן זיין לאַנג־יאָריקע און לאַיאַלע אַרבעט פאַר דער „פריע אַרבעטער שטימע" אין ניו־יאָרק, וווּ די דאָזיקע עלטסטע יידישע צייטשריפט אין דער וועלט האָט געווירקט און עקזיסטירט פון 1890 ביזן סוף פון 1977, ווען זי האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן נאָך אַ קעמפערישן קיום פון 87 און אַ האַלב יאָר, מחמת אירע אַלטע געטרייע לייענערס האָבן ניט געקענט נאָכקומען דעם כסדרדיקן שטייגנדיקן יקרות אויף אָנצוהאַלטן אַן אייגענעם זשורנאַל.

אָבער מיטן אָפּשטעל פון דער „פרייע אַרבעטער שטימע" האָבן זיך ניט אָפּגע־שטעלט משה נאַדעלמאַנס געזעלשאַפט־לעכע טעטיקייטן. אויף וויפל זיינע כוחות דינען אים, אַרבעט ער ווייטער פאַר דעם אַנאַרכיסטישן אָרגאַן „פּראָבלעמען", וואָס גייט אַרויס אין תל־אביב. ער האָט ניט אויפגעגעבן זיין לאַנג־יאָריקע טעטיקייט פאַר דעם יידישן אַרבעטער קאָמיטעט" און פאַר דער „הסתדרות" אין לאָס אַנ־דזשעלעס. און דער „יווא" איז ביי אים פאַרבליבן אַ וויכטיקע אינסטיטוציע, וועמעס אויפהאַלט איז אים ליב און טייער.

און איצטער לאָמיר פאַרענדיקן מיין קורצע ראשי־פּרקימדיקע אָפּשאַצונג פון משה נאַדעלמאַנס 50־יאָריקער טעטיקייט אין לאָס אַנדזשעלעס מיט די האַרציקסטע ווונטשן צו זיין אַכציקסטן געבורטס־יאָר פאַר אים און פאַר זיין לעבנס־באַגלייטערין בעקי. זאָלן זיי ביידע זיין געזונט און שטאַרק און ממשיך זיין זייערע אַקטי־וויטעטן אויף די אַלע געביטן, וואָס זיינען זיי ליב און טייער, אויף נאָך אַ סך יאָרן.

אהרן טהאָרן

גאַנצן בנין וואָס איז מאַיעסטעטיש געשטאַנען אויף אַ באַרג פון דעם געגנט פון רייכערע מיטל־קלאַס איינוווינערס ווי אַ שטאָלצער מאָנומענט פון יידישן דראַנג צו לערנען, איז געבליבן אַ באַרג אַש.

די פון אונדז וואָס האָבן געהאַט אַ געלעגנהייט צו באַזוכן דעם ליובאַוויטש צענטער און ריידן מיט די גרינדער פון דער אינסטיטוציע, דעם אומדערמידלעכן הויךגעבילדעטן רבי שלמה קונין (איך האָב צוזאַמען מיט מאיר ווינטרויב ז״ל באַזוכט דעם צענטער מיט עטלעכע יאָר צוריק צו האָבן אַן אינטערוויו מיט הרב קונין פאַרן „פאָרווערטס") האָבן מיט צער בלויז געקאָנט קוקן אויף פאַרניכטונג פון מיזאַמער מענטשלעכער אַרבעט און מיט פאַראַכטונג פאַרדאַמען די אויסוואָרפן וועלכע האָבן געפלאַנט און דורכגעפירט די שריפה.

אויף דער טעלעוויזיע האָבן איינוווינער אין ל. א. געקאָנט זען די לוויה פון די אָפּגעברענטע ספר־תורות, ווי ליובאַוויטשער חסידים האָבן געשטערקט זייערע הענט אָנצורירן די מיטה פון די פאַרסמאַליעטע קרבנות. די לוויה פון די דריי יונגע מענטשן האָט ניט געקאָנט זיין אָנגעלאָדן מיט מער דראַמע, כאָטש אַ ספר־תורה איז דאָך ניט הייליקער פון אַ מענטשלעך לעבן.

אָבער ליובאַוויטש שווייגט נישט. מיט דעם גאַנצן חסידישן ברען האָבן די טוערס פון חב״ד זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט צו שאַפן די געהעריקע פאָנדן אויפצובויען אַ נייעם צענטער אויפן זעלביקן פּלאַץ, אויף 741 געילי עוו. וואָס וועט נאָך זיין שענער און רחבות־דיקער פון דעם אַלטן בנין.

אַן אָנהייב איז שוין געמאַכט געוואָרן: צו די שלושים, דעם 17טן יוני, איז צוגעגרייט געוואָרן אַ גרויסע אסיפה און אויף גיך אויפגעשטעלט געוואָרן דווקא קעגנאיבער דעם פאַרברענטן בנין האָט אַן עדה פון 1500 יידן געזאַמלט אַנדערהאַלבן מיליאָן דאָלער. די אַנדערע העלפט פון די דריי מיליאָן וואָס ליובאַוויטש פּלאַנט אויסצוגעבן פאַר אַ נייעם צענטער וועט דוכט זיך ניט זיין שווער צו שאַפן נאָך דעם ווי דער ליובאַוויטשער רבי ר׳ מנחם מענדל שניאורסאָן האָט פון ניו־יאָרק אַרויסגעשיקט אַ קול קורא צו יידן איבער גאַנץ אַמעריקע צו העלפן צוריק אויפבויען דעם אָפּגעברענטן תורה־צענטער אין לאָס אַנדזשעלעס. איינער פון די אָנגעזעענע כלל־טוערס, דער געוועזענער פרעזידענט פונעם היגן יידישן פעדעראַציע קאונסיל און געוועזענער ראַטגעבער פון פרעזידענט קאַרטער, עדוואַרד סאַנדערס, האָט איבערגענומען די אָנפירונג פון דער קאַמפּאַניע צו שאַפן די נייטיקע פאָנדן פאַרן נייעם צענטער. מען קען זיין זיכער אַז ביזן סוף פונעם הייניטיקן יאָר וועט ליובאַוויטש האָבן אַ נייעם בנין, אויב ניט נאָך פריער.

אגב איז צו די שלושים־אסיפה געקומען די גאַנצע פני פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג מיט דעם מעיאָר פון שטאָט בראש, אַ צאָל מיטגלידער פון דער סטייט־לעגיסלאַטור און פון סיטי־קאַונסיל ווי אויך אָנגעזעענע בעלי־בתים פון שטאָט.

## געשאַפן אַ נייעם פּראָגראַם פאַר משפחות פון געמישטע חתונות

די יידישע פעדעראַציע אין ל. א. האָט באַקאַנט געמאַכט, אַז זי וועט פאָרמולירן אַ נייעם פּראָגראַם צו העלפן מענער און פרויען פון געמישטע חתונות אַריינפירן, ווי יידישע משפחות, אינעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן פון שטאָט. מייניסטע פון די דאָזיקע פּאָרלעך האָבן שוין פריער דורכגעמאַכט קורסן איבער יידישקייט אָבער זיי דאַרפן האָבן העכערן פערזענלעכן אונטעררירכט אין יידישע מנהגים, אַ נאָענטע באַקאַנטשאַפט מיטן יידישן לעבנס־שטייגער אויף צו קענען אינטעגרירט ווערן אין יידישן לעבן.

דער פּראָיעקט ווערט דורכגעפירט מיט דער קאָאָפּעראַציע פון דעם „יוניווערסיטי אָוו דזשודאַיזם" און דער „יוניאָן אָוו היברו קאָנגרעגיישאָנס", צענטערס פון קאָנסערוואַטיווער און רעפאָרם יידישקייט און וועט געשטיצט ווערן פינאַנציעל פון דער יידישער „קאָמיוניטי פונדאַציע פון לאָס אַנדזשעלעס.

געמישטע חתונות פון פאַרלעך ווו אייִנער איז אַ ניט־ייִד, זייַנען ניט קיין נייַע דערשייַנונג אין אַמעריקע. יש אומרים אַז זיי זייַנען אפילו פאַראַן אין ישראל. עסאיזאויך ניט קיין נייַעס אַז אַזעלכע חתונות ווערן לײַדער אַן אָפּטע דערשייַנונג אין ייִדישע משפּחות. אָבער אָנשטאָט צו וויינען אויפן גורל פון קיום האומה אין שייכות מיט אָט די „פרעמדע" משפּחות, וואָלט אפשר געווען כדאַי צו טראַכטן וועגן מעגלעכקייטן ניט צו לאָזן אָפּפרעמדן די דאָזיקע יונגע מענטשן, וועלכע האָבן דאָך פרייוויליק אויסגעקליבן ייִדישקייט און זיי העלפן אַרייַנפירן אינעם ייִדישן משפּחה־לעבן, ספּעציעל ווען קינדער פון די גרים קריגן אַ ייִדישע דערציִונג. עס קען אפשר זייַן אַ בעסער מיטל קעגן אַסימילאַציע, אויף וואָס עס וויינען אפילו וועלטלעכע ייִדן. מיר האָבן דאָך שוין געזען ווי די ניט־ייִדישע שנור אָדער ניט־ייִדישער אייִדעם ווערן גאַנץ גוטע ייִדן און גאַנץ גוטע מיטגלידער פונעם ייִדישן כלל. עס זייַנען אפילו פאַראַן פאַלן ווו דער ניט־ייִדישער אייִדעם אָדער שנור ווערן נאָך פרומער ווי זייערע שוויגערעלטערן.

דערווייל וועט זיך דער נייַער פּראָגראַם באַגרענעצן צו פאַרהייראַטע פּאָרלעך וועלכע האָבן שוין פאַרענדיקט ייִדישע קורסן, ווי אַן אָנהייב פון זייער גיור. אַזעלכע קורסן זייַנען ווי באַקאַנט פאַראַן אין „יוניווערסיטי אָוו דזשודאַיזם" און אין „היברו יוניאָן קאָלעדזש". מענטשן וואָס זייַנען אַרייַנגעטאָן אין אָט די ענינים זאָגן, אַז אָט די קורסן מוזן כסדר אויסגעברייטערט ווערן מחמת עס וואַקסן די צאָל תלמידים און תלמידות...

לויט ווי עס דערקלערט פרוי לידיאַ קוקאָף, די פאַרוואַלטערין פון דעם נייַעם פּראָגראַם, וועט מען פון אָנהייב זיך אָפּגעבן דער עיקר מיט דער דורכפירונג פון פּראַקטישע אַספּעקטן פון ייִדישקייט, אָבער עס וועט געטאָן ווערן אין אַן אַטמאָספערע פון משפּחהדיקייט, ווי אַזוי צו פּראַווען ייִדישע ימים טובים, אָפּהיטן כשרות, דורכפירן דעם צערעמאָניאַל פון קבלת שבת און אָפּהיטן אַנדערע משפּחהמנהגים. די אַלע זאַכן וועלן אייַנגעשלאָסן ווערן אין אַן אַלגעמיינעם פּראָגראַם פון „משפּחה צו משפּחה". די אָנטיילנעמער אין דעם פּראָגראַם וועלן קריגן אַ געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט די פאַרשיידענע קהלשע אינסטיטוציעס, באַזוכן פאַרשיידענע סינאַגאָגעס, פּראַווען געמיינזאַמע משפּחה־שמחות און אַזוי ווייטער.

איינע פון די מניעות אין אָט דער נוצלעכער אַרבעט איז, לויט אונדזער מיינונג, דאָס וואָס די אַלע פּראָיעקטן באַגרענעצן זיך בלויז צו רעליגיעזער ייִדישקייט, בעת אין פּראַקטישן לעבן קומען אַזעלכע פּאָרלעך אין באַרירונג מיט וועלטלעכע ייִדן. טייל מאָל זייַנען די עלטערן פון געמישטע פּאָרלעך אַליין אפּיקורסים און קענען ווייניק וואָס בייטראָגן צו העלפן אַרייַנפירן זייערע ניט־ייִדישע שנורן און אייִדעמס אינעם רעליגיעזן ייִדישן לעבן.

אַלענפאַלס: די וואָס זייַנען פאַראינטערעסירט אין אָט דעם נייַעם פּראָגראַם קענען קריגן מער אויספירלעכע אינפאָרמאַציע דורך ווענדן זיך צו דעם ייִדישן פעדעראַציע־קאָונסיל אויף 6505 ווילשייר בולוואַרד.

---

„וואַלפיש"—(סוף פון זייט 79)

איז געווען באַזיגט, אָבער זי האָט פון אים נישט געמאָנט קיין פאַרענטפערונג. זי האָט געהאַט איר באַלוינונג.: זייַן אונטערטעניקייט."

אויף אַן אַנדער אופן מאָלט איזבאַן די עראָטיק אין דער דערציילונג „צירעלע מייַן קרוין". דאָס איז אַ ליבע צווישן אַ פרום פּאָר פאָלק, מלך, אַ שומר מצוות, און צירעלע, זייַן ווייב, אַ צנועה, פול מיט מעשים טובים, אָבער אַן עקרה.

די שיינקייט פון דער דערציילונג ליגט אין אין דער אייִדלקייט מיט וועלכער דער מחבר שילדערט אַזאַ דעליקאַטע טעמע ווי ליבע, עראָטיק, צווישן צפתער פרומע לייט. צוליב מאַנגל אין פּלאַץ מוזן מיר זיך דאָ אָפּשטעלן. ס'איז כדאַי איר זאָלט עס לייענען.

נ. סערדזש

# לעבן, נישט טויט, אין ווענים *)

אונטער דעם אויבן־דערמאָנטן „קאָפּ“ זיינען פּאַר זעקס וואָכן צייט, פון 1טן מאַי ביזן 15טן יוני 1980, פאָרגעקומען אָריגינעלע פייערונגען געווידמעט די עטלעכע טויזנט עלטערע יידן וואָס וווינען ביים ים אין ווענים, קאַליפאָרניע.

פּאַר זעקס וואָכן צייט זיינען פאָרגעקומען ביין (9) צענטראַלע פייערונגען, אַ שטענדיקע קונסט אויסשטעלונג פון די שאַפונגען פון עלטערע מענטשן, ספּעציעל פון איזראַעל לעווין צענטער, אויך זייער כאָר און דראַמאַטישע ארויסטרעטונגען, לעקציעס און אויך טייל שאַפונגען און טעטיקייטן פון די עלטערע יידן אין ווענים.

די פייערונגען זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן דורך דער אַנטראָפּאָלאָגישער אָפּטיילונג פון דרום קאַליפאָרניער אוניווערסיטעט, אונטער דער אויפזיכט פון ד״ר באַרבאַראַ מייערהאָף, פּאָרזיצער פון אַנטראָפּאָלאָגישן פאַקולטעט.

טויזנטער מענטשן זיינען געקומען אָנקוקן די איינדרוקספולע אויסשטעלונג און אַנדערע טויזנטער זיינען געקומען צו די 9 ספּעציעלע אונטערנעמונגען ביי וועלכע עס זיינען אַלס געסט־רעדנער אַרויסגעטראָטן די פאָלגענדע פערזענלעכקייטן: אַבא איבאַן, ד״ר ב. מייערהאָף, קאָרעי פּישער, נעמי פאָלאַק, ירמיהו קאַגאַן, אייוועדי שרייבער, באָריס פּילין, יצחק באַשעוויס זינגער, מאָרי ראָזען, און אַנד.

אין די אַרטיסטישע אַרויסטרעטונגען: מיקי קאַץ, דזשאָרדזש דזשעסעל, פּיל פאָסטער. טובה פעלדשוה איז אַרויסגעטראָטן אין איין־אַקטער: „דער לעבן־געבליבענער פון שארית הפליטה“, פון ליני סאַק; „דער באַשטעלטער מאַנטל“ (פילם); פאָרלעזונג פון טילי אָלסען, מוזיק פון דזשאָזעף און נייטן סיגאַל; פּאָעזיע פון דזשעראָם ראָטנבערג; אַ וואַנדערנדיקער יידישער טעאַטער; די כלי־זמרים מוזיק גרופּע; פילם „צייל אונדזערע טעג“ פון באַרבאַראַ מייערהאָף; „די נייע אַרטעף שפּילער“; לי שטראַסבערג; אַ פילם „יידיש מאַמע לשון“; סאָלאָ אַרויסטרעטונג פון ברוך לומעט, רות וויסבערג און פּיל אַנדערע.

אויסער דעם זיינען אייניקע מאָל אַרויסגעטראָטן דער איזראַעל לעווין כאָר פון עלטערע און דער זייער פּאָפּולערער עדי גורניק, וואָס האָט צוגעשפּילט צו די טענץ.

די אונטערנעמונגען וואָס האָבן זיך געצויגן פּאַר זעקס וואָכן צייט און זיינען באַדינט געוואָרן דורך נאַציאָנאַלע פּערזענלעכקייטן פון דער וויסנשאַפטלעכער און קולטור־וועלט, האָבן אונטערגעשטראָכן די גרויסע באַדייטונג פון דעם עלטערן דור יידן און אויך די ווירקזאַמקייט פון די עלטערע אויפצוהאַלטן די יידישע קולטור־ווערטן אין די פאַרשיידנסטע פאַזן פון היסטאָרישער און ספּעציעלער אַנטוויקלונג פון אַנטראָפּאָלאָגישער באַדייטונג.

ד״ר באַרבאַראַ מייערהאָף, אַ גרויסע ספּעציאַליסטין אין אירע קענטענישן אויפן געביט פון פאָלקלאָר, וואָס איז ממש פאַרליבט אין די טיפע ווערטן פון יידישן פאָלקלאָר, אַ מחבר פון פיל וויכ־

---

*) ווענים איז אַ שטאָט ביים ים און אַ טייל פון דער לאָס אַנדזשעלעסער אויסגעשפּרייטקייט. ביים ים־ברעג געפינט זיך דער איזראַעל לעווין יידישער צענטער, ווו עס קומען זיך צונויף עלטערע און יונגע מענטשן פאַרברענגען. דאָרט שפּאַצירט מען אַ סך און דאָרט פאָרט אויך דאָס יונגוואַרג אויף בייסיקלס (ראָווערן). נישט לאַנג צוריק האָט דאָרט פּאַסירט אַן אומגליק — אַן עלטערע פרוי איז אומגעוואָרפן געוואָרן פון אַ ראָווער און געפאַלן טויט. קורץ נאָך דעם איז פאָרגעקומען אַ פּראָטעסט דעמאָנסטראַציע מיט אויפשריפטן ווי: „לעבן, נישט טויט אין ווענים!“

דערפון דאָס קעפּל אויבן. (רעד).

טיקע ערנסטע אַרבעטן, האָט באַוויזן דורך דער קאָלאָסאַל גרויסער זעקס־וואָכן אונטערנעמונג, אַז אין ווייניס, אין דעם דאָרטיקן יידישן קאָמיוניטי צענטער, שפּרודלט אַ געוויסע גרופּע „לעבעדיקע יידן" מיט אַ לעבעדיקער יידישער שפּראַך און מיט פּראָבלעמען וואָס שרייען צו דער אַרומיקייט: „מיר לעבן, מיר ווילן נישט אונטערגיין"...

באַרבאַראַ מייערהאָף, וועמענס בוך וועגן הוטשאַי אינדיאַנער איז געוואָרן אויסגעצייכנט מיט דעם „נעשאָנאַל בוק אַוואָרד", האָט זיך נאָכן באַקענען מיט די עלטערע יידן אין ווייניס אַליין געפרעגט, פאַרוואָס זאָל איך נישט שטודירן מיינע אייגענע יידן פון ווייניס? זי איז איבערראַשט געוואָרן פון זייערע טיפע און אייגנאַרטיקע נאַציאָנאַלע קולטור אייגנשאַפטן און באַשלאָסן זיך ווידמען זייער געשיכטע און העלפן זיי.

דאָס בוך „צייל אונדזערע טעג", וואָס איז שוין געדרוקט אין דריי גרויסע אויפלאַגעס, האָט באַקומען אַן אויסערגעוויינטלעך גוטע קריטיק און דער פילם מיטן זעלבן נאָמען האָט באַקומען דעם אָסקאַר און דינט אפילו (אויך דער בוך) אַלס מאַטעריאַל פאַר בילדונג און פאָרשונג אויף די אוניווערסיטעטן.

דער פילם, וואָס איז פּראָדוצירט געוואָרן דורך דער אינטערעסאַנטער פּערזענלעכקייט פון לין ליטמאַן, איז ווי אַ וויכטיקער היסטאָרישער דאָקומענט פון אַ דור וואָס היטלער האָט דערמאָרדעט. די יידן־טיפן שטאַמען פון די אַשכנזישע יידן וואָס האָבן באַוווינט טיילן פון רוסלאַנד, און דער עיקר פּוילן, וואָס האָבן אַזוי פילפאַרביק באַרייכערט דאָס גייסטיקע לעבן פון מזרח־אייראָפּעיִשן יידנטום.

דער פילם האָט אויך באַוויזן די רייכע און מאָדערנע פּראָגראַם פון דעם איזראַעל לעווין יידישן קאָמיוניטי צענטער, פון וועלכן מאָרי ראָזען איז דער פּעאיקער דירעקטאָר.

אין מיטן פון דעם גרויסן אויסשטעלונגס־זאַל פון דעם דייווידסאָן קאָנפערענץ צענטער, איז געהאָנגען די רעפּראָדוקציע פון דער מאָזאַיק־אַרבעט פון דער קונסט־גרופּע וואָס שטעלט פאַר אין פאַרביקע שטיינער דעם אָפּשטאַם פון די מיטגלידער; זייער קומען דורך עליס־איילאַנד; די אַרבעט אין די שניידער סוועט־שעפּער; זייער יוניאָן קאַמף ביז... צו אַן „עונג שבת" מיט אָנגעצונדענע ליכט אין ווייניס צענטער און מיט אַ פרייד־טאַנץ צו אַמעריקע.

דער „מיוראַל" איז אויסגעפירט געוואָרן פון דער קונסט־גרופּע אונטער דער אָנפירונג פון בעטי נוטקעוויטש, קונסט אינסטרוקטאָרין.

ביי דעם שלום־אָוונט, דעם 15טן יוני, איז באַרבאַראַ מייערהאָף שטאַרק געלויבט געוואָרן נישט נאָר פאַר אירע פעאיקייטן און וויסן, נאָר קודם כל פאַר איר דערנענטערונג צום יידישן פאָלקס־מענטש, פון אַרויסהייבן די יידישע פאָלקס־אייגנשאַפטן און זייער עטישן אינהאַלט.

באַררבאַראַ מייערהאָף האָט האַרציק באַדאַנקט אַלע אירע צאָלרייכע מיטהעלפערס וואָס האָבן מיטגעהאָלפן צו אַזאַ גרויסן דערפאָלג פון „לעבן און ניט טויט" אין ווייניס.

* * * * *

און ווייל עס איז טאַקע געווען אַ גרויסער דערפאָלג, דערלויבן מיר זיך איינִיקע קריטישע באַמערקונגען:

1) פאַרוואָס איז נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין יידיש קיין איין וואָרט וועגן די יידן אין ווייניס, וועלכע ריידן נאָך ברוך השם יידיש אַלס זייער אומגאַנגשפּראַך?

2) די איינאָרדענער פון די בפירוש יידישע קולטור אונטערנעמונגען האָבן וואַרשיינלעך צוליב „מנהג אַמעריקע" נישט געוואָגט צו רירן דעם פּראָגראַם פון צענטער־כאָר, וואָס האָט בפירוש ניט געטויגט און האָבן אפילו ווידערהאָלט זיינע אַרויסטריטן?

3) אַ סך אַרבעט און אויך דערפאָלג ווערט צוגעשריבן די יידישע צענטערס פאַר זייער ווירקונג צו ענדערן די אויפפירונג־טענדענצן פון די יידישע עלטערע.

אַ סך מאָל האָבן די באַטרעפנדע „אונטערגעזינדיקט" אין דעם פּרט, און קיינער האָט דערויף נישט רעאַגירט.

* * * * *

# ייוו״א אויסשטעלונג און פעסטיוואַל פון יידישן ליד און געזאַנג

## וווּנדערלעכער אויפטו פון דער יונגער ייוו״א גרופּע אין ל. א.

באַריכט פון מרים און ד״ר הערשל הערבסט

די יונגע פריינד פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין לאָס אַנדזשעלעס האָבן באַקומען אַ צושריפט פון ניו־יאָרקער הויפט־אָפיס צו אַראַנזשירן דאָ אין שטאָט אַן אויסשטעלונג פון „דאָס בילד פאַר מיינע אויגן". געמיינט האָבן מיר, אַז דאָס וועט זיין אַ זייער פשוטע זאַך: מיר וועלן טעלעפאָנירן אַ פּאָר מענטשן, אַרויסשיקן עטלעכע בריוו און — פאַרטיק!

דאָס איז געווען אין זומער 1978. מיר האָבן נאָר וואָס געהאַט אָרגאַניזירט די גרופּע „פריינד פון ייוואָ" מיט דער הילף פון פריינד אַלעקס ראָבין. מיר האָבן נישט געוווּסט אפילו ווי אַזוי מען הייבט אָן און, פאַרשטייט זיך, נישט געהאַט קיין דערפאָלג. דער ניו־יאָרקער אָפיס האָט אונדז דאַן אינפאָרמירט, אַז מיס לינדאַ אָסאַד, די קאָאָרדינאַטאָרין פון די אויסשטעלונגען איבערן לאַנד, קומט צו אונדז אויף עטלעכע טעג צו זען וואָס מען קאָן טאָן. מיט ענערגיע און ענטוזיאַזם האָבן מיר זיך גענומען גרייטן פאַר איר וויזיט.

מיר האָבן אַרויסגעשיקט אינפאָרמאַציע בריוו צו אַלע מוזעומס פון אונדזער געגנט און מיט גרויס האָפענונג געוואַרט אויף אַן ענטפער. מיר זיינען אָבער שנעל אַנטוישט געוואָרן צו הערן אַז קיינער וויל נישט אָדער איז נישט פאַראינטערעסירט אין אונדזער אויסשטעלונג. ווען מיס לינדאַ אָסאַד איז אָנגעקומען האָבן מיר אַלע דריי זיך געטראָפן מיט נענסי בערמאַן פון דעם „סקירבאָל מוזעום" און צו אונדזער אַנטוישונג זיך דערוווּסט אַז דער סקירבאָל מוזעום איז צו קליין פאַר אַזאַ גרויסער אויסשטעלונג.

צו אונדזער פרייד איז דאַן געקומען אַ פּאָזיטיווער ענטפער פון דעם קאַליפאָרניער „מוזעום פאַר וויסנשאַפט און אינדוסטריע". האָבן מיר גלייך באַשלאָסן צו האָבן אונדזער אויסשטעלונג טאַקע אין יענעם גרויסן מוזעום אין זומער 1980.

דער קאַליפאָרניער מוזעום פאַר וויסנשאַפט און אינדוסטריע האָט אינדז אויפגענומען זייער פריינדלעך און טאַקע אויך געהאָלפן מיט אַ ברייטער האַנט. ס'איז אָבער נאָך אַלץ געבליבן אַ סך זאַכן פאַר וועלכע מען האָט געדאַרפט באַצאָלן. פר. אַלעקס ראָבין, פאָרזיצער פון קולטור־קלוב, האָט אונדז געעצהט, אַז מיר זאָלן זיך דורכריידן מיט פריינד נייטן געראָוויטש, וואָס וועט אונדז געוויס העלפן קריגן פון דער יידישער קהילה פונדאַציע די נייטיקע הילף. מיר האָבן זיך אויך באַראָטן מיט ראַביי ראָבערט בערגמאַן, קאָנסולטאַנד פון דעם קאָמיטעט וואָס גיט זיך אָפּ מיט בילדונג פאַר דערוואַקסענע, און ער האָט אויך צוגעזאָגט צו העלפן.

איצט ווען מיר האָבן שוין געהאַט אַ

---

אין גאַנצן גענומען איז דאָס געווען אַ ריזן אונטערנעמונג פון אַן אייגנאַרטיקן אָריגינאַלן כאַראַקטער פון אַ ספּעציעלן געביט וואָס איז פאַרהעלטניסמעסיק ניי פון אַ וויסנשאַפטלעכן קוקווינקל ביי יידן.

אַנטראָפּאָלאָגיע פאַרנעמט זיך מיט דער געשיכטע פון מענטש און זיינע פאַרשיידענע פאָרמען. אַממיינסטן איז אַנטראָפּאָלאָגיע פאַראינטערעסירט אין די מנהגים, טראַדיציעס און קולטור דערגרייכונגען פון נאַציאָנאַלע גרופּן.

פאַרשטייט זיך, אַז די סאָציאַלע געוווינהייט־שטריכן און אויפפירונג זיינען אַ וויכטיקער טייל פון דער אַנטראָפּאָלאָגישער וויסנשאַפט און באַרבאַראַ מייערהאָף זאָגט צו צו זיין אַ וויכטיקער ביישטייער פאַר דער נאָך יונגער יידישער אַנטראָפּאָלאָגיע. נאָך אירע ביז־איצטיקע דערפאָלגן מעגן מיר דערוואַרטן מער און מיר ווינטשן איר דערפאָלג.

צוזאָג פֿאַר געלט, אַ צוזאָג פֿאַר הילף און אַן אָרט פֿאַר דער אויסשטעלונג, האָבן מיר געמיינט אַז מיר האָבן שוין אָפּגעטאָן אַ גוט שטיקל אַרבעט פֿאַר די צוויי טעג וואָס לינדאַ אַסאַד איז געווען מיט אונדז, און מיר זיינען דעריבער געווען צופֿרידן, נישט וויסנדיק וויפֿל נאָך אַרבעט עס דאַרף געטאָן ווערן און וויפֿל געלט מען דאַרף האָבן אָנצוגיין מיט אונדזער אַרבעט. ערשט איצט האָבן מיר איינגעזען אַז אונדזער קליינע גרופּע פֿון ענטוזיאַסטישע פֿריינד פֿון ייוואָ וועט נישט קענען טראָגן די אַחריות פֿאַר אַזאַ קאָלאָסאַלן פּראָיעקט. האָבן מיר זיך געווענדט צו גוטע פֿריינד, ווי מאַקס אַלפּער, איינער פֿון די גרינדער פֿון אונדזער גרופּע „פֿריינד פֿון ייוואָ“ און אויך אַ מיטגליד פֿונעם דירעקטאָרן ראַט פֿון דער פֿעדעראַציע. אויף זיין עצה האָבן מיר זיך געווענדט צו דעם עקזעקוטיוו קאָמיטעט פֿון דער פֿעדעראַציע און צו אַזעלכע איבערגעגעבענע און וויכטיקע געזעלשאַפֿטלכע טוערס ווי ווילאַרד שאָטינער, מאַקס קאַנדיאָטי און נייטן גראָוויטש. דער רעזולטאַט איז געווען אַז מיר האָבן געקראָגן די נייטיקע הילף און די פֿולע קאָאָפּעראַציע. דעמאָלט האָבן מיר געזען, אַז מיר זיינען אויפֿן ריכטיקן וועג. עס האָט זיך בלויז געפֿאָדערט צייט פֿאַר אַזוי פֿיל מיטינגען מיט פֿאַרשיידענע מענטשן און אַזוי פֿיל קלאָרע, פּראַקטישע פּלענער פֿון אַרבעט.

אין סעפּטעמבער 1979 האָט ראַביי דזשאָסעף פֿיינשטיין איבערגענומען דעם אַמט פֿון קאָנסולטאַנט אין דעם בילדונגס קאָמיטעט פֿאַר דערוואַקסענע און האָט אונדז צוגעזאָגט (אין יידיש) אַז ער וועט זיך פּערזענלעך באַטייליקן אין אַלע צוגרייטונגען פֿאַר דער אויסשטעלונג. מיט נייער ענערגיע און ענטוזיאַזם האָבן מיר איצט זיך גענומען ווידער צו דער אַרבעט. און ווען מיר האָבן פּרעזענטירט אונדזער פּראָיעקט צו דער פֿונדאַציע זיינען מיר שוין געווען זיכער, אַז זיי וועלן דעקן אַלע הוצאות פֿון דעם פּראָיעקט. צום באַדויערן האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט פֿון זייער צוגעזאָגטער הילף. מיר האָבן נישט געוואָלט גלייבן אַז אונדזער גאַנצע מי און אַרבעט איז איצט געוואָרן ווערטלאָז און אַז די אויסשטעלונג וועט נישט פֿאָרקומען.. מיר זיינען געוואָרן אַנטוישט און פֿאַרצווייפֿלט. נאָר איין בעבע סיימאָן, פֿאָרזיצערין פֿון אונדזער קאָמיטעט, האָט נישט פֿאַרלאָרן איר האָפֿנונג. זי האָט אַראַנזשירט מיטינגען מיטן עקזעקוטיוו דירעקטאָר מוירוו לעמערמאַן און מיט דעם עקז. וויצע פּרעזידענט טעד קאַנער און צוזאַמען אויסגעאַרבעט נייע פּלענער וואָס נייטן גראָוויטש האָט פּרעזענטירט צום עקזעקוטיוו קאָמיטעט. ביי יענעם מיטינג איז אירווינג פֿילד, אַ געוועזענער פּרעזידענט פֿון דער פֿעדעראַציע און געוו. נאַציאָנאַלער פֿאָרזיצער פֿון יו־דזשיי־איי, אָנוועזנד געווען און האָט וואַרעם פֿאַרטיידיקט דעם פּלאַן און אויפֿגעוויזן ווי נייטיק און וויכטיק די אויסשטעלונג איז פֿאַר דער פֿעדעראַציע. ער, פֿילד, איז געווען אונדזער מלאך הגואל און אַ נס איז ביי דעם מיטינג געשען. די פֿעדעראַציע האָט באַשלאָסן צו דעקן די הוצאות פֿון צוואַנציק טויזנט דאָלער, וואָס די פֿונדאַציע האָט שפּעטער צוריקגעצאָלט דער פֿעדעראַציע.

איצט האָט זיך די אַרבעט פֿאַנאַנדערגעוויקלט מיט אַ שטאַרקער טעמפּאָ. אין משך פֿון דריי חדשים זיינען מיר געווען פֿאַרנומען מיט די טעכנישע צוגרייטונגען. אונדזער גרופּע האָט דאַן שווער געאַרבעט. און דאָס זיינען זייערע נעמען: חוץ ראַביי פֿיינסטאָן און בעבע סיימאָן זיינען געווען טעטיק רייזל האָראָוויץ, מאַרשאַ דזשאָזעפֿי, ד״ר אברהם זיגלבוים און לאַרי מילער. און ווען ס'איז געקומען צו דער דערעפֿענונג־שמחה דעם 5טן יוני 1980 — צוויי יאָר נאָך דעם ווי דער ניו־יאָרקער אָפֿיס פֿון ייוואָ האָט אונדז געעטן צו אַראַנזשירן די אויסשטעלונג: „דאָס בילד פֿאַר אונדזערע אויגן“ איז געווען שווער צו גלייבן אַז סוף כל סוף איז דער פּראָיעקט רעאַליזירט געוואָרן.

רייזל שימל, אַ 23 יאָריקע יידישרעדנדיקע מיטגלידערין פֿון די לאָס אַנדזשעלעסער יונגע פֿריינד פֿון ייוואָ, איז געווען די הויפּט־פֿאַרוואַלטערין פֿון דער אויסשטעלונג און שווער געאַרבעט יעדן טאָג צו מאַכן זיכער אַז אַלץ איז אין אָר־

דענונג. און דאָס איז זי געווען, וואָס האָט אויך פאָרגעשלאָגן צו פאַרענדיקן די גרויסע אויסשטעלונג מיט אַ פעסטיוואַל פון יידיש קינסטלערישן וואָרט און פאָלקס געזאַנג. מיט דער הילף פון סאבעל בענדער־מאַלאָטניק און דעם בילדונגס קאָמיטעט פאַר דערוואַקסענע, איז אַראַנזשירט געוואָרן די גאַנצע פראָגראַם פון פעסטיוואַל.

אַלע קינסטלערס וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין פראָגראַם האָבן דאָס געטאָן פריייוויליק, אַן געצאָלט: דער ל. א. מאַנדאָלין אָרקעסטער, די באַמאַ שפּילערס, לאַרי גאַרט, ד״ר א. זיגלבוים, אסתר לאָרענס, אַרטשי באַרקאַן, ברוך לומעט און די שימל שוועסטערס. יעדער אנטיילנעמער האָט פאַרדינט לויב און אנערקענונג.

ס׳איז געווען אַ רייכע יידישע פראָגראַם און דער גרויסער עולם האָט שטאַרק הנאה געהאַט. דער דערפאָלג פון דער אויסשטעלונג און דער פעסטיוואַל איז געווען קאָלאָסאַל, גרעסער ווי מיר האָבן געקענט זיך פאָרשטעלן. מיר האָבן דערוואַרט אַן ערך 400-500 מענטשן זאָלן קומען צום פעסטיוואַל. געקומען זיינען 4500 מענטשן יונג און אַלט. דער גייסט און די שטימונג איז געווען דערהויבן, פריידיק און יום־טובדיק. צו דער אויסשטעלונג וואָס האָט זיך אָנגעהויבן דעם 5טן יוני און פאַרענדיקט אויגוסט 3, זיינען געקומען אַרום פופציק טויזנט (50,000) מענטשן. מיר האָבן די גאַנצע צייט פאַרשפּרייט פלוג־בלעטער מיט אינפאָרמאַציע וועגן יידיש און מיר האָבן באַקומען אַ סך אָפּרופן פון מענטשן, וואָס זיינען פאַראינטערעסירט אין יידישע קלאַסן און פראָגראַמען פאַר אָרגאַניזאַציעס.

מיר זיינען זייער צופרידן וואָס אונדזער מי, אַרבעט און גלויבן פון צוויי שווערע יאָר זיינען באַלוינט געוואָרן מיט אנערקענונג פון אַזאַ ענטוזיאַסטישן עולם, וואָס האָט אַלץ ווי געהעריק אָפּגעשאַצט.

**מרים און ד״ר הערשל הערבסט**

---

**אַלעקס ראָבין**

# נאָכוואָרט און אויפקלערונג

דער גוטער און וויכטיקער באַריכט פון **מרים** און **ד״ר הערשל הערבסט** וועגן דער ייוו״א אויסשטעלונג **„דאָס בילד פאַר מיינע אויגן"** אין לאָס אַנדזשעלעס נייטיקט זיך אין אַן אויפקלערונג וועגן דער יוגנט־גרופּע **„פריינד פון ייוו״א"**.

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָבן מיר דאָ אין לאָס אַנגעלעס אָרגאַניזירט אַ יונגע ייוואָ גרופּע, וואָס מיר האָבן געהאָפט וועט ביסלעכווייז איבערנעמען די היגע אַרבעט לטובת דעם ייוואָ. מיר האָבן זיך באַמיט אַריינצוציען איבערהויפּט געוועזענע תלמידים פון דער יידישער מיטלשול, בויענדיק אויף דעם וואָס זיי האָבן אַ הינטערגרונט, און דאַרפן האָבן אַ פאַרשטענדעניש זיך צו באַציען פּאָזיטיוו צו אַן אינסטיטוציע ווי ייוו״א (יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט).

דער פאַרזוך האָט זיך ניט איינגעגעבן. אונדזערע קינדער, אויף וועמען מיר האָבן זיך געשטיצט, האָבן ניט אַרויסגעוויזן קיין אינטערעס און די גרופּע איז זיך ביסלעכווייז פאַנאַנדערגעפאַלן. אָבער אין דעם פּראָצעס פון אָרגאַניזירן איז אונדז געלונגען צו פאַראינטערעסירן עטלעכע יינגערע מענטשן, כאָטש מיט ווייניקער קענטשאַפט און ידיעות פון יידיש, אָבער מיט אַ סך ליבשאַפט, שפּרודלדיקער ענערגיע און אַ ווילן צו טאָן (ווי דער ווייטערדיקער באַריכט באַווייזט).

זיי האָבן רעאָרגאַניזירט די גרופּע און ווי אַ ביישפּיל פאַר אַנדערע, זיך אַליין צוגעלערנט יידיש. דער באַריכט איז פון זיי געשריבן אויף יידיש, וואָס האָט מיך אַליין איבערראַשט). זיי האָבן אָנגעהויבן דורכפירן פּראָגראַמען אויף יידיש איין

מאָל אַ חודש, געפונען אַ לאָקאַל, אַראַנזשירט לעקציעס מיט געסט־שרייבערס, און געשאַפן אַ פונקציאָנירנדיקע גרופע.

די הויפט גורמים אין דעם אַלעמען זייענען די פאַרליבטע אין יידיש: מרים און ד״ר הערשל הערבסט. אמת, זיי האָבן נאָך מיט צוויי יאָר צוריק דערקלערט אַז זיי זיינען ניט גרייט צו אנגאַזשירן זיך אין שאַפן פאָנדן פאַרן יוואָ ווי מיר טוען. זיי ווועלן זיך אָנרופן „פריינד פון ייוואָ“ און זען פאַרשפרייטן דאָס יידישע וואָרט. זיי האָבן געשאַפן פאַרבינדונגען מיט דער יידישער ביוראָ פאַר דערציונג (אָפּטיילונג פאַר דערוואַקסענע) און געוואָרן אינסטרומענטאַל אין העלפן שאַפן יידיש קלאַסן אין שטאָט. און זיי האָבן אויף זיך גענומען די אויפגאַבע צו ברענגען קיין לאָס אַנגעלעס די אויסשטעלונג וואָס האָט געמאַכט אַ רושם אין אַלע גרעסערע שטעט אין די שטאַטן און קאַנאַדע. עפּעס וואָס אונדז די עלטערע איז ניט געלונגען.

וועגן די שוועריקייטן און פראָבלעמען מיט וועלכע זיי האָבן זיך באַגעגנט דערציילן זיי אין דעם באַריכט. דער דערפאָלג איז געווען אומגעהויער. בלויז איבערגעגעבנקייט, ענערגיע, אויסדויער און ענטוזיאַזם האָבן דאָס מעגלעך געמאַכט.

אַוודאי קומט די הערבסטס אַ דאַנק פון גאַנץ לאָס אַנגעלעס און איך וויל דערציילן וואָס הערשל האָט מיר געזאָגט אויפן וועג אַהיים פון דעם פעסטיוואַל.

דאָס וואָס ס׳האָט זיך איינגעגעבן איז אַ דאַנק דעם וואָס זיי האָבן געמאַכט פאַרבינדונגען מיט אַלערליי גרופּירונגען אונטערן דאַך פון דער ביוראָ פאַר יידישער דערציונג.

ס׳באַוויזט, אַז ס׳זיינען דאָ גרויסע פּאָטענצן אַרייַנצוציען גרעסערע צאָלן פאַראינטערעסירטע אין דער אויפלעבונג פון יידיש, אָבער מיר מוזן אַרויסגיין פון אונדזערע ענגע ווינקלען מיטן פּנים צו דעם גרויסן אַרום. ער האָפט אַז די אויסשטעלונג און פעסטיוואַל וועלן זיין אַ שטויס צו דעם. די גרופּע איז אַ לעבעדיקער כוח מיט גרויסע מעגלעכקייטן: ביי זייער אַ יום־טובדיקע זיצונג אין אַ פּריוואַטער שטוב, ווו איך בין געווען פאַרבעטן, זייענען געווען אַרום 60-70 מענטשן, אַלע אונטער פופציק יאָר.

פאַר אונדז, די וועטעראַנען, שטייט די פראַגע: ווי אַזוי בוצט מען דאָס אויס — פאַרוואַנדלען דאָס מן הכוח אל הפועל. דאָס צוזאַמענקומען זיך אין יידישע אונטערנעמונגען איז אַוודי גוט און וויכטיק. אָבער ס׳קען און ס׳דאַרף זיין מער. ווי אַזוי? אפילו דער צענטער פון ייוואָ אין ניו־יאָרק פאַרשטייט ניט ווי אַזוי צו אַקטיוויזירן אַזאַ כוח. דאָס איז איינע פון די יידיש פּראָבלעמען אין אונדזער צייט.


# לשנה טובה תכתבו ותחתמו:

# לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב

שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע אונדזערע מיטגלידער און פריינד בכל מקום שהם.

תכלה שנה וקללותיה
תחל שנה וברכותיה

## ליטעראַטור פּרעמיע א״נ פון פערנאַנדאָ כענאָ פאַררופט קאָנקורס פאַרן יאָר 1980

די קולטור־קאָמיסיע ביים יידישן צענטראַל־קאָמיטעט אין מעקסיקאָ, וואָס אַדמיניסטרירט די ליטעראַטור ־ פּרעמיע אויפן נאָמען פון פערנאַנדאָ בענאָ און וואָס וועט אויסגעטיילט ווערן צום פינפטן מאָל אין חודש מערץ פון קומענדיקן יאָר 1981 (פאַרן יאָר 1980) ווענדעט זיך מיט דעם פאָלגענדן רוף צו אַלע יידישע, העברעישע און שפּאַניש־יידישע שרייבערס פון דער גאָרער וועלט:

אַלע די וואָס ווילן אנטייל נעמען אין יערלעכן קאָנקורס (יאַר 1980) פון דער פערנאַנדאָ בענאָ פּרעמיע דאַרפן צושיקן צו צוויי (2) עקזעמפּליאַרן פון זייערע געדרוקטע ווערק אין יידיש, עברית אָדער שפּאַניש, צו דער קולטור־קאָמיסיע ביים יידישן צענטראַל־קאָמיטעט אין מעקסיקאָ. אין חודש מערץ 1981 וועט אויסגעטיילט ווערן די פּרעמיע פאַרן יאָר 1980 צו דריי ביכער אין די אויבנדערמאָנטע דריי שפּראַכן. יעדע פּרעמיע באַטרעפט די סומע פון טויזנט דאָלער.

ביים שיקן די געדרוקטע ווערק, ווילן מיר בעטן אַלע מחברים, אַז זיי זאָלן נעמען אין אַכט די פאָלגנדע תקנות פון ליטעראַטור־פאָנד:

א) די געדרוקטע ביכער דאַרפן האָבן אויף זייערע שער־בלעטער די דאַטע פון זייער דערשיינען אין משך פון די לעצטע צוויי יאָר צייט, דאָס מיינט 1979 אָדער 1980.

ב) ביכער וואָס זיינען שוין פּרעמירט געוואָרן דורך אַנדערע ליטעראַטור־פאָנדן קענען ניט גענומען ווערן אין אַכט.

ג) דער טערמין פון צושיקן ביכער (צוויי עקזעמפּליאַרן אומבאַדינגט) כדי צו קענען זיך באַטייליקן אין קאָנקורס פאַרן יאָר 1980 ענדיקט זיך דעם 31טן דעצעמבער ד. י. אַלע ביכער דאַרפן געשיקט ווערן אויפן פאָלגענדן אַדרעס:

מיט אַכטונג,

**קולטור־קאָמיסיע ביים יידישן צ. ק.**
**אין מעקסיקאָ**

שלום לאָקער, פּאָרזיצער
חיים לאזדייסקי, סעקרעטאַר

COMITE CENTRAL ISRAELITA
*Premio Literario 'Fernando Jeno'*
Acapulco 70—503
MEXICO 7, D.F.

## „די אַנדערשקייט פון אַמעריקאַנער יידנטום״ פון שואל גוטמאַן דערשינען

עס איז דערשינען אַ וויכטיק בוך עסייען: „די אַנדערשקייט פון אַמעריקאַנער יידנטום״, פון שואל גוטמאַן, באַוווסטער געלערנטער, עסייאיסט און דערציער, פּראָפעסאָר עמעריטוס פון יידישער פילאָסאָפיע און ליטעראַטור אין גראַדויר־אָפּטייל פון יידישן לערער־סעמינאַר — הרצליה.

אין בוך ווערן באַהאַנדלט די פונדאַמענטאַלע פּראָבלעמען פון אונדזער צייט, די באַזונדערקייט פון אַמעריקאַנער יידישן קיבוץ, די ראָלע פון ליטעראַטור אין גייסטיקן לעבן, די יידישע יוגנט און יידישע דערציונג. דאָס בוך באַשטייט פון פינף טיילן: די אייגנאַרטיקייט פון אַמעריקאַנער יידנטום, ליטעראַטור און דיכטונג, אינטעלעקטואַלן און אידעאָלאָגיעס, די יינגערע דורות אין אַמעריקע; דער מחבר שילדערט די פּערזענלעכקייטן און דעם בייטראָג פון די יידישע שריפטשטעלערס און פּאָעטן: אהרן צייטלין, דוד איינהאָרן, אַברהם ליעסין, מאָריס סעמיועל, אברהם העשעל, האָראַס קאַלען, מאָריס קאָהען, ש. ניגער, אַברהם מענעס, א. לעיעלעס, יעקב גלאַטשטיין, דזשאָרדזש סטיינער, יודל מאַרק, שלמה סיימאָן, און אַ צוואַנציק אַנדערע פּען־מענטשן.

דאָס בוך איז דערשינען אין י. ל. פּרץ פאַרלאַג אין ישראל. עס באַשטייט פון 440 זייטן, שיין געבונדן, מיט אַן אינדעקס. עס קאָסט $12 מיטן איבערשיקן. מ׳קען עס באַקומען אין „ציקאָ־פאַרלאַג״, 25 איסט 78סטע גאַס, ניו־יאָרק, נ. י. 10021, אָדער אין „פאַרלאַג מתנות״, 3301 ביינברידזש עוועניו, בראָנקס, ניו־יאָרק, 10467.

# לזכר עולם

## זיגמאַנד (זעליק) לעוו ז״ל

ער איז געווען אַ זעלטן אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייט. דערצויגן אין אַ משׂכּילישע סביבה, האָט ער איינגעזאַפּט אין זיך סיי די אַלטע און סיי די נייע ליטעראַטורן אונדזערע. ער האָט שטענדיק געשפּרודלט מיט פּאַרביקייט, וויץ, חכמה און תורה. אין אַלץ, אין אַלע זיינע געדאַנקען און רייד איז געקומען צום אויסדרוק זיין הומאַניזם, וואָס ער האָט געשעפּט פון די אַלטע יידישע קולטור־אוצרות און פון די נייע, וואָס ער האָט אַזוי גוט געקענט.

זיגמאָנד לעוו איז געווען אַ נוח לבריות. ס'איז געווען אנגענעם זיך צו געפינען אין זיין געזעלשאַפט. ער האָט אַלע מאָל געשאַפן אַרום זיך אַן אַטמאָספערע פון אינטימקייט און היימישקייט. די טעאַטער קונסט איז געווען זיין הויפּט אינטערעס, כאָטש ער האָט ניט צו אָפט געהאַט אַ מעגלעכקייט אויסצונוצן זיין טאַלאַנט. און אַ פאָרלייענער איז ער געווען בחסד עליון. ער פלעגט באַצויבערן דעם עולם מיט זיינע פאָרלעזונגען פון די קלאַסיקער און דער בעסערער יידישער ליטעראַטור, און אַלע מאָל בעל פּה, צוליב זיין פענאָמענאַלן זכרון.

גאָר טיף פילן מיר דעם פאַרגיין פון אַ ליבן מענטש און גוטן פריינד. זיין פּטירה האָט איבערגעלאָזט אַ בלויז און אַ פּוסטקייט וואָס וועט לאַנג, לאַנג בלייבן ביי אונדז, זיינע פריינד.

ער האָט נאָך נישט געהאַט צו זיך געקומען פון אבלות נאָך זיין באַליבטער פרוי רעגינאַ, וועלכע איז נפטר געוואָרן מיט אַ יאָר פריער, און איז אַליין אַוועקגעריסן געוואָרן פון אונדז. מיר וועלן אים לאַנג געדענקען.

---

דער „חשבון" דריקט אוים טיפן צער
און מיטגעפיל צו די גוטע פריינד רעי
און דזשעק קאַהאַן אויף דער פּטירה

פון זיין עלטערן ברודער

### שמעלקע קאַהאַן ע״ה

פּאַריז, פראַנקרייך.

דער פאַרלוסט איז גרויס סיי פּערזענלעך, סיי געזעלשאַפטלעך. ער וועט פעלן דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט פון פראַנקרייך פונקט ווי דער פאַראָבלטער משפחה. לאַנגע יאָרן איז דער נפטר געווען אַקטיוו אין דער גרויסער אַרבעט פאַר ישראל, פאַרן קרן היסוד און פאַר דער אָרטיקער יידישער געזעלשאַפט.

געפינט טרייסט, טייערע פריינד דזשעק און רעי, אין דער גוטער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט וואָס איר ווידמעט אייער שיין לעבן.

פאַרוו. און רעדאַקציע „חשבון"

---

## מאַקס (מרדכי) קרעמער

### געשטאָרבן אויגוסט 3, 1980

מאַקס קרעמער, דער גוטהאַרציקער, געזעלשאַפטלעכער טוער און געטרייער פאָלקס־מענטש, איז נפטר געוואָרן נאָך אַ לאַנגער קראַנקייט.

ער לאָזט איבער אַ פרוי, צוויי טעכטער: ראָוז און מיני, דריי אייניקלעך, איין אור־אייניקל און אַ פלימעניק אַ ניצול געוואָרענער קאַצעטניק, יוסף שטיינשרייבער. (קרעמערס יינגסטער ברודער, אָשר, אויך אַן אָפּגעראַטעוועטער, האָט נאָך באַוויזן צו קעמפן אין דער 6־טאָגיקער מלחמה איידער ער איז יונגערהייט געשטאָרבן.

זיין פרוי, לאָטי, בעט אויסצודריקן אין איר נאָמען אַ גרויסן און טיפן דאַנק די אַלע געטריי פריינד, וועלכע זיינען איר ביי געשטאַנען, אונטערגעטראָגן מאָראַלישן כוח בעת און נאָך זיין אומפאַרמיידלעכן טויט.

כבוד דעם געדעכעניש
פון מאַקס קרעמער.

## שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

**הירשביין-רויזענבלאַט צווייג 359**
**ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד**

מאָריס דייטש, פאָרזיצער
פנינה אָסמאַן, סעקרעטאַר

---

**וויצמאַן-זאַלצמאַן צווייג**
**ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד**

דוד שרגא, פאָרזיצער
העגרי קאָמינס, סעקרעטאַר

---

**שלום עליכם צווייג**
**ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד**

---

**אַרטור זיגלבוים ברענטש 486**
**אַרבעטער רינג**

---

**וולאַדעק ברענטש 443**
**אַרבעטער רינג**

מאַקס דומאַק, פאָרזיצער
דוד גאָלדמאַן, סעקרעטאַר

---

**בן-גוריון צווייג**
**ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד**

דזשעק קאַהאַן, פאָרזיצער
גנענדל באַנטשעק, סעקרעטאַר

---

**באַראַכאָוו-פינסקי עמק צווייג**
**ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד**

לעאָ שלאַפמאַן, פרעזידענט
מאיר רוביק, סעקרעטאַר

---

**דרורה צווייג פיאָנערן פרויען**

רעגינאַ קירמאַן, פרעזידענט
פערל טעמפער, סעקרעטאַר

---

**יונגע פריינד פון**
**יידיש וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט**
**ייווא**

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

☆ ☆ ☆

צילי און שלמה צוקערמאַן

---

רעי און דושעק (יעקב) קאַהאַן

---

מנחם קאַרסאָן

---

שרה און שמחה ליינער
און משפחה

---

בעסי און יודזשין ווייס

---

אַ האַרציקן פריילעכן ניי־יאָר צו אַלע אונדזערע פריינד און באַקאַנטע אין אַמעריקע און חוץ לארץ.

סימע קאַרפּ (לזכרון מיין ליבן מאַן פּסח)

תכלה שנה וקללותיה
ותחל שנה וברכותיה

---

לודמילאַ און נתן גערשאָוויטש

---

שנת חיים ושלום צו מיינע חברים און פריינד, מדינת ישראל וכל ישראל.

וועלוול שאָר

---

פרידמאַן פריידל און יעקב

# שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

אבראַמס, נחמה און צבי
אָרטענשטיין, פייגל
אייכנטאַל, ליליען און הערמאַן
אָמאַן, סאָניע
אַפּטייקער, אסתר
אָסטראָוו, ריסל

בוימגאַרטן, איטאַ און שעפּסל
מאָנטרעאַל
בראַדי, פיליפּ
בעקער, ד"ר לייזער און רות
(פיניקס, אַריז.)
גילינסקי, ליובאַ
גאָלאָמב, רבקה און אברהם
גורעצקי, סילוויאַ
גילדער, שמחה
גלאַזער, חייקע און משה
גורא, מערי און הערי
גאָרנשטיין, לאה און משה
גאַלינאַ, סאָניע און אברהם
גליקמאַן, סעסיליאַ און בערנאַרד

דאַטשעס, בלענטש און מאַקס
דאַליניק, אַנאַ — (סאַנטאַ מאָניקאַ)
לזכרון מיין מאַן ד"ר דאַלניק
הירש, משה
העלמאַן מ. (מאָנטרעאַל)
האַדאַ, ד"ר זשאַנעט
וואַנאַמייקער, מאָרים
וויינשל, חיים (מילוואָקי)
זיגלבוים, ד"ר אברהם און טעמע
טראָמבקאַ, חוה און יוסף
ליפּסאַן, ראָוז און שמעון
מאַנדלבוים, עטל און משה
ספּערלינג, מאַלי און סאָול
סאַפּיאַן, חייקע און שמחה
סאַפּיאַן, פּעי
אין אָנדענק פון מיין מאַן יצחק

סיגל, סאָפי
ספּערלינג, דוד
סאַרטאָ, גאָסי
סיגל, מיני און אָסקאַר
סטאָליאַר־קייזער, דאָראַ

פרידמאַן, עדינה
פּאָלאַק, אסתר און סעמיועל
פּריזענט, פּעני און סאָל (פּיטסבורג)
פּרימאָסט, דזשעני און טשאַרלס
פרידמאַן, ראַביי יעקב און לאה
פעלדרייז, גיטל
פרידמאַן, חיה און גרשון
פישמאַן, ד"ר בוירט און בעטי
(פּאַסאַדינאַ)
פּאָרטער, העלען און יוסף

קירמאַן, רעגינאַ
קעניגזאָן, געניע
קוליק, עטל און חיים
קליינבאַרד, רחל און בנימין
קאַהאַן, רחל און אברהם
(דעזערט האָט ספּרינגס)
קראָוז, רעגינאַ און בען
סאָפי און הערשל קאַזאַק

ראָטבלום, זהבה און יצחק
ראָגאַלסקי, דאָראַ
ראָזען, שמחה

שטיינבערג, קלאַראַ, דזשעק
און משפחה
שייפער, גילדאַ און טשאַרלי
שוגער, ד"ר קאַרל
שימער אידאַ
שטיינמאַן, סאַבינאַ און נייטן
שקליאַרעק, דאָראַ און משה
שנור, יוסף
שלאָסער, נעכע און זלמן
שייפער, ליובאַ און יעקב

# שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

אבראַמס, העלען און הערי

בערגער, סאָפי
בערמאַן, חוה און העניעך
ברייס, טילי און תנחום
בלאַשטיין שרה, נחום און קינדער
בורשטיין, ד״ר הערשל און פרוי

גאָרנשטיין, פרומע און דוד
גאָלדפאַרב, לילי און עמנואל

דייטש, רחל און אלימלך
דיימאָנד, אסתר

האָפּשטיין, פעני און מאיר
הירש, צבי, טאָני און איליי

וואודס, בנימין און פרוי
וואַנאַמייקער, באַשע און רחל
סלאָבאָדקין
וויינשטיין, רחל און אליעזר
ווייס, פלאָראַ און שמואל
וועלטמאַן, פראַניע
אין אָנדענק פון מיין מאַן משה מענדל

זייף, ציפורה און אליעזר

טיליס, ראָוז און יוסף

טויבעס, גיטל
אין ליבטיקן אָנדענק פון מיין מאַן
יעקב שמואל טויבעס ז״ל

טאַובער, סאלי און בעריש
טיילאָר, ליבע און מאיר
(דעזוערט האָט ספרינגס)

יאַסמאַן, רות

כ״ץ, דאָראַ און טוביה
כהן, משה

לאַסאָס, טוביה
לאַנדסמאַן, ליליען און בערנאַרד
לעוויטאַן, הערי
לזכר מיין פרוי אסתר מלכה
לישינסקי, שלמה
אין אָנדענק פון מיין פאָטער שמואל
לאַקריץ, ישראל
לעווין, רעגינאַ און דזשעק

מאַרגאָלין, איציק
משרת, סאָניע און הערשל

נאָדעלמאַן, בעקי און משה
נוטקעוויטש, בעטי און סערגיי
ניומאַן, אליהן
(דעזוערט האָט ספרינגס)

סטענזאָר, גיטל און איזידאָר

סאָלעס, רבקה און זאב
לכבוד ראש השנה תשמ״א ווינטשן מיר אונדזערע פריינד בכל מקום שהם און חברים אין לאָס אַנדזשעלעס, אַ גוט און געבענטשט יאָר.

סלוצקי, רחל און מענדל
סלוצקי, אברהם און פרוי

פינקלשטיין, סיידי
פיטערס, אירווינג און פרוי
פינקלשטיין, יצחק
פישער ד״ר בערנאַרד און ליסאלעט
פעלנער, פייגע
פרענקל, גערטרוד
פאָנטיין דזשין און אירווינג
פאקס, מרים און סידני

צוקערמאַן, טשאַרלי

## שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת שראל און איבער דער גאַנצער וועלט

קאַטלער, דזשעני און משה
קאַטלער אַנאַ
קאַפּלאַן, משה
קאַפּלאַן רחל און דוד
קרעמער, לאָטי (מלאך)

ראַדזשער, יוסף און משפחה
רוהמאַן, חנה
ראַבין, אַלעקס און משפחה
רומאַק, מאַקס
ראָזענטל, אפרים

שעלי סאַראַ און דניאל
שניידמאַן, בערנאַרד
שאַרף, עלסי און לערי
שלאַפּמאַן, ליובאַ און לעאָן
שאַפּיראָ, באַשקע
שאָר, ווילי (וועלוול)
שולוויס, גערטרוד
שרגא, דוד — לזכרון מיין רבקה ע״ה
שטראַסבערג, ליליען און משה

---

**האַרציקע גרויסן צו אונדזער תושב, דעם קולטור און געזעלשאַפטלעכן טוער**

### משה נאַדלמאַן

**צו זיין 80סטן געבוירן־יאָר.**

מיר ווינטשן אים, זיין איבערגעגעבענע פרוי בעקי און קינדער נאָך אַ סך שעפערישע יאָרן פון געזונט און אַרבעט לטובת הכלל.

פאַרוואַלטונג און רעדאַקציע „חשבון"

---

מיר ווינטשן אַ גוטן און געזונט יאָר צו:

פאָזי, בעלאַ און אריה

סיגל, שמואל און אַלאַ
**און זייערע משפחות**

לאה און שמואל אָסטראָף
**סיגייט, ברוקלין, נ. י.**

---

**אונדזער האַרציקע באַגריסונג**
אַ לאַנג־יאָריקן פריינד

### וועלוול שאָר

**צו זיין 95סטן געבוירן־יאָר.**

מיר ווינטשן אים נאָך אַ סך גוטע יאָר פונגעזונט און מעשים טובים.

יעטאַ און ז. בונין

---

ס'איז פאַר מיר אַ פרייד צו באַגריסן מיין גוטן פריינד

### וועלוול שאָר

**צו זיין 95סטן געבוירן־יאָר.**

איך ווינטש אים נאָך אַ סך געזונטע יאָר ער זאָל קענען וייטען אָנגיין מיט זיינע מידות טובות.

סאָפי בערגער

---

**מיר באַגריסן אונדזער גוטן פריינד**

### הערשל קאַזאַק

**צו זיין 80סטן געבוירן־יאָר**

מיר ווינטשן אים צוזאַמען מיט זיין ליבער סאָפיען אַריכת ימים ושנים.

פלאָראַ און שמואל ווייס

אונדזער דאַנק צו די פריינד וואָס פאַרגעסן אונדז נישט:

שיקאַגאָ שלום עליכם פאָלקס אינסטיטוט
י. מעלאַמעדאָוויטש, סעקרעטאַר — — — — $500.00
יידישער צענטראַל־קאָמיטעט אין מעקסיקאָ — — $100.00
תנחום ברייס — — — — — — — — — — — — — $100.00

פאַרוואַלטונג און רעדאַקציע „חשבון"




# דער אַרבעטער רינג

## פון לאָס אַנדזשעלעס

שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע מיטגלידער און פריינד בכל מקום שהם.

לאָמיר דערלעבן צו אַן אמתן שלום צווישן ישראל און אירע שכנים, ווי אויך אַן אמתן שלום אויף דער וועלט.

THE WORKMEN'S CIRCLE

1619 South Robertson Blvd. • Los Angeles, Calif. 90035

אָדער טעלעפאָנירט: (213) 552-2007